STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04778

BAY UNZ IN VAYTSHEPL

A. M. Kaizer

Permanent preservation of this book was made possible
by Anna Solomon
in memory of
Miriam & Isidor Korenhauzer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. מ. קייזער / ביי אונז אין ווייטשעפל



דער מחבר — ווי דער מאָלער
אַלוואַ האָט אים דאָס פנים
פאַרשוואַרצט.

א. מ. קייזער

ביי אונז אין ווייטשעפל

מעשיות און מעשה׳לעך

לאנדאן 1944

פארלאג י. נאראדיצקי

THIS WHITECHAPEL OF OURS

Humorous Sketches

by

A. M. KAIZER

א י נ ה א ל ט

	זייט
ווייטשעפּל (אַנשטאָט אַן הקדמה)	3

אינעווייניק און אין דרויסן

פרילינג אין ווייטשעפּל	9
צוויי גאַסן — צוויי מזלות	13
דער „ווייטשעפּלער־עקספּרעס"	17
דאָס מזל פון אַן אָמניבוס	21
דאָרט וואו ס׳בולבעט זיך	25
אַז איר גייט אין אידישן טעאַטער	29
מ׳קלייבט חזנים	33
קורסן פאַר „הרי־את"	36
דער „וואָטשער"	39
„אויף דער געלערי"	42
אַ אידישע פּאַטשיילע	46
אַ פּיעסע מיט אַ קנאַק	49
ס׳גייט אונטער	53

פון אונזער געמויזעכץ

צווישן צוויי פייערן	61
פון מאַנטיק ביז מיטוואָך	65
עברית באידיש	68
ירוחם טענה׳ט זיך אויס מיט דזשאָן בול׳קע ..	71
משה רבינו אין לאָנדאָן	75

צווישן אונז גערעדט

אודאי וויל איך חתונה האָבן 83
דער „ספּעשל קאַסטומער" 87
איי, די מענער! 92
אין די לאַנגע נעכט 96
זייט אַ דזשענטלמען 100
ביי לייטן אַ מאַן 103
סדר־נשים — אָדער: פון אַ ווארט אַ קוואַרט .. 108

אין די יום-טוב׳דיקע טעג

דער אלול־יאַריד 115
נאָך ראש־השנה 119
מאַלע וואָס אַ מענטש קוקט 123
איך שטעל אויף אַ סוכה 127
דער „נס־חנוכה" פון לאָנדאָן־ברידזש 130
אַ חמשה־עשר׳דיקע פייג 137
זיין מאַיעסטעט — דער מלך 142

מלחמה׳דיקס

ירוחם פירט מלחמה 151
אַ גאון׳ישער אויפטו 155
ירוחם זאָגט נביאות 160
איך גיי קויפן אַ קריגסשיף 164

וואס איז דער טייטש?

(אַנגליציזמען גענוצט אין דעם בוך) 169

ו ו י י ט ש ע פּ ל

(אַנשטאָט אַן הקדמה)

אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן זיין וועלטל, האָט ער, קענטיק, אַ טייל ערטער באַשאַפן פּאַרוויז, צו צוויי פון יעדן מין. אַזוי, למשל, האָט ער ר ו ס ל אַ נ ד מזכה געווען מיט אַ שטעטל בעלאַצערקאָוו — „וויס־קלויסטער“, וואָס אידן רופן „שוואַרצ׳טומאה“, און ע נ ג ל אַ נ ד — מיט אַ צווייטע בעלאַצערקאָוו, וואָס הייסט אויף ענגליש: ו ו י י ט ש ע פּ ל, אויף אידיש: „וויסער־קלויסטער“.

קיין ווייסן קלויסטער וועט איר אין אונזער ווייטשעפּל נישט געפינען. דערפאַר טאַקע איז אַ סברא, אַז אידן אַליין האָבן יענעם שטח, וואָס ליגט אויסגעצויגן ביי דער טעמזע, אַ נאָמען געגעבן ו ו י י ט ש ע פּ ל, אַ נאָמען נאָך זייער באַליבטע בעלאַצערקאָוו, מחמת דער רוב אידן, וואָס האָט זיך דאָ באַזעצט שטאַמט פון אַזעלכע בעלאַצערקאָווס אין דער אַלטער היים. האָבן זיי דאָס היימישע שטעטל מיט אַלע אירע בלאָטקעלעך און רינשטאָקלעך, מיט האַק און פּאַק, אַריבערגעטראָגן אַהער און אפילו נישט משנה־שם געווען. ס׳איז דאָס אַלטע בעלאַצערקאָוו. אויף ענגליש — ווייטשעפּל.

איינגעטלעך האָבן זיי זיך גאָר נישט געקליבן קיין ווייטשעפּל. די בויד זייערע האָט זיך גאָר געשטיטן קיין אַמעריקע, צום „גאָלדן־לאַנד“. נאָר דער מענטש טראַכט און גאָט האַלט די לייצעס — פּאַרפאָרט די בויד קיין לאָנדאָן און.... טפררררו! ס׳האָט געפּלאַצט אַ ראָד און מ׳איז געבליבן שטעקן. האָבן אידן, וואָס שטופּן זיך, כידוע, תמיד צום „מזרח“, זיך פאַרקליבן אין מ ז ר ח פון לאָנדאָן, אין ווייטשעפּל, אויסגעפּאַקט די פּעקלעך מיט די בעבעכעס און גענומען סטראָיען אַ נייעם לעבן; זיי האָבן זיך פאַרנומען — ווער מיט שניידעריי, ווער מיט מסחר, ווער מיט מלמדות און ווער ס׳האָט צו די אַלע מלאכות נישט געטויגט, איז געוואָרן אַ כלי־קודש.

און ווייטשעפּל האָט זיך צעוואַקסן, האָט אויסגעבויט שולן, בתי־מדרשים, תלמוד־תורה׳ס, ציימונגען, טעאַטערס און אָן אַ צאָל חברות, איין חברה אויף דער צווייטער, מיט גבאות, מחלוקת און פּעטש, כמו שנהוג, ווי ס׳פירט זיך ביי אידן, וואָס קומען פון די בעלאַצערקאָווס.

ווייטשעפל איז געוואָרן אַ שם־דבר.

אַ קלייניקייט — ווייטשעפל!

ווייטשעפל מיט אירע א י ד י ש ע שולן, שולן מיט תלמוד־תורה׳ס, מיט משניות־לערנער, מיט תהלים־זאָגער, שולן וואו די טיר מאַכט זיך קיינמאָל נישט צו — מ׳לערנט און מ׳דאַוונט דאָרט טאָג און נאַכט.

ווייטשעפל מיט אירע ע נ ג ל י ש ע שולן, וואו ס׳איז קיין מנין אויף אַ רפואה נישטאָ. דינגט מען דאָרט דאַוונערס, „מנין־לייט" הייסן זיי. צאָלט מען זיי נישט קיין שכירות, איז אויס דאַוונען — און יאָרצייט־לייט בלייבן אָן קדיש.

ווייטשעפל מיט איר „רויטן רב", וואָס קעמפט קעגן דער איצטיקער אָרדנונג מיט כל־ערליי פסוקים, מאמרי חז״ל און ענלעכע כלי־זיין; מיט איר געזוועזענעם באָלשעוויסטישן מיניסטער, אַ כפול־שמונה׳דיקן סאָציאַליסט, וואָס איז פרום סכנת־נפשות, לייגט צוויי פאָר תפילין און לערנט אַ פרק קאַרל מאַרקס נאָך׳ן דאַוונען.

ווייטשעפל מיט אירע חברה קדישא׳ס, מיט אירע פ ע ט ע און מ א ג ע ר ע בר־מינן׳ס, מיט אירע „בעריעל מעמבערס", וואָס צאָלן וואָכנגעלט, מ׳זאָל זיי נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר גוט באַגראָבן און באַזאָרגן די אבלים מיט קליינע בענקעלעך אויף שבעה־זיצן.

ווייטשעפל מיט איר היימישן מרחץ, וואו אידן פאַרקריכן אויף דער אויבערשטער באַנק און געוואַלדעווען: „פאַרע! פאַרע!". גיסט מען עמערס וואַסער אויף די צעגליטע שטיינער און מאַטל דער שמייסער שמייסט אידן אויף וואָס די וועלט שטייט. ער „גיט אַ פלייצע" אויף׳ן היימישן שטייגער, און אידן צעגייען פאַר וואוילטאָק, שמעלצן זיך פון נחת און אויקען: „אוי, ס׳אַ מחיה!".

ווייטשעפל מיט אירע מיסיאָנערן, וואָס טראָגן בערדלעך און עסן בלויז אין כשר׳ע רעסטאָראַנען. שבת בייטאָג, נאָך׳ן קוגל, קריכט דער אַלטער מיסיאָנער אַרויף אויף אַ בימה אין אָפענעם ווייטשעפל און נעמט דערלאַנגען זיך „דרשה ליהודים". גייען אַדורך אידן, שטעלן זיך אָפּעט, הערן זיך איינעט, שפּייען אויס, זאָגן „שקץ־תשקצנו" און גייען מנחה דאַוונען.

ווייטשעפל מיט איר וואָכעדיקן מאַרק, וואָס שבת איז ער געשלאָסן — די „לייך" — וואוהין אידן קומען צופאָרן פון מרחקים מיט זייערע לוקסוס־אויטאָמאָבילן כדי איינצוהאַנדלן אַ מילכיקן שמאַלץ־הערינג, אַ היימישן קאָרפּ און אידישע ראַזאַוואַנע ברויט. דאָרט, אויף׳ן מאַרק, שטייט ביי אַ שטעלכל מיט ברילן אַ אידל אַ קליינס מיט אַ שבת־הגדול׳דיקער באָרד און פאַסט צו שפּאַקולן מיט אַ סידור׳ל אין

דער האַנט. ער האַלט אַן אויף׳ן קונה׳ס נאַז אַ פּאָר ברילן, מישט אויף דאָס סידור׳ל און הייסט אים לייענען. האָט אַמאָל געטראָפן, אַז דער קונה האָט אויף די אַלע אָנגעמאָסטענע ברילן נישט געקענט לייענען, איז דאָס אידל מיט דער שבת־הגדול׳דיקער באָרד געוואָרן מלא־חימה און זיך אָנגערופן: „ר׳ איד, איר דאַרפט נישט קיין שפּאַקולן, אַ מלמד דאַרפט איר!״.

ווייטשעפּל מיט איר שבת׳דיקן מאַרק, וואָס ליגט צולייגט מעשה־פּריץ אויף׳ן ברייטן ווייטשעפּלער טראָטואַר, וואו אידישע בייגל־פּאַרקויפערינס שווערן זיך, „ווי ס׳איז היינט שבת אויף דער וועלט, אַז די בייגל זענען היינט געבאַקן געוואָרן!״.

ווייטשעפּל מיט אירע כשר׳ע רעסטאָראַנען און אכסניות, וואו ביי איין טישל שוויצט אַ איד איבער אַ פעטן טעלער לאָקשן מיט יויך, ביי אַ צווייט טישל האַקט חברה אַ קערטל און ביי אַ דריט טישל זיצט אַ מלמד און לערנט מיט אַ מיידל עברי און ברכות.

ווייטשעפּל מיט איר „אידישן־פּאַרלאַמענט״ — באָרד־אָף־דעפּיוטיס — וואוהין חברה ש״ס דעלעגירט אַ קאַלאַנעל; חברה משניות שיקט אַ חצי־קאָמוניסט און חברה תהלים — אַ כשר׳ן סאָציאַליסט, וואָס דרשנ׳ט פון דער „הייטטיקער סדרה״.

ווייטשעפּל מיט איר ליבע צו ליטעראַטור און אירע מחברים. ווייטשעפּל גייט נישט קויפן אַ אידיש בוך אין אַ געשעפט, נאָר דער מחבר שטייט ביים אַריינגאַנג פון יעדער אסיפה און שטופט מיט כח אַריין זיינס אַ חיבור.

ווייטשעפּל מיט איר קעלבערנער התפּעלות. קומט צו איר אַ גאַסט, טראָגט זי אים אויף די הענט, צאַצקעט זיך מיט אים און לעקט די פינגער פון יעדן וואָרט זיינס. נאָר קוים בלייבט ער דאָ אַ ביסל לענגער ווי מ׳דאַרף, איז — עט, ווייסיך־וואָס! אַן אָנשיקעניש! אַ שלים־מזל! אַ נודניק!

ווייטשעפּל מיט אירע גוטע פריינט — פריינט פון אידיש, פריינט פון העברעאיש, פריינט פון סאָוועט־רוסלאַנד, פריינט פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל און אַנדערע מינים פריינט, וואָס ווען נישט די מורא פאַר׳ן „קנעפּל״, וואָלטן זיי זיך איינער דעם אַנדערן דורס געווען.

ווייטשעפּל מיט איר אייגנאַרטיקן חצי־ענגלישדיקן אידיש. אַז ווייטשעפּל זאָגט „זי גייט אויס!״ הייסט עס חלילה נישט, אַז זי איז נוטה־למות, אַז זי האַלט ביי דער גסיסה. אדרבא, ס׳איז ביי עלטערן גאָר אַ גרויסע שמחה אַז זייער טאָכטער „גייט אויס״, ווייל זי גייט אַ כלה ווערן. אָדער „ער האָט איר אָנגעטון רינגען״, מיינט נישט חלילה אָנגעטון איר קייטן, נאָר דאָס באַטייט גאָר, אַז זי איז אַ כלה געוואָרן און

האָט באַקומען פֿון חתן אַ פֿינגערל, ווי ס׳איז דער מנהג אין ענגלאַנד.

אָט דאָס איז ווייטשעפּל, דאָס מפֿורסם׳דיקע ווייטשעפּל, וואָס איז אַריבערגעוואַקסן אירע געאָגראַפֿישע גרענעצן און האָט זיך צושפּרייט איבער דער גאַנצער ענגלישער מדינה.

ואני — און איך, א. מ. קייזער, אַליין אַ ווייטשעפּלער פֿון קליינווייז אָן, האָב אונזער ווייטשעפּל זאָל מאריך ימים זיין אָפּגעפּאָרטרעטלט; באַשריבן, הייסט עס, לויט מיין אייגענעם נוסח און גיב עס אַרויס אין אַ באַזונדער בוך.

זאָל די וועלט אָנקוקן דאָס פּנים פֿון מיין ליבן האַרציקן ווייטשעפּל.

לאָנדאָן, יאַנואַר 1944. א. מ. קייזער.

אַ פּאַרטייטשונג פֿון אַלע ענגלישע ווערטער, וואָס ווערן אין דעם בוך באַנוצט, וועט דער לייענער געפֿינען אויף די זייטן 169—174 אונטערן קעפּל „וואָס איז דער טייטש?“. די דער־קלערונגען זענען ערטערווייז געגעבן געוואָרן לויט די אָנגענומענע שפּראַך־באַגריפֿן פֿון ווייטשעפּלער „עמך“.

אינעווייניק
און אין דרויסן

פרילינג אין ווייטשעפּל

דער פרילינג איז דאָ! — אַזוי זאָגט דער לוח־הקדוש און אַזוי זאָגן די פּאָעטן.

בין איך אַוועק אים, דעם פרילינג, הייסט עס, מקבל־פּנים זיין. אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך אַרומגעדרייט איבער ווייטשעפּל מיט אַ פּאַררי־סענעם קאָפּ צום הימל און אויסגעקוקט מיינע אויגן נאָך אַ שטיקל „הימל־בלוי״; פון מייל־ענד־געיט ביז אַלדגייט־פּאָמפּ האָב איך געזוכט אַ ברעקל זון־שטראַל — והילד איננו! ניטאָ אים!

אַ קאַפּריזנער הימל, אומעטיק און באַטריבט, באַדעקט מיט אַ גרויער קאָלדרע, וואָס איז געשטיקעוועט מיט געלע־פּאַפּעליאַטע לאַטעס. איבער׳ן ברייט פון דעם דאָזיקן הימל הענגט אַ בלוי־ווייסע לענטע מיט אַ אידישער אויפשריפט: „קומט אַלע צום אידישן נאַציאָנאַל־פּאָנד באַ־זאַר אין דער ווייטשעפּל אַרט גאַלערי״. שוין יאָרן הענגט שוין די דאָזיקע לענטע איבער׳ן הימל, און זי וועט אַזוי בלייבן הענגען און הענגען, פּונקט ווי דער זעלבער גרויער הימל וועט בלייבן הענגען איבער אונזערע קעפּ מאָרגן און איבערמאָרגן.

האָב איך אַראָפּגעלאָזט מיינע אויגן צו דער ערד און דערזען ווי ריטשקעלעך קאַלעמוטנע וואַסערן לויפן אַרום איבער די גאַסן פון וויי־טשעפּל, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָס איז האָט געלאָזט און דער פרי־לינג איז באמת דאָ. איך האָב זיך דערמאָנט אַז מיין שטעטל פאַר פּסח, ווען די שנייען צוגייען און די רינשטאָקן מיט די לוזשעס לאָזן זיך לויפן מיט אַן אימפּעט, טראָגנדיק מיט זיך שטיקלעך פאַרדאַרטן טשאָלנט, פּע־דערן און שאר־ירקות. אויך דאָ האָב איך באַמערקט רינשטאָקן אָנגע־פּיקעוועטע מיט קעפּ פון פיש, קישקעלעך מיט אינגעווייד פון עופות און אַנדערע אַנטיקן. נאָר מיין לאַנדסמאַן, ירוחם דער מלמד, באַקאַנט אַלס „דער פילאָזאָף״, זאָגט, אַז איך האָב אַ טעות; אַז דאָס זענען נישט קיין לויפנדיקע רינשטאָקן, נאָר שטייענדיקע לוזשעס, וואָס האָבן זיך שוין אין ווייטשעפּל איינגעבירגערט. געוואָרן, הייסט עס, „נאַטשוראַלייזט״.

* * *

פרילינג! דער יום־טוב פון דיכטער, פון פאַרליבטע דינסטן און פון די קעץ, וועלכע דראַפּן זיך יעדע נאַכט אַרויף אויף מיין דאַך און קאַנקו־רירן מיט׳ן אידישן־טעאַטער־כאָר...

פרילינג! מיין נשמה ווערט איבערגעגאָסן מיט אויפבלי־געפילן. איך וויל זיך טובל'ן אין זון־שטראַלן. נאָר ירוחם עצה'ט מיר, אַז איך זאָל שוין צו־וואַרטן ביז ס'וועט זיך אויפבויען דעם האַצעפּלאַצער רבינ'ס מקוה...

פרילינג! איך וויל עפּענען די פענסטער פון מיין „בעק־רומקע" פאַר די פרילינגס־לופטלעך, זענען אָבער די וואָג־שטריק איבערגעריסן אין דער „לענדלאָרד", נישט געדאַכט זאָל ער ווערן, וויל זיי נישט פאַרריכטן.

פרילינג! איך וויל זיך דערטרינקען אין ליכט, נאָר אויף צו־להכעיס איז ביי מיר קאַליע געוואָרן די עלעקטעריע...

פרילינג! איך וויל הערן אַ ניי־וואָרט, אַ פריש־וואָרט, באַגרינט און באַבלעטלט און מיט טוי באַהויכט, אָבער מער ווי צו אַן „עונג־שבת" אין אידישן עמיגראַנטן־הויז, אין „שעלטער", האָב איך נישט וואו צו גיין...

* * *

„דער גאַנצער פרילינגס־יום־טוב געהערט צום פּראָלעטאַריאַט!" — אַזוי לייען איך אין אַ מאַניפעסט פון דער לאָנדאָנער אידישער געווערק־שאַפט, די „מענטעל מייקערס יוניאָן". בין איך אַוועק אין דער „יוניאָן" אַ קוק טון, ווי אַזוי די באַוואוסטזיניקע האָרעפּאַשניקעס באַגעגענען ז י י ע ר פרילינג.

איז דאָרט, אין דער „יוניאָן", פוסט, טונקל און כמורנע.

— די מעמבערס אונזערע — האָט מען מיר דערקלערט — זענען איצט געוואָרן אַ קאַפּעטשקעלע ביזי. סוועטעוועט מען ביז שפּעט אין אָוונט, מ'ברענט זיך אויס די אויגן ביים ליכט, כדי אַריינצוכאַפּן וואָס מער אַרבעט. אם־ירצה־השם, אַז ס'וועט צוריק ווערן סלעק, וועלן זיי קומען אין דער יוניאָן אַריין.

— און דעמאָלט?

— דעמאָלט וועלן זיי טרייבערן די אָדערן פונ'ם סעקרעטאַר.

טרעף איך דעם „אָרגאַנייזער", אַרומדרייענדיק זיך מיט אַ בית־הקברות־בלימל אין לאַץ. בעט איך ביי אים עפּעס אַ וואָרט אַ בייעם, אַ וואָרט וואָס זאָל אויפברויזן די אידישע מאַסן. פאַרקנייטשט ער דעם שטערן, טראַכט אַ ווײַלע און כאַפּט זיך אָן:

— די זאַכע פון דעם אַרבייטער באַלאַנגט צום אַרבייטער זעלבסט!

און אויף די טישלעך ליגן צעוואָרפן אונטערגענעצטע, פעטע און גלאַנצנדיקע דאָמינאָס, שיריים פון אויסגעדויכערטע פּאַפּיראָסן און אויס־געסמאָטשקעטע פיש־ביינדלעך. שטייענדיק אַזוי און באַוואונדערנדיק די פרילינגס־שטימונג וואָס הערשט דאָרט, איז מיין אויג געפאַלן אויף אַ זון־שטראַל, וואָס האָט זיך דורכגעריסן; אַ שמאָלער, לאַנגער, ליכטיקער

פּאַס האָט זיך בהרחבה׳דיק אויסגעצויגן אויפ׳ן „דאָבל־זעקס״.

גאָט! אַ זון־שטראַל אין דער „יוניאָן״ און אויפ׳ן „דאָבל־זעקס״!

נאָר אַז איך בין צוגעגאַנגען נענטער האָב איך דערזען, אַז ס׳איז גאָר אַ... לאָקש! אַן אָרימער, בידנער, עלנטער, פאַר׳יתום׳טער לאָקש, וואָס האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון אַ טעפל לאָקשן מיט מילך, וואָס דער סעקרעטאַר האָט געפירט צום מויל.

די ביטערע אַנטוישונג: אַ לאָקש האָט מיך אָפּגענאַרט.

און זוכנדיק עפּעס נייעס בין איך אַוועק אין אידישן טעאַטער. איך האָב געהערט אַז צום פרילינג ווערט דאָרט אויפגעפירט אַ ניי שטיק, וואָס שמעקט מיט ערד און פרישקייט. דער פרילינגס־מאָטיוו פון דער פּיעסע איז געווען: ביינאַכט אויפ׳ן בית־עולם! מ׳גראָבט אַ נייעם קבר (לכבוד פרילינג!), מ׳טראָגט אַ מת. דאָס מאָל אַ כלה־מיידל (ווי ס׳פּאַסט פאַר פרילינג!), אל־מלא־רחמים! אַ שוואַרצע חופּה. און פּלוצלינג אין דער פינסטערער נאַכט, באַוויזט זיך אַ ליכטיקע זון. די בינע ווערט באַגאָסן מיט זון (טאַקע פרילינג!) און מ׳זאָגט קדיש.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז כ׳האָב קעגן דעם בר־מינן אין טעאַטער געזינדיקט און וויל ביי אים מחילה בעטן פאַרוואָס כ׳האָב נישט געהאַט קיין געדולד צו־צו־וואַרטן ביז מ׳וועט אים ברענגען צו קבורה און בין אין מיטן אַנטלאָפן. כ׳האָב אים אָבער איבערגעלאָזט אין הענט פון גוטע באַגראָבער...

פון דאָרט האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט צום „בית־דין״ און ווידער עקבערט מען מיר דעם מוח מיט אַזעלכע פרילינגס־פּראָבלעמען, ווי שוחטים, מנקרים, חלק־אחוריים, גט׳ן. און איך זע פאַר זיך: פאַרגליווערטן „סאָלט־ביף״, אַ משגיח וואָס איז בלינד אויף אַן אויג, געלער פּאַרמעט, אַ סופר, וואָס שמעקט טאַבעקע און אַ נאָז, וואָס טריפט און קאַפּעט...

די אמת׳ע פרילינגס־ניואַנסן.

בין איך אַוועק איבער די קראָמען זוכן דאָרט אַ שפור פון פרילינג און ווידער — די אַלט־געבאַקענע „קעיקס״, צוגעלעגענע מצות און טוכלע פלוימען. בלויז אין איין „פּובליק־הויז״ האָב איך באַגעגנט אַ נייעס: אין פענסטער צווישן די פלעשער משקאות איז זיך געשטאַנען אַ גלעזערנע כלי אויסגעגאָסן אין דער פאָרם פון אַ חזיר׳ל, און צווישן די אויערן פונ׳ם חזיר׳ל איז אַריינגעשטעקט אַ געדרוקט קאַרטעלע מיט דער אויפשריפט: „כשר־על־פסח״...

אין עק בלעק־לייאָן־יאַרד האָבן זיך מיינע אויגן אָנגעשלאָגן אָן אַ אידישע שילד, וואָס איז געהאָנגען איבער דער ברייט פונ׳ם גאַנצן געסל, נעמלעך: „היער באַקומט מען פרישע מילך דירעקט פון דער קי״. מיין

פרילינגס־פאַנטאַזיע האָט זיך צושפּילט: אַ גרינע לאַנקע, בהמות פּרייען זיך אויף דער זון און פרישע וואַרעמע מילך גלייך פון דער קו׳ס אייטער.

— וואו איז דאָ די קו? — האָב איך געפרעגט דעם ערשטן בעסטן אידן, וואָס איז מיר אַנטקעגן געקומען; אַ איד מיט אַ בעזעם־באָרד, וועל־כער איז זיך בנעימות׳דיק געגאַנגען פון׳ם בלעק־לייאַן־יאַרדער „חסידים־שטיבל" מיט׳ן טלית־זאַק אונטערן אָרעם.

— עטץ מאַינט די בעהאַימע? — האָט ער מיר מיט אַ מהפך־פשטא ניגון געענטפערט — טאָ גאַיטס אַראַן אין אָט־אָ־דעם „בשמים־געוועלבל".

דאָס „בשמים־געוועלבל" האָט געשמעקט מיט כל־ערליי גוטע־ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון... קנאָבל־וואורשט, זויערע אור־גערקעס, איינגעלייגטע קרויט, „קיפּערס", הערינג, נאַפט, צינדהעלץ אונ־טערגעשמירט מיט דזשעגעכץ און אַנדערע אַזעלכע מינים פרילינגס־שפּראָצונגען.

איז דאָרט געשטאַנען אַ געלער איד מיט אַ לעפּיש זאַפּראַן־בערדל אין אַ פאַרפעצטן שפּענצער אַ וואַטאָוועץ מיט אויסגעפליקטע עלנבויגנס, און האָט זיך באַשעפטיקט מיט פיש־פאַנג; ער האָט געכאַפּט... הערינג פון אַ פאַס און זיי סאָרטירט — מילכיקע און רויגיקע, פעטע און מאָגערע.

— אַ גלאָז מילך פון דער קו! — האָב איך מיט אַ פרילינגס־טאָן אויסגערופן.

און זיין רעכטע הערינג־ראָסלדיקע האַנט האָט אַ פאַרגרינטע גלאָז אַנגענומען, זי אַריינגערוקט אין אַ פאַרסמאָדערטן קיבל און מיר פון דאָרט אַ גלאָז מילך אָנגעשעפּט „דירעקט פון דער קו"...

אויסגעמאַטערט פון מיין גייעג נאָכ׳ן פרילינג בין איך אַריין אין אַ רעסטאָראַן איבערכאַפּן דאָס האַרץ און דאָ האָב איך דערזען בלומען אויף די טישלעך.

בלומען, בלומען, בלומען! די פרייד פון מיין נשמה! רויזן פרישע, ערשט מיט אַ יאָר צוריק געקויפטע ביי וואָלוואָרטס, אויסגעאַרבעטע פון... פּאַפּיר, גאָר אַן אַנטיק, און ליליען, וויים־רויטע, אויסגעשטעפּטע פון שמאַטעס... די „בלומען" וואָלטן אפשר געשמעקט אויך, ווען נישט דער קעז־קוכן וואָס איז געלעגן אין שכנות...

האָב איך דאָרט אויפגעגעסן אַ קאָטלעט פון „שבת־בראשית", פאַר־טרונקען מיט „דזשינדזשער־ביר" און זיך באַלד דערנאָך אַריינגעכאַפּט אין בעט אַריין. דאָרט, אונטער דער וואַרעמער פּערענע, האָב איך ערשט דערשפּירט אַז דער פרילינג איז דאָ! נאָר דער האָקטאָר, וואָס האָט מיר דעם דופק געטאַפּט, האָט געזאָגט אַז נישט, אַז ס׳איז גאָר די „פלו"...

צוויי גאַסן — צוויי מזלות

האַלט זיך, וואָס קען שוין זיין לייבלעכער און נענטער פון צוויי ברי־דער, קינדער פון איין מאַמען. פונדעסטוועגן טרעפט, אַז איינער איז אַ רויטער און דער צווייטער אַ שוואַרצער; איינער אַ מוצלח און דער צווייטער אַ לא־יוצלח.

און אַזוי אויך מכח צוויי גאַסן — ווייטשעפּל און קאַמערשעל רויד.

האַלט זיך, צוויי ברידערלעכע גאַסן, צוויי „משה׳לעך", וואָס ביי „גאַרדנערס־קאָרנער" האָבן זיי זיך די הענט געגעבן און לויפן ביידע אינאיינעם. פונדעסטוועגן זענען דאָס צוויי פאַרשידענע אינזלען, מיט צוויי פאַרשידענע מזלות.

ווייטשעפּל דער בר־מזל און קאַמערשעל רויד דער שלים־מזל!

ווייטשעפּל איז די אויפגעקומענע גביר׳טע, די רייכע מומע, די מיט ברילִיאַנטן־באַהאַנגטע, וואָס אַ גאַנצן טאָג ברענט ביי איר די „לעקטרע".

— זאָל ברענען! — זאָגט זי — וואָס, איך קען נישט „דערפּאָרען"?

און קאַמערשעל רויד איז די אָרימע קרובה, וואָס זיצט אַ גאַנצן טאָג אין דער דלות׳דיקער „שאָפּקע" און קוקט די אויגן אויס אויף עפּעס אַ קונה.

ווייטשעפּל לעבט זיך גאַנץ ברייטלעך. וואָס פעלט איר ידען? אויף אירע טראָטואַרן ליגן זיך צולייגט די שענסטע „סינעמאַס", די בעסטע אידישע רעסטאָראַנען, די „אַרט־גאַלעריע", די „לייברערי", דער אידישער „לעזע־צימער", די רעדאַקציע פון די „צייט", דער „האָספּיטאַל", די „אַנ־דערגראַונד" סטאַציעס און די סאָמעראָדנע „ליין".

און קאַמערשעל רויד וואָס פאַרמאָגט? — אַחוץ אויף „העסל סטריט־מאַרקעט", וואָס דערמאָנט דיר אין דער וואַרשאַווער סמאָטשע גאַס, קענסטו אויף גאָרנישט אָנווייזן.

אין ווייטשעפּל האָבן די סוחרים שוין פון לאַנג אויסגעהאַקט די שויבן פון זייערע געשעפטן און נייע, מאָדערנע שוי־פענסטער אַריינגע־שטעלט. פון די אויבערשטע שטאָקן, אין וועלכע זיי האָבן יאָרן לאַנג גע־וואוינט, האָבן זיי זיך אַרויסגעקליבן. „סטאָק־רומס" אָדער „פעקטאָריס" האָבן זיי פון זיי געמאַכט.

אַז ס'קומט די צייט צו שליסן דאָס געשעפט, לאָזט דער ווייטשעפּלער סוחר אַראָפּ די לאָדן און פאָרט זיך אַהיים. ווער מיט זיין „קאַר" און ווער מיט זיין „סיזען־טיקעט" קיין קילבורן, העמפּסטעד, גאָלדערס גרין, און אפילו צום ים.

און דער קרעמער אין קאַמערשעל רויד, אַז ער פאַרריגלט די „שאָפּ־קע" זיינע מיט'ן „איזן", קריכט ער אַרויף אין דער הויך, אין זיין „באַ־גרעבעניש", און צווישן דעם הו־האַ פון אַ האַלבן טוץ קדישים'לעך, מאַכט ער דעם חשבון פון דעם טאָג'ס פדיון.

אין ווייטשעפּל, דערציילט די געשיכטע, זענען אַמאָל געווען „גראָסערי־און־לעמאָנייד־שאָפּקעלעך". אָט־אָ־דאָ — וויזט מען דיר אַז מיט'ן פינגער — איז אַמאָל געשטאַנען אַ „סוויטס־שאָפּ" מיט אַ פענס־טערל אַ קליינס, אַ באַדריפּעטס, פון פליגן באַפּינטלט. היינט איז דאָרט אַן ערשט־קלאַסיג „וועסט־ענדער" קליידער־געשעפט.

אין קאַמערשעל רויד געפינסטו נאָך „גראָסערי־שאָפּקעלעך" וואו „מ'נעמט אויפ'ן ביכל" אָדער מ'פאַרשריבט אויף אַ „בעג" און סוף וואָך, אַז דער מאַן ברענגט אַהיים די „וויקהזשעס", גיט מען עפּעס „אויפ'ן אַקאַונט" אָדער מען „סעטלט" אין גאַנצן.

אַז ס'קומט דער ליבער זומער עפנט די זעלביקע „גראָסערי־שאָפּ" אַ שטיקל פענסטער, ושטעלט פון דרויסן אַרויס אַ שמאָל טישל מיט אַ „סאָ־דע־פאָונטיין" און ליזט פאַר „קאָלד־דרינקס", בעת קליינע קינדער קויפן פאַר אַ „פאַרדינג סוויטס".

די וואַמת'ע מסחרים!

און אין די שווערע, הייסע זומער־נעכט וואַרפן די קאַמערשעל־רוידיקע אַראָפּ פון זיך די רעקלעך מיט די וועסטלעך מיט די צעוויקעטע קעלנער און זעצן זיך אויס מיט זייערע פלונית'טעס אויף בענקלעך אין גאַס און „כאַפּן לופט".

ס'דערמאָנט דיר אין דער היים, אין דאָס קליינע שטעטל דיינס.

אַמאָל האָט ווייטשעפּל אויך אַזוי געטון. היינט אָבער כאַפּן די ווייטשעפּלער לופט העט־העט אין עדזשוועער.

דער ווייטשעפּלער האַלט, אַז ע ר איז גרויס־שטאָטיק, ציוויליזירט, מאָדערן, בעת דער קאַמערשעל־רוידיקער איז קליינשטעטלדיק, אַלטמאָדיש, צוריקגעשטאַנען.

און דער קאַמערשעל־רוידיקער ווייסט עס. אַזוי זאָגט דער ווייטשעפּלער. ער דערציילט, אַז אַ קאַמערשעל־רוידיקער דאַרף אַריבערגיין קיין ווייטשעפּל, ראַזירט ער זיך פריער אָפּ און פוצט זיך שבת'דיק אויס,

ווייל ער ווייסט, אַז אין וויטשעפּל קען מען זיך נישט באַווייזן אין דעם קאַמערשעל־רוידיקן הילוך.

און אַז מ׳שפּילט אידיש־טעאַטער אין „גרענד־פּאַליי״ אָדער אין „אַדלער־האַל״, פילט זיך דער קאַמערשעל־רוידיקער ווי ביי זיך אין דער היים. ער קומט אין ז י י ן טעאַטער אַן אַ קאַלנער, דאָס העמד אָפן, עמך! — און מיט עטלעכע פונט וועלשענע ניס, וואָס ער צעקנאַקט מיט די שיך דוקא דעמאָלט ווען ס׳האַלט ביי די „דראַ־מאַטישסטע מאָמענטן״. אָבער אַז דער זעלבער קאַמערשעל־רוידיקער פלעגט קומען אין „פּאַוויליאָן־טעאַטער״, איז ער געווען יום־טוב׳דיק אויסגעפּוצט און האָט שוין נישט געקנאַקט קיין וועלשענע ניס נאָר... „מאַנקי־נאַטס״, דאָס נאַציאָנאַלע טעאַטער־מאכל.

דער קאַמערשעל־רוידיקער ווייסט ווי זיך צו האַלטן אין וויטשעפּל.

דערפאַר, אַז אַ קאַמערשעל־רוידיקער איז זיך משדך מיט אַ ווייטשעפּלער, ווערט אַ גאַנצער קאָך. מ׳איז אים, דעם קאַמערשעל־רוידיקן, מקנא:

„איי־איי־איי! גענומען אַ וויטשעפּלער! מסתמא האָט עס געגנוגעלט געקאָסט! וואָס־זשע, בחינם?״

וויטשעפּל האָט מזל!

אָבער אַז קאַמערשעל רויד האָט נישט קיין מזל, האָט זי אָבער מערער אידישקייט פון וויטשעפּל, און פרומקייט — אוהאָי!

קאַמערשעל רויד איז אָנגעפּיקעוועט מיט שולען און שולכעלעך. אַז קאַמערשעל רויד גיט אַ האַווען אָדער אַ לערן, גיט עס אַ רוהער אין אַלע זיבן הימלען!

— פון קלויסטערס האָבן מיר שולען געמאַכט — דערציילן די קאַ־מערשעל־רוידיקע מיט שטאָלץ — און די מיסיאָנערן האָבן מיר אין גאַנצן פאַרטריבן. איין ברעקל מיסיאָנער האָט זיך ביי אונז אַרומגעוואַלגערט, אַ רעשטל פון די עשר־מכות, וואָס האָט אַלע וואָך געהאַלטן דרשות אין קאַרנער־סידני־סטריט, האָבן מיר אים אויך משלח געווען. נישטאָ ביי אונז קיין מיסיאָנערן! אין וויטשעפּל אָבער זענען זיי פאַרבליבן צוזאַמען מיט זייערע „חרשות ליהודים״.

הערן דאָס די וויטשעפּלער, זאָגן זיי:

— ראשית, איז ביי אונז פאַראַן איין שול, די „מחזיקי־הדת״, איז זי שקול כנגד אַלע אייערע שולען. והשנית, האָט איר דאָך חוץ די מיסיאָ־נערן־טריקבעריי גאַרנישט ביי זיך געשאַפן.

טענה׳ן די קאַמערשעל־רוידיקע:

— און דער „קונסט־טעמפּל“ וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אויב נישט בײַ אונז אין קאַמערשעל רויד ?

ענטפֿערן די ווײַטשעפּלער :

— אַ שענעם תּכלית האָט איר פֿון „טעמפּל“ געמאַכט !

און אַט אַזוי אָפּגעענטפֿערט מען זיך און מ׳דערלאַנגט זיך ווי ס׳קער צו זײַן „אין די עתּודים“.

אַ רחמנות נעבעך אויף קאַמערשעל רויד. זי האָט קײן מזל נישט.

ווען איך וואָלט געווען בכּח וואָלט איך אַוועק צו די אַכצן „גוטע־אידן“ וואָס געפֿינען זיך אין לאָנדאָן. כ׳וואָלט אַוועקגעלײגט אַכצן קוויט־לעך מיט אַכצן פּדיונות, אַז זײ, די „גוטע־אידן“, זאָלן גאָט בעטן אַז קאַמערשעל רויד זאָל אויפֿגעריכט ווערן און אַז איר מזל זאָל נעמען שײַנען און אַז זי זאָל האָבן אַזאַ מערכה ווי ווײַטשעפּל.

דער „ווייטשעפּלער עקספּרעס״

ווער קען נישט דעם „ווייטשעפּלער עקספּרעס״? ווער איז דען מיט אים נישט געפֿאָרן?

דאַכט זיך, אַז ס׳איז נישטאָ קיין איד אין לאָנדאָן וואָס האָט נישט זוכה געווען זיך צו העצקן מיט׳ן „ווייטשעפּלער עקספּרעס״. אויב אַזעלכער איז יאָ דאָ, זאָל ער מיר זיין בילד צושיקן, און איך וועל עס אַריינשטעלן אין דעם קוריאָזיטעטן־מוזעאום.

דער „ווייטשעפּלער עקספּרעס״, הגם ער האָט נאָך נישט באַנקראָטירט, האָט אויך אַ צווייטן נאָמען: „ירושלים׳ער טראַמווי״ אָדער אויף ענגליש: „דהי דזשערוזאַלעם קאַר״.

אמת, אַז אויף דער שילד פֿון דער דאָזיקער „קאַר״ איז נישט אָנגעשריבן, נישט „ווייטשעפּלער עקספּרעס״ און נישט „דזשערוזאַלעם קאַר״. ס׳שטייט בלויז אַ נומער: „647״. אָבער אַלע ווייסן אַז דאָס איז דער „ווייטשעפּלער עקספּרעס״, און אויב אימיצער ווייסט עס נישט, זאָרגט שוין דער קאָנדוקטאָר דערפֿאַר, אַז מ׳זאָל עס טאַקע וויסן און בקול־רם שרייט ער אויס:

„ווייטשעפּל עקספּרעס!״

און קיינער שמייכלט נישט. קיינער פּראָטעסטירט נישט. ווייל ס׳איז דאָך טאַקע דער „ווייטשעפּלער עקספּרעס״. בלויז על־פּי־טעות שטייט דאָרט דער נומער „647״.

דער „ווייטשעפּלער עקספּרעס״ לויפֿט פֿון סטעמפֿאָרד־היל ביז צו די לאָנדאָן דאָקס, דורכשניידנדיק דעם אינגעווייד פֿון אונזערע געדיכט באַפֿעלקערטע אידישע קיבוצים פֿון סטאָק ניואינגטאָן, דאַלסטאָן, קאָמערשל סטריט און לעמאַן סטריט.

דער „ווייטשעפּלער עקספּרעס״ איז פֿול מיט פּאַסאַזשירן. דאַכט זיך, אַז קיין „קאַר״ האָט נישט אַזאַ שפּע ווי די דאָזיקע „קאַר״. ס׳איז דאָס בעסטע געשעפֿט. זאָגן אידן, מ׳צאָלט „קעש״ און נישט מיט קיין „בילס״. אַ פּדיון — הלוואי אויף יעדן „שאָפּ־קיפּער״ געזאָגט געוואָרן. מ׳שטופּט זיך צום „ווייטשעפּלער עקספּרעס״ ווי צו אַ „גוטן־אידן״.

ווער זענען עס זיינע „קאָסטומערס״? אויב איר ווילט עס וויסן, טאָ זייט אייך מטריח און גייט אַריין (ניין! שטופּט אייך אַריין!) פֿאַרנאַכט־צואינ׳ם „ווייטשעפּלער עקספּרעס״ און גיט אַזוי זיך אַ ברום אַרויס

מיט אַ מנחה־ניגון: „אשרי יושבי ביתך״ און איר וועט הערן אַז דער גאַנ־צער „עקספּרעס״ וועט זיך בעמען שאָקלען און מיט אייך מיטדאַוונען. אַלע, אַלע, אַחוץ דעם קאָנדוקטאָר און אפשר אַמאָל ער אויך. נישט ווייל ער איז אַ איד נאָר מחמת הגילות...

דער „ווייטשעפּלער עקספּרעס״ איז נישט בלויז אַ אידישער אָמניבוס, נאָר — אַ גאַנץ אידיש שטעטל. מיט איין „קאָזהע״ באַגעגנט איר דאָרט דעם רב, דעם שוחט, דעם חזן, דעם גבאי, דעם מלמד און די בעלי־בתים פונ׳ם שטעטל.

און אַלע מאַנסבילן עוסק׳ן זיך אין עפּעס:

זיצט אַ איד און איז פאַרטיפט אין אַ ספר׳ל; אַ מדרש׳ל האַלט ער אין האַנט און לערנט בלחש. אַ צווייטער קוקט אַריין אין אַ צווייט ספר׳ל און מורמלט עפּעס מיט די ליפּן. באַפּסט אַ קוק, דערזעסטו אַז ער זאָגט איצט דעם „יום־תהלים״ זיינעם. אַ דריטער איז ראשו־ורובו אַריינ־געטון אין אַ אידיש בוך און שמייכלט צו זיך אין בערדל אַריין, שלום־עליכם׳ן לייענט ער.

און כמעט אַלע לייענען אַ אידישע צייטונג. איינער דעם „פאָרווערטס״, אַ צווייטער דעם „טאָג״, דער דריטער דעם „מאָרגן זשורנאַל״. דאַכט זיך, אַז דער גוי׳אישער קאָנדוקטאָר קען אויך אידיש, ווייל אויך ער רוקט אַריין דעם קאָפּ אין אַ אידישער צייטונג און פרעגט דעם לעזער:

— וואָס׳ס דהער טיפּ פאָר דהי פערסט רעיס ?*)

ניין! דער „ווייטשעפּלער עקספּרעס״ איז נישט קיין אָמניבוס, נאָר אַ ווויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציע, אַ ווייטשעפּלער „ייוו״א״.

און די אידענעס וואָס טוען? ליידיק זיצן זיי נישט. איינע שטריקט אַ זאָק, אַ צווייטע, וועלכע וויל פאַר אַלעמען ווייזן וואָס פאַר אַ געטריי ווייב זי איז, זיצט און נייט צו קנעפּלעך צום מאַנ׳ס פּלוהדערן... און די וואָס טוען גאָרנישט טוען אויך עפּעס: זיי זיצן און באַרעדן די שכנים זייערע אָדער דערציילן די צרות וואָס זיי האָבן אויסגעשטאַנען פון שוועגע־רינס, קינדער און אפילו פון די טייערע „געשפּאַנען״.

בכלל, איז אויפ׳ן „ווייטשעפּלער עקספּרעס״ לעבעדיק און פריילעך. מיין לאַנדסמאַן ירוחם זאָגט, אַז ער האָט טויזנט מאָל מער הנאה צו פאָרן מיט׳ן „ווייטשעפּלער עקספּרעס״ ווי מיט אַ „ראָלס־ראָיס״. הגם, מיט אַ „ראָלס־ראָיס״ איז ער נאָך נישט געפאָרן, נאָר ער איז זיך משער אַז ס׳דאַרף זיין אַ גרויס אַפּקומעניש צו זיצן איינער אַליין אַ פאַרשטיקטער אין אַ „ראָלס־ראָיס״ און נישט האָבן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. מ׳קען דאָך פאַר אומעטיקייט, שונאי־ציון, פון זינען אַראָפּ.

---

*) „וואָס׳אַראַ פערד, שרייבט מען דאָ, וועט געווינען דעם ערשטן פערד־געיעג ?״

אַנדערש איז אָבער אין „וויטשעפּלער עקספּרעס“. דאָרט פאָרט איר בציבור, מיט נאָך עטלעכע מנינים אידן און איר פילט אייך ווי אין אַ היי־מישער באָד; דער דערציילט אַ מעשה'לע, דער אַ וויץ. הערווייל קריכט אייך עפּעס אַ פרעמד קינד אַרויף אויף די קני און שלעפּט אייך אַראָפּ די ברילן, בעת פון אונטן נעמט אייך אַ צווייט קינד אַראָפּ דעם קאַפּעלוש, פּאַטשט אייך אין דער פּאַטילניצע און זאָגט: „אַנקל, גיוו מי עי פּעני!“ אויב נישט, סטראַשעט ער אַרויסצוואַרפן דעם קאַפּעלוש דורכ'ן פענס־טער. אָדער מיט אַמאָל פילט איר, אַז עפּעס קאַפּעט אייך אַריין אין האַלדז אַריין. פונוואַנען קאַפּעט עס? קיין רעגן גייט נישט און דער דאַך פון דער „קאַר“ איז חלילה נישט געלעכערט. ס'קאַפּעט אָבער פאָרט מיט עפּעס אַזוינס וואָס ס'פילט זיך געזאַלצן. ערשט, איר כאַפּט זיך, אַז אַ אידענע פירט אַ צושניטענעם הערינג מיט ראָסל איינגעפּאַקט אין אַ פיין פּעקעלע, אָבער דאָס פּעקעלע האַלט זי מיט דער האַנט אויפ'ן „קאַר־סטרעפּ“; האָט זיך דאָס פּעקעלע אַ קאַפּעטשקעלע צעפּנט און אייער נאַקעטער רוקן האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ ביסל הערינג־ראָסל...

הכלל, ס'איז דער אמת'ער אידישער תענוג צו פאָרן מיט'ן „וויטשעפּלער עקספּרעס“, בפרט נאָך דאָנערשטיק, ווען דאָס גאַנצע „שטעטל“ לאָזט זיך אַראָפּ אין „שטאָט“ אַריין צום גרויסן יאַריד — צו דער „ליין“, איינצוקויפן אויף שבת. ס'פאָרן הײַמאַלט „בעגס“, קאַשעקעס, טשעמאָדאַנעס און דער עיקר — ווייבער. אַ וועלט מיט ווייבער.

באַלד ווי דער „וויטשעפּלער עקספּרעס“ רירט זיך נאָר אַרויס פון סטעמפאָרד־היל, הויבט זיך אָן זיין קליענטור. דאָרט אין סטעמפאָרד־היל שפּאַנען אויף אים אַרויף „ליידיס“ מיט פוטערנע מאַנטלען און פיינע „העטס“. אָנקומענדיק קיין סטאָק־ניואינגטאָן קריכן אויף דער „קאַר“ אַרויף שוין נישט קיין „ליידיס“, נאָר סתם פרויען אָנגעטון אין נישט קיין גאַנצענע פוטער־מאַנטלען, ווי די „ליידיס“ פון סטעמפאָרד־היל, נאָר — וואָלענע מאַנטלען מיט פוטערנע קעלנערלעך. אין דאָלסטאָן שלעפּן זיך שוין אויף דער „קאַר“ אַרויף, נישט קיין „ליידיס“ און נישט קיין פרויען, נאָר פּשוט'ע אידענעס מיט איינפאַכע מאַנטלען, אָן אַ ברעקל פוטער אָדער מיט אַן אָפּגעשאָסן קעלנערל פון עפּעס אַ מין חיה, ענלעך צו אַן אָפּ־געצוואַגענער קאַץ. אין שאָרדיטש קומט שוין קיינער נישט אַרויף, ווייל אויב אימיצער האָרף פון דאָרט זיין אין די „ליין“ אָדער אין ווייטשעפּל, איז אַ שאָד אַ פּעני. מ'קען פאָרן מיט'ן נומער 2 — מיט די רגלים...

צוריקוועגס זענען שוין די אַלע ווייבער, אי די סטעמפאָרד־הילער „ליידיס“, אי די סטאָק־ניואינגטאָנער פרויען און אי די דאָלסטאָנער אי־דענעס אָנגעפּאַקט מיט כל־טוב, בעיקר מיט פיש אויף שבת.

ווילט איר טרעפן וואוהין די ווייבער פאָרן, קוקט נישט אויף

זייער „הילוך", באַר וואַרפט אַן אויג אויף די געשוואָלענע „בעגס" וואָס זיי פירן. די סימנים זענען אַזעלכע:

קוקט פון אַ „בעג" אַרויס אַ פייבער פעטער קאַרפּ, אַ גלאַנציקער יוי אַנגעצויגן אין אַ זיידענער קאַפּאָטע און ווינקט מיט אַן אויג — פּאַרט ער קיין סטעמפּאַרד־היל. קוקט אַרויס אַ לעקשטש אַן אויסגעמאָגערטער וואָס איז חצי־גע׳פגר׳ט — פּאַרט ער קיין סטאָק־ניואינגטאָן. קוקט אָבער אַרויס אַן אויסגעצערט בלאַס „העדעקל" מיט פאַרמאַכטע אויגעלעך — זייט זיכער, אַז ער פּאַרט קיין דאַלסטאָן.

דאָס „העדעקל", זאָלט איר וויסן, איז נישט קיין בן־יחיד׳ל, ס׳איז בלויז דער פאַרשטייער, דער העלעגאַט, פון אַ גאַנצער „לאָט", פון אַ מציאה, וואָס מ׳האָט מיט צרות קוים אויסגעדרונגען.

ירוחם זאָגט דערביי אַרויס צוויי געניאַלע געדאַנקען:

ראשית, אַז קורצזיכטיקע האָרפּן זיך נישט אָנטון די ברילן כדי אַ קוק צו טון אויפ׳ן „העדעקל", זיי וועלן עס שוין פונדערווייטנס דער־שפּירן... אַזאַ „העדעקל" איז געראָטן אין זיין ראשע־גיטל׳ן, ס׳לאָזט זיך הערן...

צווייטנס, האַלט ער, אַז ס׳איז גאָר קיין ראיה נישט, אַז די „העדעק־לעך" פאָרן קיין דאַלסטאָן. ס׳איז הייַנט אַ פאַרקערטע וועלט. ס׳קען גרייַלעך זיין, אַז זיי פאָרן גאָר קיין סטעמפּאַרד־היל. ווייל אַלע „העדעק־לעך" רוקן זיך הייַנט קיין סטעמפּאַרד־היל, און די מ׳כלומר׳שטע פעטע קאַרפּן זענען גאָר אינגאַנצן קיין קאַרפּן נישט. זיי מאַכן בלויז דעם אָנ־שטעל פון קאַרפּן, אָבער אין אמת׳ן זענען זיי פאַרשטעלטע הערינג — אַ בלאָף.

מילא, אפשר איז ער גערעכט.

* * *

און אַזוי פירט דער „ווייטשעפּלער עקספּרעס" דאָס „שטעטל" אין „שטאָט" אַריין אַהין און צוריק, און דעם גאַנצן וועג ווימלט און שווימלט ער מיט אידיש לעבן.

בלויז איין שטיקל וועג פאַלט דער „ווייטשעפּלער עקספּרעס" אַריין אין אַ מרה־שחורה, בעת ער קומט אָן פון סטעמפּאַרד־היל און שטעלט זיך אָפּ ביים עק ווייטשעפּל־אָלדגייט; דעמאָלט גיט זיך די „קאַר" איבגאַנצן אַ ליידיק אויס. און זי פּאַרט אַוועק עלנט, פאַר־יתום׳ט, אָן אַן איינ־ציקן פּאַסאַזשיר צו די „דאָקס".

דעם קאָנדוקטאָר ווערט אַזוי קאַלעמוטנע אויפ׳ן האַרצן, אַז ער נעמט אויש גענעצן.

דאָס מזל פֿון אַן אָמניבוס

אַ מענטש איז געגליכן צו אַן אָמניבוס: אַן אָמניבוס לויפֿט און פֿליט — אַ מענטש אויך אַזוי. אַן אָמניבוס שטעלט זיך אָפּ און אַ מענטש שטעלט זיך אַמאָל אויך אָפּ. אַ מענטש האָט אַ ברודער און אַן אָמניבוס האָט אויך אַ ברודער־אָמניבוס; און אַזוי ווי איין ברודער קען זיין אַ „דבר־אחר" און דער צווייטער אַ כשר'ע בהמה, איינער רייך ווי קורח און דער צווייטער אַ דלפֿן־שבדלפֿנים, אַזוי קען אויך זיין צווישן צוויי ברידער־אָמניבוסן.

* * *

שטייען זיך צוקאַפּנס פֿון סטעמפֿאָרד־היל צוויי אָמניבוסן. צוויי לייבלעכע ברידער־אָמניבוסן, וואָס קומען פֿון איין מאַמע'ס טראַכט. ביידע האָבן איין פּנים, איין שניט. נישט מער, וואָס איינער איז עלטער פֿון צווייטן מיט גאַנצע זעקס... נומערן; ביי איינעם איז אויפֿ'ן שטערן אָנגעשריבן „647" און ביים צווייטן „653". אָבער די מערכות זייערע זענען גאַנץ פֿאַרשידן. איינער איז אַ בר־מזל און דער צווייטער אַ שלים־מזל. איינעם האָט אָפּגעגליקט און דעם צווייטן, לא־עליכם, נישט.

פֿערציק טעג איידער דער „647'ער" איז געבוירן געוואָרן, איז שוין דאָרט אויבן געווען אָנגעצייכנט: „מיט קבצנים וועסטו דעם לעבן דיינעם פֿאַרברענגען און אַ קבצן וועסטו פֿאַרבלייבן כל־ימי־חייך!" — און אַזוי איז עס טאַקע פֿאַרבליבן.

אַרום זיבן אין דער פֿרי איז ער שוין באַלאַגערט פֿון די ב אַ ־ ו ו אַ ו ס ט ז י ב י ק ע קבצנים, די אַרבעטער וואָס שטראָמען אַרויס מאַסנוויז פֿון די סטאָק־ניואינגטאָנער אַרבעטער־וואוינונגען — די „בלאָקס" — אין זייער האָרעפּאַשנעם הילוך; די „קעפּקעלעך" אויף די קעפּ, די שוואַרצע טיכלעך אויף די העלדזער, די אונטערגעבונדענע קאָרטענע הויזן און מיט די פּאָדקאָוועס־באַשלאָגענע שיך. דאָס לאָזן זיי זיך איצט, מיט זייערע „מיטאָגן" איינגעוויקלט אין רויטע פּאַטשיילקעס, צו דער אַרבעט.

שפּעטער, אַז דער זייגער שלאָגט 10 און ס'הייבן זיך אָן די „טאָפּעני־פּערס", יאָוועט זיך די צווייטע קאַטעגאָריע — די ווייבער פֿון די סטעמפֿאָרד־הילער קבצנ'ישע גבירים, וואָס פֿאָרן אין דער „לייך" אַריין כאַפּן מציאות. אָדער ס'לאָזן זיך אין וועג אַריין די סטאָק־ניואינגטאָנער „גראָסערי־שאָפּ־קיפּערס". זיי פֿאָרן עס אין דער איסט־ענד אַריין, כדי דאָרט

צו דערטאַפּן אויף קרעדיט אַ ביסל „סטאַק“. אָדער ס׳פאָרן סתם סטאַק־ביזאינגטאָנער באַלעבאַטים, וואָס זוכן פּרנסה אין דער איסט־ענד. זיי לאָזן זיך אַראָפּ אין דאַלסטאָן, בעטנאַל־גרין, ספּיטאַלפילדס־מאַרקעט, ווענטוואָרט־סטריט, לעמאַן־סטריט — אַלץ די סאַמע „גביר׳ישע“ ישובים.

דער „647׳ער“, ס׳זאָל אים לגנאי נישט זיין, איז — ווי מ׳האָט אים אין הימל אָנגעשריבן — אַ קבצן, אַ פּענטאַק, וואָס האָט צו טון מיט בלויז פּענטאַקעס. ליזן, ליקזט ער, דאַכט זיך, גאָר נישקשה׳דיק, אָבער בלויז פּענעס. ס׳איז אַן עסק מיט קבצנ׳ישע גראָשנס. נישט איינמאָל אין טאָג לויפט דער קאָנדוקטאָר אַרום איבער דער „קאַר“ מיט צען שילינג אין דער האַנט צו צובייטן, נאָר קיינער פאַרמאָגט נישט אַזאַ פּותיקא. און אַז גאָט העלפט אַז אימיצער זאָגט, אַז ער האָט, און ער ליידיקט אויס דאָס גאַנצע ביסל מינץ פון אַלע קעשענעס — איז ערשט קיין פולע צען שילינג נישטאָ...

און ס׳טרעפט, אַז בעת דער „647׳ער“, אַ פול־געפּאַקטער, אַן ענגער, לויפט קיין סטעמפּאָרד־היל, קוועטשט זיך ביי קאַמערשל־סטריט אַריין אַ איד מיט אַ קאָשעק בייגל, ריכטיקער געזאָגט: מ׳קוועטשט אים אַהין אַריין — און דער קאָשעק האַקט יעדן אונטער די זייטן.

שרייט דער קאָנדוקטאָר צום קאָשעק־איד: „פּאַס אַלאָנג דהי קאַר!“ מאַכט דער קאָשעק־איד נאָך אַ שפּאַן. וואָס מער דער קאָנדוקטאָר שרייט, אַלץ ווייטער און ווייטער רוקט זיך דער איד מיט׳ן קאָשעק. אָבער קיין לייכטע זאַך איז עס נישט. ס׳איז ממש קריעת־ים־סוף. אַז די „קאַר“ איז אָנגעקומען אין סטעמפּאָרד־היל, איז ערשט דער קאָשעק־איד, רוקנדיק זיך, צוגעקומען צום אויבן־אָן פון דער „קאַר“... און דעמאָלט, בעת די גאַנצע „קאַר“ גיט זיך אַ ליידיק אויס, האָט דער קאָנדוקטאָר דעם קאָשעק־איד אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער האָט נאָך נישט באַצאָלט זיינע „פערס“.

— „פערס“? — האָט געפרעגט דער קאָשעק־איד אַ פאַר׳חידוש׳טער — פאַרוואָס עפּעס קומט אייך „פערס“? איך בין דען געפאָרן? כ׳בין דאָך כסדר אין דער „קאַר“ געגאַנגען צו־פוס!

אַזעלכע „קליענטן“ פאַרמאָגט ער, דער „647׳ער“.

* * *

גאָר אַן אַנדערן מזל האָט דער ברודער זיינער, דער „653׳ער“. אים איז משֵשת־ימי־בראשית אָנגעצייכנט געוואָרן אויסצולעבן זיך צווישן גבירים און אַליין האָבן אַ פּנים פון אַ גביר.

ראשית, דער יחוס זיינער: קומען קומט ער פון „אַפּ־וועסט“, פון טאָטענהאַם־קאָורט־רויד. אויפ׳ן וועג פאָרט ער זיך אַדורך די אַמאָליקע אַריסטאָקראַטישע קוואַרטאַלן ווי יוסטאָן רויד, קעמדן רויד, סעווען־

סיסטערס רויד, מענאָר־הויז, אַמהורסט־פּאַרק — אַלץ געהויבענע גאַסן. לויט די נעמען זייערע דערקענט מען שוין, אַז דאָס זענען נישט אַבי־וועלכע.

דערפאַר, גייט ער איבער די אַלע גאַסן אַזוי פּאַוואָלי און געלאַסן, מעשה גביר. באַזונדערס גייט ער שטיל און זאַכט אין דער פרי אין אַמ־הורסט פּאַרק, כדי ער זאָל חלילה נישט אויפוועקן די גבירישע באַ־לעבאָסטעס, די „ליידיס", וואָס קריכן ערשט אַרויס אַרום עלף אַזייגער אין גאַס. ער גליטשט זיך דאָרט, אין אַמהורסט־פּאַרק, ווי די רעדער וואָלטן געווען אונטערגעשמירט מיט בוימל. ער הויבט ערשט אָן צו פליען, ווען ער פאָרט אַריבער די אַמהורסט־פּאַרקער גרעניץ. דאָרט, אין די קבצנ'ישע גאַסן, וועלכע פירן קיין ווייטשעפל, נעמט ער לויפן משוגענערוויז, גלייך ווי ער האָט דאָ מי־יודע וואָס אָפּגעטון.

יאָ, ער פליט אויך שנעל אַדורך אַמהורסט־פּאַרק פאַרנאַכט־צו, אַרום זעקס אַזייגער, ווען ער לויפט מיט אַן אימפּעט אַהיים ברענגען די גביר'ישע מאַנסבילן צום „דינער". ווייל דאָרט, אין אַמהורסט־פּאַרק, עסט מען „דינער", נישט ווי די קבצנים, איינס אַזייגער בייטאָג, נאָר זיבן אַזיי־גער אין אָוונט.

הייַנט, האָט ער, דער „653'ער", יחוס־עצמו. ער איז אַליין אויך נישט קיין שיפּע־זיבעלע. די „סיטס" זיינע זענען ברייטע, ווייכע, אויסגעבעטע און נישט אַזעלכע אויסגעריבענע ווי ביים „647'ער". די אַנלענס זענען מיט ניקל באַלייגט. ביים „647'ער" זענען די אַנלענס אויך פון ניקל, אָבער דאָרט זענען זיי פאַרשלומפּערט, בעת דאָ בלישצן זיי. בכלל, איז דאָ פיל ריינער. דער „653'ער" איז אַ צוכט, ס'בלאַנקט פון אים. ער איז, דאַכט זיך, אַ ברודער פונ'ם „647'ער", אָבער ער איז פאָרט אַן אַנדערער. דער „647'ער", זאָל ער מיר מוחל זיין, איז אַ ברוד, אַ מושב; תמיד איינ־געריסט, פאַרדריפּעט, בעת פון אים, פונ'ם „653'ער", שמעקט. דאָס גביר'ישקייט שיינט פון אים ממש אַראָפּ.

מחמת דעם חבר'ן זיך מיט'ן „653'ער" בלויז שיינע אידן. איר באַ־געגנט דאָרט בייטאָג אַ גאַליציאַנער משולח מיט אַ סאַמעטענעם קאַפּעלוש אויפ'ן קאָפּ און מיט אַ לעדערנער טעקע אונטער'ן אָרעם, ווי אַ מיניס־טער. דאָס פאָרט ער צו די גבירים אין אַמהורסט־פּאַרק און סטעמפּאָרד־היל, צונויפצונעמען פאַר אַ חבר־נחוץ — אויפצושטעלן אַ נייע ישיבה און איבאַיינוועגס חתונה מאַכן אַ טאָכטער, אַ בוגרת...

צוזאַמען מיט דעם גאַליציאַנער פאָרט אויך אַ ליטוואַק מיט אַן אַלטן פאַרשמאַלצעוועטן האַרטן קאַפּעלוש, וואָס ער האָט אויפ'ן קאָפּ אַרויפ־געזעצט בעת ער איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן — מיט דרייסיק יאָר צוריק. דער קאַפּעלוש איז ווי מיט'ן קאָפּ צוזאַמענגעוואַקסן, ווי פון איין שטיק. דאָס פּנים זיינס — אַ שוואַרצער רעטעך! און ס'איז קיין וואונדער נישט.

ווייל אַז מ׳עסט דרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד רעטעך מיט זאַלץ, האָט מען טאַקע אַזאַ פּנים און אַזאַ ריח... און, מי־לנו־גדול, ווי אַ ליטוואַק אין „רעטעך־רייבן״?

אַט דער דאָזיקער פּאַסאַזשיר פֿאָרט עס צו באַזאָרגן די אַמהורסט־פּאַרקער און סטעמפּאָרד־הילער גבירים מיט אידישקייט. ער פֿירט מיט זיך אַ גאַנצן פּאַק רומל — סידורים׳לעך, תּפֿילין, מזוזות, טלית־קטנ׳ס, לוחות און שיר־המעלות׳ן. דערווייל זיצט ער נישט ליידיק. ער מאַכט־איין ציצית אין אַן „ארבע־כנפות׳ל״.

און ס׳פֿאָרן אידן מיט אידענעס מיט פּעק סחורות: בעטגעוואַנט, פּרויען־וועש, טישטוכער, האַנטוכער, פֿאָרהאַנגען און אַנדערע שמאַכטיעס, וואָס מ׳פֿירט פֿאַר די אַמהורסט־פּאַרקער און סטעמפּאָרד־הילער „לייידיס״. זיי, די גביר׳נטעס, זענען פֿויל אַליין גיין איינקויפֿן די אַלע שטובזאַכן. טוט עס פֿאַר זיי אַ „טרעוולער״ אָדער אַ „טרעוולערקע״. אַחוץ־דעם, דאַרף מען די „טרעוולערס״ נישט צאָלן קיין מזומן. מ׳קען עס אַלץ אויסצאָלן. צאָלן זיי טאַקע ביז׳ן אלף־השישי אריין.

איר באַגעגנט אויך עלטערע אויסגעפּוצטע ווייבער, וואָס פֿאָרן פֿון וויטשעפּל קיין אַמהורסט־פּאַרק אַחער סטעמפּאָרד־היל אויף פרישע לופֿט. עלעהיי, ס׳איז אַ „סי־סאַיד״... דאָס פֿאָרן מאַמעס צו זייערע אויסגעגעבענע קינדער, כדי זיך דאָרט אַ ביסל צו פּאַפּראַווען, פֿאַרריכטן דאָס געזונט. פֿאָרן זיי מיט זייערע אָנגעפּאַקעוועטע קלומיקלעך און טשעמאָדאַנעס, גליך ווי זיי וואָלטן געפֿאָרן צום ים. קענטיק, אַז די לופֿט אין אַמהורסט־פּאַרק באַקומט זיי. דאָס דערקענט מען אין די צופֿלאַמטע פּנים׳ער פֿון די, וואָס פֿאָרן שוין מיט׳ן באַגאַזש צוריק. ירוחם זאָגט יאַקבי, אַז דאָס צופֿלאַמטקייט איז נישט תּמיד אַ סימן פֿון פרישער לופֿט. ס׳קען גרייעלעך זיין, אַז אַ שוויגער האָט זיך מיט אַ שנור צופֿלאַסקעט...

אַז מ׳שמועסט אַ גביר׳ישער אַמניבוס, איז דאָך נישט שייך.

* * *

צווי ברידער־אַמניבוסן שטייען ביים קאָפּ פֿון סטעמפּאָרד־היל, וואָס האָבן איין־און־דעמזעלבן ציל אין לעבן — ו ו י י ט ש ע פּ ל! און אַז ביידע קומען זיך שפּעטער ביי אָלדגייט צונויף, געבן זיי זיך אָפּ אַ שלום־עליכם. אָבער זייערע וועגן צום ציל זענען אַזוי פֿאַרשידן. איינעם קומט אויס זיך צו שלעפּן אַהין מיט קבצנים־דלפֿנים, האַלאַדראַנצעס און לאָ־פּיטוטן, און דעם צווייטן — מיט בלויז גבירים־אדירים און שיינע אידן.

ווי זאָגט עס ירוחם: יעטוועדער זאַך דאַרף האָבן זיין מזל, אפילו — אַן אַמניבוס!

דאָרט וואו ס׳בולבעט זיך

אַז כ׳האָב דערהערט, אַז ס׳עפנט זיך אין סאַמע פּופּיק פון ווייטשעפּל אַזאַ וואַזשנע אינסטיטוציע ווי אַ פאָלקס־קיך, וואו אַזאַ קינד פון פאָלק ווי איך און נאָך אַזעלכע פאָלקס־קינדער וועלן קענען דאָרטן אָפּעסן אַ חצי־בחינם׳דיקן מיטאָג, בין איך אַוועק צום גלאַוונעם־מאַכער אויף אַ אינטערוויו. אַזאַ אינטערוויו קומט צונוץ.

וואַרטנדיק אין דער קיך האָב איך דאָרט אָנגעטראָפן אַ גרויסן עולם מענטשן: אַרבעטער, מייסטערס פון „וואָרקשאָפּן", קליינע פאַברי־קאַנטלעך, גרויסע פאַבריקאַנטן און סתם באַקאַנטע הײמישע „בגידים". יעדער איינער איז געווען טשיקאַווע צו וויסן, ווען מ׳וועט שוין אָנהויבן די מיטאָגן צו סערווען און צי ס׳וועט טאַקע מער נישט קאָסטן ווי ניין פּענס אַ מיטאָג? און פאַרוואָס נישט ביליקער?

איין איד, אַ בייכיקער, שוין במחילה אין די הויכע חדשים... אַן אייגנ־טימער פון... אַ פּעמפּיק אַ קייַלעכדיקן ווי אַ באַליע, האָט געוואָלט וויסן, וואָס׳אַראַ זופּ מ׳וועט דאָרט אין דער קיך געבן.

— איך אַליין — האָט ער זיך מיט שטאָלץ פאָרגעשטעלט — האָב ליב אַ „אינטערנאַציאָנאַלע זופּ". דאָס איז, פאַרשטייט איר מיך, אַ קרופּ־ניק פון קורצע לאָקשן, קליסקעלעך, פאַרפל, בעבלעך, יונגע ציבולקעלעך, מייערלעך, דרויבקעס, קעלבערנע ביינדעלעך און גלאַט אַזוי ביינער מיט פלייש, וואָלט איך וועלן וויסן, צי מ׳וועט דאָ געבן אַזאַ „אינטערנאַציאָנאַלע זופּ", אָדער סתם אַ פּ ר אָ ס ט ע יויך אויסגעקאָכט פון הינער?

אַ צווייטער איד, אַ קורצער און אַ שווערער, וואָס כאַפּט דעם אָנבליק פון אַ יאַטקע־קלאָץ, וואָלט וועלן וויסן וואָס׳אַראַ פלייש מ׳וועט הער־לאַנגען.

— איך אַליין — האָט ער זיך פאַסמאַקעוועט — האָב מסוכן ליב אינדיק. נישט אַזוי אינדיק ווי אינדיטשקע. אַ געבראָטענע אינדיטשקע, און בפרט אַ געפילטע, איז מיין חיות. נאָר באין ברירה, עס איך אויך קאַטשקע אָדער אַ פערטל געגנדזנס אַ הינטערשטס. רינדערן פלייש קען איך צום מויל נישט נעמען. ס׳איז נישט פאַר מיין מאָגן.

אַ דריטער איד מיט אַ פּאָר פּעטע באַקן, וואָס בעטן זיך אַז מ׳זאָל זיי אויספּאַטשן, איז נאָר געווען פאַראינטערעסירט אינ׳ם קאָמפּאָט.

— ביי מיר — האָט ער פייערלעך דערקלערט — איז דער עיקר דער קאָמפּאָט, די „גאָטשפּייזע״. מיין בעסטער קאָמפּאָט איז — אַנאַנאַסען, די שמעקעדיקע אַנאַנאַסען, די „פיין־עפּל״, וואָס מ׳דערלאַנגט אויף חתונות אָדער אויף די גרויסע „בר־מצוה׳ס״. אויב נישט האָב איך ליב איינגע־דעמפּטע פלוימען, וואָס זאָלן ליגן אויף איין טעלער מיט אַ גרעסער שטיקל קוגל אַ פּעטס מיט ראָזשינקעס. נאָר אַז איר ווילט, עס איך אויך גערן אַ ריבן־צימעס מיט אַ מאַרך־ביין. נאָר וועט, אַז ס׳זאָלן זיין געווג מאַרך־ביינער; אַז כ׳זאָל נישט דאַרפן וואַרטן ביז אַ מאַרך־ביין ווערט פון אַ צווייטן קאַסטומער „באַפרייט״ און ער קומט אָן צו מיר...

אַ פּערטער איד, אַ ליטוואַק, האָבנדיק אויסגעהערט די אַלע „פייער־לעכע דעקלאַראַציעס״, האָט זיך אָנגערופן:

— די אַלע מאכלים זענען ערסט אויף אַ רעכט געשמאַק, אַז מ׳באַ־קומט אַפריערט אַ סטיקעלע הערינג מיט אַ ציבולקע אויף פאַרספּייז.

און אַ פינפטער איד, אַ פאַר׳חושכ׳טער, מיט אַן אויסגעדייוועטן פּנים, האָט געוואָלט וויסן, צי ער וועט זיך מיט זיין פאַרציע קענען טיילן מיט זיין בייעם איידעם, אַ צאַצקע אַ יונגערמאַן, אַ הדר׳ל, וועמען ער האָט צו־געזאָגט קעסט אויף אַ גאַנצן יאָר...

— וואו איז דאָ דער גלאָונער מאַכער פון דער קיך? — האָב איך געפרעגט ביים „טרעזשורער״, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ הילצערנעם קאָכלעפל און האָט געגעבן תשובות אויף די אַלע אָנפראַגעס.

— אויבן אין דער הויך, אין אָפיס. ער איז איצט פאַרנומען מיט דער אָנגעקומענער פּאָסט.

העגדום־פּעגדום פלי איך אַרויף אין דער הויך, אין דער קאַנצע־לאַריע. ערשט מ׳קען דאָרט קוים אַריינקומען. דער גאַנצער צימער איז פאַרלייגט מיט אַ באַרג קאָנווערטן און פּאַפּירן. אין צימער איז קיין בן־אדם נישטאָ.

פרעג איך סתם אין דער לופט אַריין:

— איז דאָ קיינער נישטאָ?

אַ פאַרדומפּענע שטים, ווי פון אַ קבר אַרויס, ענטפערט:

— יע! אָט באַלד!

פון וואַנען די שטים גייט איז מיר שווער צו טרעפן. האָסט זיך פון אונטער דער פּאָדלאָגע.

נאָר פּלוצלינג — שמע ישראל! דער גרויסער באַרג רירט זיך. די קאָנווערטן צושיטן זיך, דער באַרג וואַרפט זיך ווי אין אַ קדחת און קאָנ־

ווערטן פליען אין אַלע זייטן. נישט אַנדערש ס׳איז אַן ערד־ציטערניש אויף דער וועלט.

און — געוואַלד! פון אונטער דעם פּאַפּירענעם־באַרג־אָפּער הויבט אָן אַרויסצושטאַרן אַ קאָפּ, און אַ מינוט אַרום קריכט אַרויס אַ גאַנצער מענטש און ער רוקט מיר אַריין אַ וואַרעמען שלום־עליכם.

ווער־זשע, מיינט איר, איז דאָרט אין דעם פּאַפּירענעם קבר געלעגן? טאַקע דער גלאַוונער מאַכער פון דער קיך.

— אַ שיין ביסל טשעקס — רוף איך זיך אָן — האָט איר עס אויף אייער אויפרוף אַריינגעקריגן. אַ ביסל אַ פּאַסט, טצאַ, טצאַ, טצאַ! קיין עין־הרע נישט! איר ווערט דאָך דערטרונקען אין טשעקס.

— הלוואי — ענטפערט ער מיר מיט אַ זיפץ — וואָלט עס אמת גע־ווען.

— וואָס־זשע דען איז אָט דער באַרג מיט קאָנווערטן?

און ער דערציילט מיר:

— מיר האָבן צוזאַמען מיט אונזערע אויפרופן צושיקט 25 טויזנט הגדות. האָבן מיר פון די הגדות צו זינגען און צו זאָגן. איצט האָבן גענומען זוכן פּגימות, גרייזן און חסרונות אין די הגדות. דער סוף איז געווען, אַז אַנשטאָט טשעקס, איז אויסגעוואַקסן אָט דער דאָזיקער באַרג פון צוריק־געשיקטע הגדות. דער באַרג וואַקסט. די הגדות שיטן זיך כסדר אויף אונ־זערע קעפּ. מיר ווערן פּשוט, ווי איר זעט, פאַרזונקען אין הגדות.

— וואָס־זשע זענען די חסרונות?

— באַט און לייענט.

און ער דערלאַנגט מיט אַ פּעקל בריוו.

לייען איך.

איין איד באַקלאָגט זיך, אַז ס׳פעלט אים אַ... „מכה״; איין מכה פון די „עשר מכות״ איז אים אָפּגעריבען, מטושטש, זי איז נישט גענוג בולט אַרויס פון דרוק.

אַ צווייטער איד שיקט אָפּ די הגדה, ווייל זיין שוויגער האָט אויף די בילדער פון די „ארבעה בנים״ דערזען, אַז דער „רשע״ האָט איר פּנים.

און אַ דריטער איד, אַן ענגלישער יאַהודי, שרייבט: „ס׳איז אַ סקאַנ־דאַל, אַ דיסגרייס, אַ שעים! יעדער וואָרו איז אַן אַ חולם און אַן אַ מלופום. איך האָב איבערגעציילט, אַז ס׳פעלן איבער 300,000 חולם׳ס און בערך אַזוי פיל מלופום׳ס. איך קען זיך פאַרשטעלן וואָס׳אַראַ מענעדזשמענט ס׳קען שוין זיין ביי אייך אין קיך, אַז אַזוי פיל חולם׳ס מיט מלופום׳ס אַר מיסינג.

איי עס שור, אַז איר זענט אַ חברה קאָמוניסטן. זיי, די קאָמוניסטס אין ראַשע, האָבן אויך אַזעלכע הגדות. נישט אומזיסט רופט איר אייך „קאָמו־באַל־צענטר״. נאָ סער, דעם צענטר פון די קאָמוניסטן אין דער איסט־ענד וועל איך נישט סופּאָרטן״.

— איצט, פאַרשטייט איר שוין — זאָגט מיר דער גלאָוונער מאַכער מיט אַ שמייכעלע אויף די וואָנצעס — וואָס מיר האָבן אין דעם באַרג פּאַפּירן געזוכט. מיר האָבן געזוכט די פאַרשוואונדענע חולם׳ס!

* * *

אַרויסגייענדיק פון ביוראָ, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָן אַ צווייטן באַרג טעפּ, טעפּלעך, פּענדלעך, ראָנדלעך, מולטערס, לאַדעשקעס, סקאָרוועדקעס, וויאַדרעס, שיסלען, עמערס, צעבערס, און שיעור־שיעור בין איך נישט אַריינגעפאַלן אין אַ קעסל זודיק וואַסער.

— וואָס קאָכט עס דאָ ביי אייך? — האָב איך געפרעגט דעם „טרע־זשורער״ וועלכער האָט מיט׳ן הילצערנעם לעפל געמישט די בולבעדיקע וואַסער.

— לעת־עתה — האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין — זאָל זיך דאָס וואַסער בולבן, און זאָל גיין אַ פּאַרע. אידן האָבן ליב, אַז ס׳איז אַ היץ אין באָד. אַז זיי וועלן דערזען, אַז ס׳גייט אַ פּאַרע פון דער קיך, וועלן זיי בעמען גלויבן, אַז די קיך איז טאַקע אַ קיך. ווייל אונזערע אידעלעך, אַ געזונט זיי אין די פּופּקעס, האָבן דאָך אין אָנהויב בכלל נישט געגלויבט אין דעם גאַנצן קיך־פּלאַן. זיי האָבן גערעדט מיט די נעזער: „בע, מע, וויסיך־וואָס!״ און אפילו איצט, אַז מיר האָבן שוין, ברוך־השם, אַן איי־גענעם בנין, ס׳הייסט: דער בנין האָט אונז, גלויבן זיי אויך נישט, אַז די קיך וועט זיך טאַקע עפענען. סיידן, זאָגן זיי, ווען זיי וועלן דערזען, אַז ס׳קאָכט זיך, אַז ס׳בולבעט זיך דאָרט. נו, האָבן מיר אָנגעהויבן צו קאָכן.

— קאָכט־זשע אייך געזונטערהייט! — האָב איך געענטפערט.

און אַ צעפּאַרעטער בין איך אַוועק אָנשרייבן מיין בולבעדיקן אינ־טערוויו.

אַז איר גייט אין אידישן טעאַטער

אַז איר גייט אין אידישן טעאַטער אַריין און מ׳ווייזט אייך אָן אייער „סיט״, האַלט זיך מיט אים. לויפט נישט אַרום זוכן קיין גליקן, ווייל איר קענט נאָך האָבן מיין סוף.

אפילו אַז דער „סיט״ איז נישט אַזוי באַקוועם — זיצט אויף אייער אָרט! וואָרום ווי לאַנג האָט איר עס, מ׳שטיינסגעזאָגט, איבגאַנצן צו זיצן? דריטהאַלבן שעה! אַמאָל אפשר די גאַנצע דריי! אָבער דערנאָך זענט איר דאָך אַ פרייער מענטש און קענט זיצן אין דער היים וואו איר ווילט, אפילו אויף אַן היסב־בעט אונטערגעבעט מיט אַ פערענע. און ווידער, קען מען זיך שוין מיט די פאַרשידענע שוועריגקייטן אַן עצה געבן. אַ מענטש מיט קאָפּ געפינט שוין אויס עפּעס אַ מיטל.

איר זיצט, למשל, נעבן אַ אידענע, וואָס האַלט כסדר אין איין קנאַקן „מאַנקי־נאַטס״ און די שאָלעכץ וואַרפט זי אייך אין שויס אַריין. די גאַנצע הויזן זענען שוין ביי אייך פאַרשאָטן מיט שאָלעכץ. וואָס־זשע וועט איר טון? מאַכן אַ סקאַנדאַל אין מיטן שפּילן? אָדער אַנטלויפן אויף אַ צווייטן „סיט״? — ניין! איר האַרפט בלויז מיט זיך מיטנעמען אַ בערשטל און יעדע פּאָר מינוט אַראָפּ־באַרשטן די שאָלעכץ פון די הויזן ביז די אידענע וועט שוין האָבן די גאַנצע „מאַנקי־נאַטס״ אויפגעגעסן.

אָדער זומער־צייט, ווען די אַרבוזן זענען אין סעזאָן, האָט איר פּונקט אַ „סיט״ נעבן אַ אידענע, וואָס זיצט מיט אַ גרויסן געשוואָלענעם רויטן אַרבוז, אַ היימישע קאַווענע. אין מיטן שפּילן שניידט די אידענע אויף דעם אַרבוז, לייגט „בלויז אויף אַ מינוט״ אַוועק אַ האַלבן אַרבוז ביי אייך אין שויס אַריין און די צווייטע העלפט לייגט זי פּאָרציעסווייז אין מויל אַריין.

וואָס־זשע דאַרפט איר אייגנטלעך טון? נעמען דעם אַרבוז און געבן אים אַ זעץ אין דר׳ערד אַריין? — ניין! אַזוי טוט נישט אַ דזשענטעלמען! שווייגט! לאָזט דעם אַרבוז ליגן אין שויס און קוקט אויף דער בינע. זייט זיכער, אַז די אידענע וועט ביי אייך דעם אַרבוז נישט איבערלאָזן. זי וועט זיך מיט אים נאָך אָפּפּאַרטיקן. די נאַכט איז גרויס און די פּיעסע איז נאָך גרעסער. איי, דער אַרבוז נעצט און איר געפינט אייך אין אַן אומבאַ־

קוועמער לאַגע ? האָב איך אויף דעם אויך אַ מיטל : נעמט מיט־זיך־מיט אַ גומי־פּאַרטיכל אָדער אַ „וואָטער־פּרוף“ און באַלד ווי איר זעצט אייך אַוועק, שפּרייט עס אויס איבער די הויזן.

און אַז איר זיצט אין דער הויך אויף דער „גאַלערי“ און איר דער־זעט אונטן אין די „סטאָלס“ איקערס אַ פריינט, אַ לאַנדסמאַן, און איר ווילט, אַז ער זאָל וויסן אַז איר זענט אויך דאָ אין טעאַטער, דאַרפט איר נישט כאַפּן און אַראָפּפליען. איר בעסער שרייט צו אים אַראָפּ, פייפט, סוויש־טשעט, פיר־כעט ! נאָר פון אָרט רירט אייך נישט. אויב אייער לאַנדסמאַן הערט אייך נישט, דאַן פּרוּווט אים וואַרפן אַ באַנאַנע (איך מיין : די שאָלעכץ — די באַנאַנע עסט אויף). אויב איר טרעפט אַ צווייטן און נישט אים, זייט ביי אייך נישט געפאַלן. פּרובירט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. סוף־כל־סוף וועט איר דאָך אים מוזן טרעפן.

אָט האָב איך אייך געוויזן ווי אַזוי איר קענט אייך גאַנץ געמיטלעך זיצן אויף אייער „סיט“, גוט „ענדזשויען די פּלעי“, און נישט דאַרפן אַרומלויפן פון איין אָרט צום צווייטן.

הלואי וואָלט איך קלוגער געווען און אויך אַזוי געטון, וואָלט איך נישט געהאַט דעם מיאוס׳ן אָפּשניט, וואָס איך האָב געכאַפּט לעצטן שבת אין טעאַטער, ווען ס׳איז „קינדער־פריי“.

ס׳האָט זיך מיר פאַרגלוסט אַריינצוגיין צו מאַטינע אין טעאַטער. בײַם אַריינגאַנג האָב איך דאָרט אָנגעטראָפן אַ וועלט מיט קינדער ; טאַ־טעס און מאַמעס מיט קינדער, זיידעס און באָבעס מיט אייניקלעך, פּעטערס און מומעס מיט פּלימעניקעס. פיצלעך קינדער און דערוואַקסענע טויזנט־וואָכיקע קינדער... וואָס האָבן געזוכט חתנים און כלות.

צווישן דעם רוישיקן קינדער־געזינדל האָט אַ מיידעלע אַ קליינס זיך געריסן מיט אַ געוויין אין טעאַטער אַריין און געבעטן מ׳זאָל זי אַריינלאָזן צו דער באָבען.

— וואו־זשע — פרעגט איר דער „פּאָרטער“ — זיצט דאָרט די באָבע דיינע ?!

— זי איז אויף דער „סטיידזש“ !

— ווי אַזוי קומט די באָבע אויף דער „סטיידזש“ ?

— זי זינגט אין כאָר ! זי איז אַ „כאָר־מיידעל“ !

נעם איך שוין דאָס קינד אַריין אין טעאַטער אויף מיין „טיקעט“, פיר איר צו צו דער „סטיידזש־טיר“, צו דער באָבען אירער און איך זעץ זיך אויף מיין אָרט.

זיצט נעבן מיר אַ אידענע אין אַ פוטערנעם מאַנטל פון וועלכן ס׳זעט זיך אַרויס אַן אַמאָליק וויס פאַרטוך און אויף האָר שוים ביי איר רוט אַ גרויסע אָנגעלאָדענע „בעג“. צופיסנס פון דער אידענע פויזעט אַרום אַ

יאָטל אַ קליינס, וואָס שפּילט זיך מיט אַ באָל. קייקלט זיך דער באָל יעדע מינוט אַוועק אונטער אונזערע „סיטס״. קריכט דאָס יאָטל אַרונטער, פּלאָנטערט זיך צווישן די פיס, און דערגייט אונז אַזוי די יאָרן, אַז פרעגט אונז בחרם וואָס מ׳שפּילט.

קען עס שוין די אידענע מער נישט דערליידן. כאַפּט זי דאָס יאָטל, וואַרפט עס אַריבער איבער די קני, פאַרקאַשערט דאָס העמדל און פּאַטשט עס גוט אַריין אין „אלף מחילות׳ל״, אַזוי אַז ס׳זאָל האָבן צו גע־דענקן.

די אַקטיאָרן אויף דער בינע, הערנדיק „פּעטש״, האָבן געמיינט, אַז ס׳איז אַן אַפּלויז, האָבן זיי זיך גאַנץ העפלעך פאַרנייגט, בעת דאָס יאָטל האָט זיך אַזוי צעוויינט, אַז מ׳האָט אים גאָרנישט געקענט איינצעמען. ס׳האָבן אפילו נישט געהאָלפן די שטילע קניפּען, וואָס דאָס יאָטל האָט בשעת מעשה אַריינגעכאַפּט פון דער מאַמען זיינער.

איז געוואָרן אַ געשריי: „קוואַיט, פּליז!״

האָט די אידענע אַרויסגענומען פון דער „בעג״ אַ היבשע „המוציא״ חלה מיט „דזשעם״ און דעם יאָטל עס אין מויל אַריינגעשטופּט:

— נאַ! פרעס! און נעם איין שטומעניש!

פּאַסמאַקעוועט זיך דאָס יאָטל מיט׳ן „דזשעם״ און ס׳ווערט שטיל. אָבער ס׳לויפט נישט אַוועק קיין מינוט, און דאָס יאָטל פּויזעט שוין ווי־דער אַרום מיר און איך פיל אַז איך קלעפּ זיך... אמת, איך האָב ליב „דזשעם״, איינגעמאַכטס און אַנדערע זיסקייטן, אָבער נישט אויף די הויזן...

בעם איך זיך אָפּרוקן. די פאָדערשטע ריקען, זע איך, זענען ליידיקלעך. ערשט דאָס יאָטל מיט׳ן „דזשעם״ קריכט מיר נאָך. רוק איך זיך נאָך ווייטער, ביז צום אָרקעסטער צו און — גאָט־צו־דאַנקען — פּטור געוואָרן פונ׳ם יאָטל מיט׳ן „דזשעם״. נאָך אַ פּאָר מינוט מנוחה, אַ־האַ — מיינע אַלטע שכנים זענען שוין ווידער דאָ — די אידענע מיט׳ן יאָטל!

— מיסטער־לעבן! — רופט זי זיך צו מיר אָן — ער וועט שוין זיין אַ גוד־באָי, גיט אים אָפּ די חלה מיט׳ן דזשעם!

קוק איך אויף דער אידענע און שמייכל:

— וואָס׳אַראַ חלה מיט דזשעם, וואָס?

ענטפערט זי:

— געענוג זיך אַרומגעשפּילט. גיט אים אָפּ זיין חלה מיט דזשעם!

ווער איך שוין אין כעס און רוף זיך אָן:

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר? ווער האָט גענומען די חלה מיט „דזשעם״, ווער?

ווערט זי אָנגעצונדן און זאָגט:

— פע! שעמען מעגט איר זיך! אַ דערוואַקסענער איד זאָל מאַכן אַזעלכע שטיקלעך מיט אַ קליין אינגעלע!

— טשעפּעט אייך אָפּ, אידענע! — בעט איך זיך שוין ביי איר מיט גוטן — לאָזט מיר זען די „פּלעי".

נעמט זי אָן דאָס יאָטל ביים גאָמבעלע, ווייזט אויף מיר און זאָגט:

— זאָג, טאַטעלע! אָט־אָ דער מיסטער האָט ביי דיר גענומען די חלה מיט'ן דזשעם?

ענטפערט דאָס יאָטל מיט אַ שאָקל מיט'ן קעפּל אויף יאָ! — און מער דאַרף שוין די אידענע נישט. זי ווערט רויט ווי אַ בוראַק און שיסט אויס:

— מ'דערקענט אין אייערע באַקען וואָס איר זענט!

ווערט אין טעאַטער אַ געשריי:

— קוואַיט! שאַראַפּ! וואַרפט איר אַרויס, די יאַכנע!

טייטלט די אידענע אויף מיר מיט אַ פינגער און שרייט:

— וואַרפט א י ם אַרויס, אָט דעם פּרעסער, וואָס האָט אויפגעפרעסן מיין באַיעלע'ס חלה מיט דזשעם.

שרייען אַלע:

— וואַרפט זייביידען אַרויס!

און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

ס'האָט נישט געדויערט קיין צוויי מינוט, זענען מיר ביידע געלעגן אין דרויסן — איך מיט דער אידענע און מיט'ן קליינעם יאָטל אַלס צו־גאָב.

די אידענע האָט מיר נאָך געמאַכט „שוואַרץ־שבת" אין גאַס. מיט צרות האָב איך זיך פון איר אָפּגעטשעפּעט און בין מיר אַהיים געלאָפן.

קומענדיק אַהיים, רופט זיך צו מיר אָן מיין ווייב:

— האָסט שוין נישט געהאַט וואו צו עסן חלה מיט „דזשעם" נאָר אויפ'ן ביינעם ראָק דיינעם און דוקא דאָרט אויף יענעם פּלאַץ וואו מ'זיצט?

און אַזוי רעדנדיק האָט זי מיר פון יענער זייט ראָק אָפּגעקלעפּט אַ גאַנץ שטיק חלה מיט „דזשעם", דעם יאָטל'ס „המוציא", וואָס ס'האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט, בעת כ'בין אַרומגעקראָכן זוכן גליקן אין טעאַטער.

מ׳קלייבט חזנים

ס׳איז לעבעדיק אין שטעטל; מ׳קלייבט חזנים אין ווייטשעפל.

האָט איר אַמאָל געזען ווי אַ אידענע קלייבט אַ הון אויף שבת? צו־ערשט גיט זי אַ טאַפּ בייםביילעק צי ס׳איז דאָ גענוג פליש. דערנאָך צו־בלאָזט זי די פעדערלעך, אַ קוק צו געבן, צי די הון איז אַ פעטע און צי זי וועט קענען פון זיך געבן גענוג פלוסטער אויסצולאָזן שמאַלץ אויף פסח.

בערך אַזוי קלייבט מען אין ווייטשעפל אַ חזן; דער עולם וויל אַז ער זאָל זיין אי פליישיק אי שמאַלציק.

קומען זיי, די חזנים, מארבע־פנות־עולם און לאָזן זיך בדק׳ענען. אַז איר גייט דורך אַ שול הערט איר, אַז דאָרט אינעווייניק גאָרגלט זיך אימיצער, ציקעלט זיך, טרילט, מאַכט קונצן, פאַרגייט אין די עולמות־העליונים; בעת אין דרויסן, פאַר דער שול, זעט איר, שטייט אַ לאַנגע שורה פון מענטשן — דער עולם, וואָס שטופּט זיך הערן דעם ביי׳עם חזן, וועלכער מאַכט איצט פּראָבע.

מיינט איר דאָך אַז דאָס איז טאַקע דער „עולם״? — האָט איר, במחילה, אַ טעות! דאָס זענען די אַנגעפאַרענע חזנים וואָס וואַרטן אויף זייער „נעקסט״.

פונקט ווי ביים „לייבאָר־עקסטשיינדזש״.

פרעג איך:

— צו־וואָס שטייען זיי, די חזנים, פונדרויסן? פאַרוואָס לאָזט מען זיי נישט אַריין אינעווייניק?

— מיר וואָלטן זיי גערן אַריינגעלאָזט — ענטפערט מיר דער שמש פון שול — נאָר דער חזן וואָס „זאָגט״ אַצינד לאָזט נישט. איר ווייסט פאַרוואָס — גיט מיר דער שמש צו דערקלערן — ווייל יעדער חזן האָט זיך זיין „שטיקל״, האָט ער מורא, אַז אַן אַנדערער חזן זאָל אים דאָס „שטיקל״ נישט אַוועק׳לקח׳נען. און אַ חזן אָן אַ „שטיקל״ איז, ווייסט איר דאָך, כצאן בלי רועה, ווי אַ קאַץ אָן וואָנצעס!

— ביי אונז אין שול — דערציילט מיר ווייטער דער שמש — האָבן זיך שוין געיאָוועט כל־ערליי שלעק און מיר קענען זיך קיין חזן נישט צוקלייבן. הייגט דאָס ביסל מלאכות, די פאַרשידענע „טריידס״, וואָס האָבן זיך שוין ביי אונזער באַלעמער דורכגעוואָרפן; מיר האָבן שוין גע־האַט אַ חזן אַ דאָקטאָר, אַ חזן אַ פּראָפעסאָר, אַ חזן אַן אַפּטייקער, אַ חזן

אָן אײנזשיניער און אפילו אַ חזן אַ קאַמיקער. איי איז דאָס געווען אַ לק! פונ׳ם קאָמיקער האָט דער עולם געהאַט גרויס הנאה. ער האָט געמאַכט אַזעלכע לצ׳נישע שטיק ביים דאַווגען, אַזעלכע מאָדנע סיגעס און העויות, אַז ביים „ראש־חודש־בענטשן" האָט מען זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער און ביים „ומפני־חטאינו" זענען אַלע געלעגן אויף די בייכער. אַזאַ כח האָט ער געהאַט!

— איז פאַרוואָס־זשע האָט מען אים נישט אויסגעקליבן?

— ווייל אַ סך פון די מעמבערס האָבן דוקא געוואָלט דעם חזן דעם דאָקטאָר. פשוט, ווייל אַ דאָקטאָר אין אַ שול, האָבן זיי גע׳טענה׳ט, קומט צו־נוץ. ס׳מאַכט זיך אַז אַ איד חלש׳ט אַוועק יום־כפור אין שול, אָדער אַ אידענע אין דער „עזרת־נשים" איז זיך מיישב און פונקט צו תקיעות גייט זי צו־קינד. אָדער שמחת־תורה ביי די הקפות צובייילען זיך ביי אונז עטלעכע מעמבערס צוליב „אתה־הראית", ווי ס׳טרעפט זיך ביי אונז אַלע יאָר, און מ׳דאַרף זיי באַנדאַזשירן. אָט צוליב דעם גופא איז גוט אַז ס׳איז דאָ אַ דאָקטאָר אויפ׳ן אָרט.

— איז פאַרוואָס־זשע טאַקע האָט מען דעם דאָקטאָר נישט צוגענומען?

— פשוט, ווייל מיר האָבן אויסגעפונען אַז ער איז גאָר קיין דאָקטאָר נישט. הערט אַ מעשה: ס׳האָט געטראָפן אַז ביי דער פּראָבע איז פון גרויס שטופּעניש אַ אידענע נישט גוט געוואָרן. איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן אַ געשריי: „אַ דאָקטאָר! אַ דאָקטאָר!" לויפט מען צו צו אים, צו אונזער חזן, און מ׳זאָגט אים: איר זענט דאָך עפּעס אַ דאָקטאָר! טוט עפּעס! די מעמבערקע פאַרגייט! ענטפערט ער, אַז אַ דאָקטאָר איז ער טאַקע, נאָר נישט קיין רופא! הייַנט, וואָס זאָגט איר צו אַזאַ דאָקטאָר? האַ?

ווייטער האָבן מיר דאָ געהאַט אַ חזן פון אונגאַרן וואָס האָט זיך באַרימט אַז ער איז אַ גרויסער „בעל־עברי" און פאַרשטייט „פירוש־המלות". ער האָט טאַקע געהאַט אַ פיינע שטימע אויך און נישט קיין שלעכטער „זאָגער". נאָר צוליב אַ וואָרט, ווי איר קוקט מיך אָן, צוליב איין וואָרט איז ער ביי אונז דורכגעפאַלן.

די מעשה איז אַזוי געווען: דער גבאי־שני פון אונזער שול איז פּלוצלינג געשטאָרבן. האָט מען אים, דעם אונגאַרישן חזן, וועמען מ׳האָט פונקט יענעם שבת פּרובירט, געבעטן אַז ער זאָל מאַכן אַ „מלא". בעמט אונזער חזן דאָס סידור׳ל אין האַנט און הויבט אָן זאָגן אָן „אל מלא רחמים", אַז קיין בעסערן דאַרפט איר זיך נישט ווינטשן. קברים האָט ער געריסן. אַ שאַד וואָס דער נפטר האָט דעם „מלא" נישט געהערט. ער איז תמיד געווען אַ בעלן אויף אַ גוטן „מלא". ער וואָלט ממש אויפגעלעבט.

און אַז אונזער חזן איז צוגעקומען צום „שהלך לעולמו״ האָט ער גענומען באַווייזן וואונדערים; „שהלך״ אויף די אונטערשטע טענער און „שהלך״ אויף די מיטעלע טענער. אַ דריי אַהין און אַ דריי אַהער, אַ קוק אין סידור׳ל אַריין און אַ פיר אויס אויף דער גאָר העכסטער אָקטאַווע, מיט אַ קנאַק:

— ש ה ל ך ל נ ק ב ה !

האָט דער „שהלך״ אָנגעמאַכט אַזאַ גערודער אין שול אַז די הענג־לייכטער האָבן זיך גענומען שאָקלען. די קרובים פונ׳ם נפטר האָבן דעם חזן געוואָלט דורס זיין, ממש צורייסן ווי אַ הערינג. ס׳טייטש, אַזאַ בזיון, אַזאַ חילול־המת און אַזאַ בלבול (און אפשר איז עס נישט קיין בלבול. היינטיקע צייטן — ווער ווייסט?). הכלל, ס׳איז געווען פריילעך.

איז צו אים צוגעגאַנגען אונזער פרעזידענט און האָט אים, דעם חזן, אַ פרעג געטון מיט כעס:

— סעי, חזן, פון וואַנען האָסטו דאָרט גענומען אַ „שהלך לנקבה״?

וויזט דער חזן אָן אויפ׳ן סידור׳ל און ענטפערט זיך גאַנץ קאַלט־בלוטיק אויף זיין לשון:

— זאַ שטייט עס אין דאַז געבעט־בוך!

כאַפּן מיר פון זיין האַנט אַרויס דאָס סידור׳ל, דאָס „געבעט־בוך״ ווי ער רופט עס, און ערשט ווערט אונז אַלץ קלאָר: באַכ׳ן וואָרט „שהלך״ שטייט אין רינגעלעך: לנקבה — שהלכה; ס׳הייסט, אַז פאַר אַ פרוי זאָגט מען נישט „שהלך״ נאָר „שהלכה״, און היות ווי אונזער חזן האָט געוואָלט ווייזן וואָס פאַר אַ גרויסער קענער ער איז אין פירוש־המלות, האָט ער דאָס וואָרט ל נ ק ב ה צוגעשלעפּט צום ש ה ל ך און אַזוי אַרומעט איז געשען דאָס גרויסע אומגליק...

אָט אַזוי ווי איר הערט — פאַרענדיקט דער שמש זיין שמועס — איז ביי אונז אין שול כסדר לעבעדיק און פריילעך, נאָר קיין חזן האָבן מיר זיך נאָך אַלץ נישט צוגעקליבן.

יאָ, כ׳האָב אייך פאַרגעסן צו דערציילן. ס׳קומען איצט צו אונז צוויי בייע חזנים; איינער פון רוסלאַנד, טאָקע פון סאָוויעטסקי־ראָסיי. מ׳זאָגט אַז ער איז אַ „בעזבאָזשניק״. וואָס דאָס איז אַזוינס ווייס איך נישט, נאָר איך בין זיך משער, אַז ס׳איז אַ „כלי״. און אַ צווייטער חזן קומט אַזש פון כינא. ער איז דאָרט אַ גענעראַל! ער הייסט: „אי־טשע־מאַי־ער״. אַ מאָדנער נאָמען. איר האָט געהערט פון אים? מ׳זאָגט אַז ער ש י ס ט אַריין אַ מעריב איז שוין איינמאָל אַ ר י י נ ג ע ש אָ ס ן!

קורסן פאר „הרי־את״...

פרייטיק פארנאכט, ווען דער ענגלישער איד קומט אהיים פון „ביזנעס״, שטייט פאר אים גרייט זיין שיין־געדעקטער שבת־טיש; די אויסגעפוצטע לייכטער מיט די שבת׳דיקע ליכט, דער פינקעלדיקער וויין און די צוגעדעקטע חלות.

אז ער וואשט זיך און דעקט־אפ די חלות, אנטפלעקן זיך פאר אים, נישט קיין צוויי חלות נאר דריי; דריי אויסגעפלאכטענע קוילעטשן. צוויי גאנץ געוויינלעכע קוילעטשן פונ׳ם בעקער און א דריטער, גאר א צאצ־קעדיקער קוילעטש, דער ווערכנטלעכער קוילעטש פון דער אידישער קהלה — דער „דזשואיש קראניקל״. אזוי איז דער מנהג פון די ענגלישע „יאהודים״, אז דער „דזשואיש קראניקל״ איז א טייל פון זייערע שבת׳דיקע מאכלים. דאס איז זייער צימעס. אן אים איז ביי זיי דער שבת קיין שבת נישט.

אט דער דריטער קוילעטש איז אנגעפיקעוועט מיט כל־טוב. מיט מאן, זאפראן, ראזשינקעס און אנדערע זיסקייטן, וואס טיילמאל זענען זיי שוין א קאפעטשקעלע צו זיס... און דער עיקר, מיט בריוולעך צום רע־דאקטאר — גאלדענע בריוולעך, עכטע צאצקעס. א דאנק די דאזיקע בריוולעך ווייסן מיר, ווי אזוי מיר לעבן אויף דער וועלט און צי מיר לעבן בכלל.

שרייבט א איד אין „דזשואיש קראניקל״, למאי קען ביי אונז א חתן אונטער דער חופה נישט זאגן דעם „הרי את מקודשת לי״. דער חתן, ווי באקאנט, זאגט נאך ווי א פאפוגאי די ביין ווערטער, וואס דער מסדר־קידושין, דער „רעווערענד״, זאגט אים פאר. נאר אז ס׳קומט צום ווארט „לי״, מאכט דער „רעווערענד״ א „סטאפ״, ווייל על־פי־דין קען דער „רעווערענד״ דעם „לי״ נישט זאגן, מחמת דערמיט קען די כלה, דאס בייע ווייב, געהערן גאר צו אים... דערפאר שרייט אויס א זייטיקער: „לי!״ דער חתן, וועלכער איז נאך א גרינער אין אזעלכע ענינים, ווערט צוטו־מעלט און ער ווייסט נישט, וואו ער האלט אין דער וועלט. הכלל, ס׳איז ביזי־בזיונות.

על־כן, גיט דער בריוול־שרייבער אן עצה, אז בעת דער חתן וועט קומען פאר דער חתונה צום „טשיף־רבי״ ארויסצונעמען די חתונה־אקטן, די „לייסענס״, זאל מען זיי אים נישט ארויסגעבן, ביז ער וועט

דעם „הרי־את" נישט קענען זאָגן ווי אַ וואַסער. בעסער איז, פאַרשטייט זיך, זאָגט דער בעל־עצה, אַז דער „טשיף־רבי" זאָל עפענען קורסן פאַר חתנים, „הרי־את"־קורסן, הייסט עס, פונקט, אַ שטייגער, ווי מ'לערנט אַ בר־מצוה־בחור די ברכה איבער דער תורה, אָדער דעם מפטיר, אַזוי זאָל מען לערנען אַ חתן־בחור דעם „הרי־את". און טאַקע נישט קיין טרוקענעם „הרי־את", נאָר ריכטיק פאַרטייטשט. זאָל אַזאַ חתן וויסן דעם ריכטיקן פירוש פון „כדת־משה־וישראל"; זאָל ער וויסן ווי אַזוי ער האָט זיך אונטערצוגאַרטלען נאָך דער חתונה.

ווען ירוחם האָט זיך וועגן דעם בריוול דערוואוסט, האָט ער געזאָגט, אַז ס'איז אמת־ויציב; אַז בעת דער חתן דאַרף אונטער דער חופה נאָכבאַמקן דעם „הרי־את", ווערט ער אַזוי צודרומשקעט, אַז אַנשטאָט „הרי־את", זאָגט ער גאָר: „האַררי־אַפּ!" און אַז ס'קומט צום „לי" ווערט אונטער דער חופה גאָר פריילעך. פון אַלע זייטן שרייט מען: „לי, לי לי". גלייך ווי דער „לי" וואָלט געווען אַ גרויסע מצוה, אין וועלכער יעדער איינער וואָלט וועלן האָבן אַ חלק. פון דעם „לי", זאָגט ירוחם, האָט מען אַמאָל צו זינגען און צו זאָגן. ס'זאָל זיך נישט אַזוי טרעפן, ווי ס'טרעפט זיך, אַז איינער פון די „לי"־שרייער איז שפּעטער מקיים דעם „לי" בפועל־ממש...

אָבער ירוחם האַלט נישט, אַז דער „טשיף־רבי" זאָל זיך אַוועקזעצן לערנען מיט די חתנים דעם „הרי־את". ס'איז נישט קיין עסק, זאָגט ער, פאַר אַ רב־הכולל. אפילו ער, ירוחם, וואָס איז באַקאַנט אַלס אַ פּראַקטישער מלמד, וואָלט דאָס אויך נישט אונטערגענומען. ס'איז נישט, זאָגט ער, פאַר זיין האַרץ... זאָל די „קאונטי־קאונסיל" עפענען אַזעלכע „הרי־את איוונינג־קלאַסעס", אָדער זאָל זיך דערמיט פאַרנעמען די „באָרד־אָף־דעפּיוטיס" אָדער גאָר „קרן־התורה"...

נאָר זאָלן זיי אַלע וויסן, וואָרענט ירוחם, אַז זיי שפּילן זיך דאָ מיט פייער. קוים וועלן זיי מיט'ן חתן מאַכן פיל קונצן, וועלן זיי זיך נאָך די הענט אָפּסמאַליען. ווייל זיי דאַרפן פאַרשטיין, אַז ביז מ'ברענגט דעם „דראַנג" אונטער די „פיר דרענגלעך", קומט אָן מיט גרינגע ווערים. ס'איז ממש קריעת־ים־סוף. אונזערס אַ בחור'עץ, זאָגט ירוחם, איז ביי זיך אַ גרויסער יחסן, אַ גאַנצער פריץ, און ער הייסט זיך אָפּגילטן. כאָטש פרעגט אים בחרם פאַרוואָס ס'קומט אים. ס'רוב איז עס אַ פּוסטע כלי, אַ ליידיקער פאַס. קיין לייטיש פאַך אין האַנט האָט ער נישט. קיין גוטע שטעלע האָט ער אויך נישט. קיין געלט האָט ער אודאי נישט, און וואָס ער האָט יאָ — האָט ער אויך נישט. פונדעסטוועגן, הייסט זיך אַזאַ צאַצקע מיט גאָלד אָפּוועגן.

היינט אַז דער אויבערשטער העלפט, אַז מ׳דערטאַפּט שוין אַזאַ שטיקל חתן, אַרבעטן אַלע אַרום אים עבודת־פּרך. ס׳אַרבעט דער טאַטע, ס׳אַרבעט די מאַמע, ס׳אַרבעטן די ברידער, די שוועסטער, די כּלה — די גאַנצע משפּחה. אַלע שטופּן אים אונטער, אַז ער זאָל גיין וואָס גיכער צו דער חופּה. איצט, אַז מ׳וועט ערב־חתונה זיך אַוועקזעצן קנעלן מיט אַזאַ חתן דעם „הרי־את״, אַז ער זאָל דעם פּסוק קענען פון אויסנווייניק, וועט אים נאָך, חלילה, דער גאַנצער חתונה־אַפּעטיט פאַרגיין.

און בכלל, פרעגט ירוחם, צו וואָס דאַרף דער חתן וויסן דעם טייטש פון דעם „הרי־את״? שוין־זשע וועט אים דערפון לייכטער ווערן אויף דער נשמה? דאַכט זיך, אַז ער וועט זיך דערוויסן, אַז פונ׳ם קידושין־רינגעלע ווערט אַ קייט, אַן אייזערנע קייט, מיט וועלכער ער ווערט אויפ׳ן גאַנצן לעבן אַרומגעשמידט, וועט ער כאַפּן די רגלים אויף די פּלייצעס און מאַכן — ויברח.

דערפאַר, ווי גאָט איז אייך ליב, הערט אויף צו רעדן מכּח „הרי־את־קורסן״. אויב איר ווילט דעם חתן עפּעס לערנען, זענען פאַראַן ביל־כּערע לימודים. זאָל מען אים לערנען אַ א י ד י ש װאָרט, אָבער נישט איצט — אַ שעה פאַר דער חופּה. ס׳איז, רבותי, אַ ביסל שפּעטלעך. זאָל זיך אונזער וועלטל ווייטער פירן, ווי ס׳האָט זיך ביז איצט געפירט; זאָל דער חתן ווייטער נישט וויסן וועד ס׳האָט אים געשלייערט און — מאַי דקאמרי רעוורענד, אַבי ער שטייט שוין למזל אונטער דער חופּה.

אויב איר ווילט איינפירן רעפאָרמען — מהיכי־תיתי! און אויף אַלע געביטן! נאָר טשעפּעט מיר נישט, זאָגט ירוחם, מיין פּראָפעסאָר, מיין כירורג, וואָס נעמט מיר אַראָפּ דעם הויקער פון די פּלייצעס! ווייל הלואי זאָל איך ליגן זאָגן: קוים וועט איר דעם חתן וועלן פירן אין חדר אַריין, וועט ער אייך פירן אין באָד אַריין. זאָל דער צאַפּ זאָגן „האַררי־אַפּ!״ און באַלעבעטשן, וואָס ס׳ליגט אים נאָר אויף דער צונג, אַבי — אַראָפּ פון מאַרק!

דער "וואַטשער"

פון די ווייטשעפּלער פּרנסות

ר׳ תנחום — אַ איד אַ בן־ששים מיט אַ הדרת־פּנים׳דיקער באָרד — איז אַ שומר; נישט קיין שומר ביי די „באָרד־אָף־שחיטה", אָדער אין אַ גוי׳אישן רעסטאָראַן השגחה צו געבן אויף כשרות, נאָר אַ שומר ביי מתים, אַ „וואַכער", אָדער ווי מ׳רופט אים דאָ: אַ „וואָטשער". זיין עובדה איז: צו זיצן מיט׳ן מת אַ גאַנצע נאַכט און אים, ווי ר׳ תנחום זאָגט, „האַלטן קאָמפּאַני".

נישט יעדער איינער איז מסוגל צו זיין אַ „וואָטשער". מ׳דאַרף דער־צו האָבן אַ באַזונדערן געלענק, אָדער ווי ר׳ תנחום זאָגט: ט אַ ל אַ נ ט! און דער עיקר — נ ע ר װ ע ן! וואָרום גיי זעץ זיך אַוועק אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ טויטן און קוק אים אין פּנים אַריין... און נישט איין נאַכט נאָך נ ע כ ט!

אמת טאַקע דו זאָגסט זיך דיין פּאָרציע תהלים. אָבער וויפיל איז דער שיעור? אפילו צימעס ווערט אויך נמאס. נאָר אַז ס׳קומט צו פּרנסה, איז דאָך נישט שייך, באַקומט מען שוין „טאַלאַנט", „נערוועז", און די אַלע „זיבן זאַכן", וואָס זענען נויטיק צום „וואָטשער"־פאַך.

יאָ, אַ „וואָטשער" איז אַ פאַך און נאָך וואָס׳ארא פאַך — אַ רעגיס־טרירטע „טרייד"! עפנט אויף אונזער „דזשואיש־יער־בוק" וועט איר געפינען אַ גאַנצן צעטל פון מענער און פרויען „וואָטשערס"; „יונייטעד־סינאַגאָג־וואָטשערס"; „שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע וואָטשערס"; „פּע־דעריישן־וואָטשערס"; „עדת־ישראל־וואָטשערס" און אַ גוזמא אַנדערע „וואָטשערס".

אַחוץ די „אָפיציעלע" וואָטשערס, זענען אויך פאַראַן „דזשאָבערס" און „אַוטסיידערס". די „אָפיציעלע", דאָס זענען די ערשטע אויפ׳ן צעטל פאַר׳ן „דזשאָב". און אַז זיי זענען אַלע באַזעצט און ס׳פעלן אויס „וואָ־טשערס", רופט מען אַרויס די „דזשאָבערס", די וואָס אַרבעטן אויפ׳ן שטיק און זיי „מאַכן דעם דזשאָב". חוץ־דעם זענען פאַראַן אמת׳ע „אַוטסיידערס", וואָס געהערן נישט צו קיין חברה־קדישא, ס׳הייסט: צו אַ „יוניאָן" און „אַרבעטן" פאַר זיך.

ר׳ תנחום איז איינער פון די „אַוטסיידערס". ער האָט זיך שוין, זאָגט ער, זיינע „רעגעלע קאָסטומערס", זיינע שטענדיקע קונדן. און

הגם אויף זיין טיר איז נישט אָנגעקלאַפּט קיין מעשענע שילד, פונדעסט־וועגן איז ביי אים אַן „איינגעטרייטע ביזנעס“. זאָל ער נאָר וועלן פאַר־קויפן זיין „קאָנעקשן“ וואָלט ער געקראָגן מי־יודע וויפיל. אַ קלייניקייט היינט־צו־טאָג, ווען אַלע געשעפטן ליגן אין דער אדמה, אַזאַ ג אָ ל ־ ד ע נ ע פּרנסה. ס'איז דאָך ברויט מיט אַ מעסער!

ר' תנחום האָט מיר פאַרטרויעט אַ סוד, אַז ער האָט בדעה איבערצו־געבן דאָס געשעפט זיינס אין נדן זיין יונגסטער טאָכטער, די דרייסיק־יעריקע מוזינקע. זאָל זיך נאָר מאַכן דער רעכטער שידוך.

פון וואַנען קומט ר' תנחום צו דער דאָזיקער פּרנסה?

מיט אַ דריי צענדליק יאָר צוריק, אַז ער איז אַריבערגעקומען קיין לאָנדאָן, דערציילט ר' תנחום, האָט ער געאַרבעט אין אַ „וואָרקשאָפּ“, אין אַ פינסטערער „בעקרום“, געווען אַ „בעיסטער“, אַ „אונטער־פּרע־סער“ און וואָס אַלץ נישט. קיין פּאַך אין האַנט, נישט היינט געדאַכט, האָט ער נישט געהאַט און האָט תמיד געשטרעבט אַרויסצורייסן זיך פון דער חושכ'דיקער „וואָרקשאָפּ“, פון דער ט ו י ט ע ר סביבה און נעמען זיך צו עפּעס אַ ל ע ב ע ד י ק ע אַרבעט, ביז גאָט האָט אים געהאָלפן און ער איז געוואָרן אַ שומר ביי מתים, אַ „וואָטשער“.

דאָס האָט ער צו פאַרדאַנקן זיינס אַ לאַנדסמאַן, וואָס האָט אים דער־צו צוגערעדט און האָט אים טאַקע באַלד צוגעשאַרט דעם ערשטן „דזשאָב“.

די ערשטע נאַכט אַז ער האָט זיך גענומען צו זיין עבודה, איז אים פּשוט די נשמה אויסגעגאַנגען פאַר שרעק. צייטנווייז האָט זיך אים אין יענע נעכט געדאַכט, אַז ע ר איז גאָר דער מת. אַזוי זענען ביי אים די אברים געווען אָפּגעשטאָרבן. אָבער מיט דער צייט איז ער דערגאַנ־גען, אַז ע ר איז טאַקע ע ר , דער לעבעדיקער ר' תנחום און דער מת איז נישט מער ווי אַ ט ו י ט ע ר מת! אַ בר־מינן, נעבעך.

— ווי אַזוי־זשע פאַרברענגט איר די אָוונטן? — בין איך נייגעריק געווען צו וויסן.

און ר' תנחום דערציילט:

— אין די ערשטע צייטן, אַז איך האָב אָפּגעזאָגט מיין פּאָרציע תהלים, פלעג איך נעמען און זיך אַ קאַפּעטשקעלע צושפּאַרן, געכאַפּט אַ דרימל, און ווייטער געוואָטשט. שפּעטער האָב איך איינגעזען, אַז מיין „גאַסט“ וועט מיר נישט אַנטלויפן און איך קען מיר גאַנץ דרייסט איבער־שלאָפן די נאַכט. נאָר וואָס דען? כדי מ'זאָל מיך אין דער פרי נישט פּאַקן, האָב איך זיך באַזאָרגט מיט אַ וועק־זייגער. איך פלעג דעם זייגער אָנשטעלן אויף זעקס און ביים ערשטן קלינג בין איך שוין געווען אויף די פיס און — צוריק אַ „וואָטשער“.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַ מעשה וואָס איך וועל זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איינמאָל אין אַ פאַגעדיקן־מאָרגן, אַרום זעקס אין דער פרי, בעת ס'איז נאָך שטאָק־פינסטער און מיין זייגער הויבט אָן זיין גלין־גלין־גלין! עפן איך אויף די אויגן און זעץ זיך אויף פון מיין „געלעגער". ערשט, דער מת מיינער זעצט זיך אויך אויף. ניין, טראַכט איך זיך, ס'דאַכט זיך מיר. ס'איז בלויז אַ פאַנטאַזיע. און איך נעם פאַוואָליע און צי אויס אַ האַנט. ערשט, „ער" ציט אויך אויס אַ האַנט. איך זאָג אייך, די נשמה מיינע איז מיר געלעגן אויפ'ן שפיץ נאָז. דאָס האַרץ האָט ביי מיר געוואָרפן ווי ביי אַ גזלן: טיאַך! טיאַך!

איך וויל שרייען, נאָר איך קען נישט. די ציין זענען ביי מיר פאַרשטאַרט און דאָס לשון איז אָפגענומען. כאַפּ און אַנטלויף! — גיט אַ בליץ אין מיין מוח. נאָר אַזוי ווי איך גיב זיך אַ הויב, הויבט „ער" זיך אויך און — מער געדענק איך שוין נישט. איך געדענק בלויז, אַז פון צווישן די פאַרגליווערטע ציין מיינע האָט זיך אַרויסגעריסן אַ מאוים'דיקער געשריי: ג ע ו ו אַ ל ד! און איך בין אַנידערגעפאַלן.

מ'האָט מיר געריבן די שלייפן, געגעבן חלשות־טראָפּן צו שמעקן, געברענגט אַ דאָקטאָר, אַהיים אַוועקגעפירט, און שיינע עטלעכע וואָכן בין איך אָפגעלעגן ביז איך בין צו זיך געקומען. ס'האָט געדויערט אַ צייט ביז איך האָב געקענט צוריקגיין צו דער אַרבעט.

וואָס־זשע, מיינט איר, איז עס געווען? תחית־המתים? — אסור! איר וועט לאַכן, ווען איך וועל אייך דערציילן; ס'איז געווען אַ... שפיגל! נישט מער ווי אַ שפיגל! דער ליילעך וואָס האָט פאַרהאַנגען דעם שפיגל, האָט זיך אַראָפגעשאַרט...

אַ „וואָטשער", פאַרענדיקט ר' תנחום, איז נישט קיין לייכטע פרנסה, ס'איז נישט קיין ווינט־געשעפט. דערפאַר אָבער איז עס אַזאַ'ן אַרטיקל וואָס גייט קיינמאָל נישט אַרויס פון דער מאָדע. ס'איז פונקט ווי אַ „גראָסערי־שאָפּ" אָדער אַ רעסטאָראַן. עסן מוז מען? — שטאַרבן דאַרף מען אויך! און אַ דאַנק גאָט דערפאַר.

„אויף דער געלערי“

מר. און מרס. דזשימדזשיק באַזוכן די „בן־אורי“ בילדער גאַלעריע.

זונטיק פרי. מיסטער דזשימדזשיק רוט זיך אָפּ פון דער וואָך אַרבעט. ער זיצט זיך אין שטוב ביים טיש און לייענט אַ ווייטשעפּלער אידישע ציטונג. זיין ווייב טריינע־בריינע פּאָרעט זיך אין דער קיך. לייענט ער, אַז די „געלערי“ פון „בן־אורי“ האָט זיך געעפנט אין 63 מענסל סטריט און אַז דער איינטריט איז פריי.

שרייט ער אַריין אין דער קיך צו מיסעס דזשימדזשיק:

— הערסט, טריינע־בריינע, היינט גייען מיר אויף דער געלערי!

קומט אַריין טריינע־בריינע אַ בייזע ווי אַ בין און ענטפערט אים מיט כעס:

— מוחל! כ'האָב ערשט נעכטן געזען די „פלעי“, און זאָלן די „עקטערס“ האָבן אַזוי כח צו שפּילן, ווי איך האָב כח אָפּצושטיין שעהן לאַנג ביי דער „געלערי“. ס'מעג דיר אָנשטיין, טייערער געשפּאַן מיינער, קויפן אַמאָל אַ לייטישן „טיקעט“ פאַר אַ ווייב. דו מיינסט איך האָב נאָך מיינע מיידעלשע פיס?

— ס'איז נישט די „פלעי“ — באַרואיקט איר מיסטער דזשימדזשיק — נאָר „פּיקטשעס“ און ס'קאָסט נישט קיין געלט.

אַז זי האָט דערהערט „פּיקטשעס“ און נאָך בחנם, האָט זיך איר די פאַרב אין פּנים געביטן. זי האָט באַלד געעפנט דאָס פענסטער און אַראָפּגעשריגן אין גאַס:

— דזשעקעלע! איזי! סערעלע! קאַם־אָפּ! מיר גייען אין מאָווינג־פּיקטשעס! קוויק!

און אַרום צוועלף אַזייגער זענען זיי שוין אַלע געשטאַנען ביי דער טיר פון'ם אידישן עמיגראַנטן־הויז, דעם „שעלטער“, אין 63 מענסל סטריט.

טריינע־בריינע'ן איז דער אַריינגאַנג באַלד נישט געפעלן געוואָרן. זי האָט הערוואַרט, אַז ס'זאָל דאָרט שטיין, ווי ס'שטייט ביי אַלע „סינעמאס“, אַ „פּאָרטער“ מיט מעשענע קנעפּ און זאָל אויף זיין געזונט קול שרייען: „דיס ווער טו די געלערי!“ צום סוף שטייט דאָרט עפּעס אַ אידל

אַ חלוש אין אַ צעריסן רעקל און איגגאַנצן אָן קנעפּלעך.

פרעגט ער זיי, דער איד אָן קנעפּלעך, אויף זיין דין סופּראַן־שטי־מעלע:

— פונוואַנען קומט איר און וואוהין ווילט איר פאָרן?

ענטפערט אים מיסטער דזשימדזשיק:

— קומען קום איך פון דיסבלאַנד און זי, מיין ווייב, קומט פון פוילן. באַר פאָרן ווילן מיר אין ערגעץ נישט, כאָטש צוריקגעשמועסט האָבן מיר אַמאָל געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע, האָבן מיר געהאַט צרות מיט די אויגן. אירע אויגן — — —

לאָזט אים שוין נישט טריינע־בריינע, ווי איר טבע איז, ווייטער אויסרעדן. זי גיט אים אַ שטופּ אָפּ אָן אַ זייט און רופט זיך אָן צום קנעפּל־לאָזן אידן מיט אַ ירגזון:

— וואָס׳אַראַ נייע פּאַראַנדקעס איז געוואָרן אין ווייטשעפּל? וואָס? מ׳קען שוין נישט זען קיין „פּיקטשעס״, סיידן מ׳וויזט אַ „מענטריקע״? אויב אַזוי, קענט איר אייערע „פּיקטשעס״ איך איינזאַלצן. קומט קינדער, לאָמיר גיין!

כאַפּט ער זיך, דער איד אָן די קנעפּלעך, אַז דאָס זענען נישט קיין עמיגראַנטן און רופט זיך אָן:

— ענטשולדיקט! אָט באַלד וועט איר זען די „פּיקטשעס״.

און ער לויפט אַריין אינעווייניק און ברענגט צו פירן אַ פּאַרוואַל־טונגס־מיטגליד פון „בן־אורי״, וועלכער באַגריסט זיך מיט די געסט און פירט זיי אַרויף צו דער בילדער־גאַלעריע.

אַז טריינע־בריינע איז אַריין אין בילדער־סאַלאָן, איז זי אַרויס מיט אַזאַ מענה־לשון:

— דאָ איז עס? יאָסל! אַ בראַנד דיר אין די געדערים אַריין מיט דיינע שטיקלעך! וואוהין האָסטו מיך גענומען? זען צעמאַזשגעטע פּאַר־טרעטן מיט ליימענע יוזעלעך?

— דאָ וועט איר זען אונזערע קינסטלער — באַרואיקט איר דער פּאַרוואַלטער.

דערהערט דאָס וואָרט „קינסטלער״, איז טריינע־בריינע גלייך באַ־רואיקט געוואָרן און זיך אָנגערופן:

—קינדערלעך, זעצט זיך אַוועק. מיר וועלן באַלד זען די קונצן־מאַכער.

האָבן זיי געכאַפּט בענקלעך און זיך אויסגעזעצט.

ס׳הויבט זיך אָן די סצענע:

ד ע ר פּ אַ ר ו ו אַ ל ט ע ר (ווייזנדיק אויף אַ בילד): אָט דאָס איז שפּיגעל.

טרייבע־ברייבע (צעלאַכט זיך): וואו איז אַ שפּיגעל, וואו? יאָסל! גיב נאָר אַ קוק אויף דיינע קונצן־מאַכער. דאָס איז ביי זיי אַ שפּיגעל.

דער פּאַרוואַלטער: נישט קיין שפּיגעל זיך צו שפּיגלען, נאָר דער נאָמען פונ׳ם קינסטלער.

טרייבע־ברייבע (צעלאַכט זיך גאָר ברייט): כאַ־כאַ־כאַ! ט׳געהערט אַ ביסל אַ נאָמען? שפּיגעל! פּאַרוואָס נישט פּאַנטאָפל? (צום פּאַרוואַלטער) זאָגט־זשע מיר, מיסטער, פּאַרוואָס איז דער פּנים זייַנער אַזוי צעמאַזשגעט? ער האָט זיך נישט געקענט אָפּוואַשן איידער ער האָט גענומען די פּיקטשע?

דער פּאַרוואַלטער: די פאַרבן זענען צומישט.

טרייבע־ברייבע: יאָ, מ׳זעט אַז ער איז צו׳חוש׳ט.

מיסטער דזשימדזשיק (ווייזנדיק אויף אַ בילד): טרייבע! דו זעסט אָט יענעם צודרייטן? צו וועמען, מייַנסטו, איז ער ענלעך?

טרייבע־ברייבע: וואָס הייסט צו וועמען? צו דיין ברודער תנחום.

מיסטער דזשימדזשיק: האָסט אַ קוק פון אַ מיניסטער. ער זעט דאָך אויס ווי דיין פלימעניק וואָווע, דער וואוילער יונג מיט דער טשופּרינע.

טרייבע־ברייבע: טרעפּסט ווי אַ בלינד פערד אין גרוב אַריין. דאָס איז דאָך דיין ברודער תנחום מיט דער צעפּלאַטשטשטער נאָז און נאַרישער גאָמבע.

מיסטער דזשימדזשיק: אַלבעטשע, אַז ס׳איז דיין פלימעניק וואָווע. ביי אונז אין דער משפּחה זענען גאָר נישטאָ אַזעלכע לעקישעוואַטע פּנים׳ער.

טרייבע־ברייבע (אין כעס): די משפּחה׳טע דיינע! די גרויסע חכמים, מ׳שטייגס געזאָגט. זאָג מיר, גולם, ווער פון אייך איז נישט קיין אָפּגעריסענער נאַר? איר זענט דאָך אַלע, איינס ביי איינס, אַ סטאַדע בהמות און דיין ברודער תנחום, וואָס איז אינגאַנצן געראָטן אין דיר, איז די גרעסטע בהמה. (ווייזט אויפ׳ן בילד) אָט איז ער!

מיסטער דזשימדזשיק: וואָס דאַרפסטו זיך קאָכן, וואָס? אַמער לאָמיר פרעגן דעם מיסטער וואָס שטייט דאָ, וועט ער דיר אויך זאָגן, אַז ס׳איז דיין פלימעניק וואָווע. (ווענדעט זיך צום פּאַרוואַלטער) וואָס זאָגט איר, מיסטער, ווער איז גערעכט?

דער פּאַרוואַלטער: איר האָט ביידע אַ טעות. איר ווייסט ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך אונזערס אַ מענטש.

טריינע־ברייגע (מיט א גיפטיק שמייכעלע): אזוי גאר? דאס איז איינער פון אייערע? אויך א קונצן־מאכער?

פלוצלינג דערהערט זיך א שטארקע קלינגעריי און א געלויף איבער די טרעפ. מיסטער און מיסעס דזשימדזשיק דערשרעקן זיך; כאפן די קליינע דזשימדזשיקלעך ביי די הענט און לויפן ארויס העגדום־פעגדום.

אויף די טרעפ טרעפן זיי די עמיגראנטן פון „שעלטער", וואס שטופן זיך אין גרויס איילעניש און לויפן גיך אראפ.

פרעגט טריינע־ברייגע א דערשראקענע:

— וואס איז דער געיעג, וואס? וואס קומט דא פאר? ס'ברענט?

ענטפערן די עמיגראנטן:

— ס'ברענט דער „דינער", מ'דארף גיין עסן!

מילא, עסן איז עסן. אבי גאט־צו־דאנקען ס'ברענט נישט. גייען אויך מיט מיסטער דזשימדזשיק, מיסעס טריינע־ברייגע דזשימדזשיק און די דריי קליינע דזשימדזשיקלעך, זעצן זיך אויס ביי די טישן און „רייבן אויף וואס די וועלט שטייט".

— — — — — — — — — — — — —

אויפ'ן וועג אהיים רופט זיך אן מיסטער דזשימדזשיק צו טריינע־ברייגע'ן:

— ווייסט, טריינע־ברייגע, ס'איז א וואוילע סאסייטי די „געלערי". זי געפעלט מיר. איך וואלט געגאנגען אהער אלע טאג.

אַ אידישע פּאַטשיילע

— אַנומלט — דערציילט ירוחם — נישט קענענדיק צוטון קיין אויג, האָב איך געטראַכט, וועגן וואָס מיינסטו? איך האָב געטראַכט וועגן אַ פּאַטשיילע, אַ אידישע פּאַטשיילע. מיר האָט זיך פאַרגלוסט צו דערגרונטעוועט וויפיל נוצן אַ איד האָט פון זיינס אַ פּאַטשיילע, און איך בין דערגאַנגען אַז גאַנצע זעכצן.

אָט הער:

איינס: — אַז אַ איד דאַרף זיך שטעלן דאַווגען און ער האָט נישט דעם גאַרטל צו דער האַנט, נעמט ער אַרויס די פּאַטשיילע און גאַרטלט זיך מיט איר אַרום. אָט האָסטו אַ גאַרטל!

צוויי: — אַז אַ איד גייט אַרויס פון בית־המדרש אַ דערהיצטער און ס'בלאָזט אַ ווינט, נעמט ער אַרויס די פּאַטשיילע און וויקלט אַרום דעם האַלדז. אָט האָסטו אַ שאַליקל!

דריי: — אַז אַ איד גייט שבת פון שול און ס'רעגנט, קיין פּאַראַסאָל טאָר ער נישט טראָגן און ער וויל דאָך נישט אַז דער שבת'דיקער קאַפּעלוש זיינער זאָל באַרעגנט ווערן. וואָס־זשע טוט ער? נעמט ער אַרויס די פּאַטשיילע און דעקט מיט איר צו דעם קאָפּ. אָט האָסטו אַ שבת'דיקן פּאַראַסאָל!

פיר: — אַז אַ איד וואַשט זיך צום עסן, מאַכט „על נטילת ידים" און האָט נישט פאַר זיך דעם האַנטוך. מיט וואָס, מיינסטו, ווישט ער זיך אָפּ? מיט דער פּאַטשיילע און אָט האָסטו אַ האַנטוך!

פינף: — אַז אַ איד פאָרט אין באַן און וויל עפּעס אין מויל נעמען נאָר ער האָט נישט אויף וואָס אויסצולייגן דאָס עסן. נעמט ער אַרויס די פּאַטשיילע און שפּרייט איר אויס. אָט האָסטו אַ טישטוך!

זעקס: — אַז אַ איד דאַרף איבערנעכטיקן אין בית־המדרש צי אין באַן אויף דער האַרטער באַנק און האָט נישט מיט וואָס דעם קאָפּ אונטערצושפּאַרן, נעמט ער אַרויס די פּאַטשיילע, לייגט איר אַוועק צוקאָפּנס און אָט האָסטו אַ קישן!

זיבן: — אַז אַ איד גייט אין מרחץ אַריין און האָט נישט מיט וואָס זיך אַרומצוואַשן, נעמט ער די פּאַטשיילע און מאַכט פון איר אַ שוואָם!

אַכט: — אַז ביי אַ אידן האָבן זיך אָפּגעריסן די קנעפּלעך פון די הויזן און ער האָט נישט קיין פּאַסיק צו דער האַנט, בינדט ער זיך אַרום מיט דער פּאַטשיילע — האָסטו אַ פּאַסיק!

ניין: — אַז אַ אידן איז, זומער אין די גרויסע חמימות, הייס, ער שוויצט. מיט וואָס, מיינסטו, קילט ער זיך? ער נעמט אַרויס די פּאַטשיילע און פאָכעט זיך מיט איר — האָסטו אַ פעכער!

צען: — אַז אַ איד וויל אָפּשמייסן זיינס אַ בנ'אָק און דער חברה־מאַן האָט דעם קאַנטשיק פאַרטאַכלעוועט, כאַפּט ער אַרויס די פּאַטשיילע, דרייט איר איין און מאַכט פון איר אַ קאַנטשיק!

עלף: — אַז אַ איד מאַכט מיט אַ צווייטן אַ געשעפט, אַ משא־ומתן, און וויל שליסן אַן אָפּמאַך לויט'ן אידישן דין, נעמט ער אַרויס די פּאַ־טשיילע און מ'איז „מקבל־קנין" — האָסטו אַ קאָנטראַקט!

צוועלף: — אַז אַ איד וויל מיט אַנדערע אידן וואַרפן גורל, נעמט ער אַרויס די פּאַטשיילע, און דער עולם ציט קניפּלעך. אָט האָסטו אַ לאָטעריע!

דרייצען: — אַז אַ איד הערט אַ ניגון און וויל זיך אים פאַרצייכענען. וואָס־זשע טוט ער? ער טוט וואָס ס'האָבן געטון די חסידים, ווען זיי האָבן געהערט דעם רבינ'ס נייעם „ישמח־משה"; ער נעמט אַרויס די פּאַטשיילע און מאַכט קניפּלעך. אָט האָסטו אַ בלאַט נאָטן!

פערצען: — אַז אַ איד גייט אויף אַ חתונה און מ'איז אים מכבד מיט'ן מצוה־טענצל, וואו־זשע איז די חציצה בעת ער טאַנצט מיט אַ נקבה? נעמט ער אָן איין שפּיץ פון דער פּאַטשיילע און זי — דעם צווייטן און אָט האָסטו אַ שפּאַניש־ווענטל!

פופצען: — אַז אַ איד גייט אַרויס קלייבן אַ נדבה, פאַר זיך אָדער פאַר אַ צווייטן, גייט ער אַרום איבער די הייזער מיט דער פּאַטשיילע, אַ רויטע געוועבלעך, און ער לייגט אין איר אַריין דאָס גאַנצע געלט. אָט האָסטו אַ באַנק!

געפין מיר, זאָגט ירוחם, אַן אַנדער פאָלק וואָס זאָל קענען אַזוי פיל אויפטון מיט אַ פּאַטשיילע.

פרעג איך ירוחם'ן:

— דו האָסט דאָך מיר אין אָנהויב געזאָגט אַז פון אַ אידישער פּאַ־טשיילע האָט מען זעכצען נוצן און דו האָסט מיר בלויז אויסגערעכנט פופצען?

ענטפערט ער מיר:

— ביזט גערעכט; ס'איז דאָ אַ זעכצעטער נוץ. אמת, נישט אַזאַ וואַזשנער. ס'איז פאַראַן אַ „יש־אומרים", אַז אַ איד באַנוצט אויך אַ פּאַ־טשיילע פשוט צו דער נאָז...

פרעג איך ווייטער ירוחם׳ן:

— סתם אין דער וועלט אַריין, ווייס איך, וועסטו נישט אויסטראַכטן אַזאַ טראַכטעניש, מסתמא האָסטו דאָך עפּעס אַ כוונה דערביי?

ענטפערט ער:

— איך האָב עס געטראַכט אַקעגן אונזערע כלי־קודש אין ענגלאַנד, די „מיניסטערס", די גייסטיקע פּאַטשיילעס, וועלכע מוזן טויגן אויף אַלץ. אַז אַ איד ווערט ביי אונז אַ פּאַסטוך, אַ רעווערענד בלע״ז, און וויל אָנ־קומען אויף אַ שטעלע, דאַרף ער זיין אַן אמת׳ע אידישע פּאַטשיילע. מ׳דאַרף פון אים האָבן אַלע זעכצען נוצן. ער דאַרף זיין אַ רב, אַ חזן, אַ בעל־קריאה, אַ בעל־תקיעה, אַ שוחט, אַ מוהל, אַ לערער, אַ סעקרעטאַר, אַ רעדנער, אַ טענצער, אַ ברידזש־שפּילער, אַ גאָלף־שפּילער, אַ שווימער, אַ וויצן־זאָגער, אַ „לײדיס־מען", אַ פּאַרווײלער אין געזעלשאַפט און ס׳איז פאַראַן אַ „יש־אומרים", אַז ער דאַרף אויך זיין אַ לערנער. נאָר דאָס איז נישט קיין עיקר.

און ער איז עס טאַקע. אַ ברירה האָט ער? הײנט, אַז אַ יונגערמאַן איז אַזאַ צאַצקע און איז אַ „מעדכען פאַר אַלעס", אַן „אָל־ראַונד־מען", האָט ער נישט קיין דאגה מיט פּרנסה, וויל ווערט ער אויס „מיניסטער", ווערט ער אַ „טיטשער", אַ טענצער, אַ שווימער. ער איז דאָך עפּעס אַ „סמאַרט־פעלאָו" און אַ מענטש מיט „עקספּיריענס".

דערפאַר קען מען אַ ליאַדע טאָג אים באַפרייען פון זיין שטעלע, ווי מ׳האָט טאַקע אַזוי געטון מיט די לאָנדאָנער שוחטים פון דער „באָרד־אָף־שחיטה", און ס׳זאָל זיין אָפּגעשאָכטן אויף גלאַט־כשר. ווייל מה־רעש? וואָס איז דער געוואַלד וואָס די אָפּגעזאָגטע שוחטים מאַכן אויף דער אידישער גאַס? קיין פאַרלוירענע וועלן זיי נישט זיין. טויגן זיי נישט פאַר איין זאַך, וועלן זיי טויגן פאַר אַ צווייטער. זיי זענען דאָך אַלע יאָרן געווען מושלמים־בכל־המעלות. אָט קען איך אַ שוחט אין אַ פּאַרוואָרפּע־נער פּראָווינציעלער שטאָט, וואָס איז אויך אַ זייגערמאַכער. גייט נישט איין פּרנסה, גייט די צווייטע. דערציילט מען טאַקע, אַז ער שעכט אַ הינ־דעל, ג י י ט עס און אַז ער פאַרריכט אַ זייגערל — ש ט י י ט עס.

קיינער איז נישט שולדיק, פאַרענדיקט ירוחם זיין שמועס, וואָס פריער זענען זיי געווען אַזעלכע „כל־בו־סידור׳לעך" און מיט אַמאָל ווערן זיי „שיימעס", אויסגעפּליקטע בלעטלעך. זיי האָבן זיך אַליין געשאַפן אַזעלכע וואַקלדיקע פּאָזיציעס מיט זייער מודים־זאָגן, מיט זייער בויגן זיך אַהין־און־אַהער. און אַז זיי איז דאָס ניחא, איז — לא צריכא! ווי זאָגט דער תרגום: „מפּאַטשיילעתא לא מאכתא קאַפּאָטעתא", פון אַ פּאַטשיילע קען מען נישט מאַכן קיין זיידענע קאַפּאָטע.

א פיעסע מיט א קנאַק

געשריבן אין 1938 ווען דער באַרימטער „פּאַוויליאָן־טעאַטער“ האָט זיך געעפנט מיט אַ קנאַק און זיך באַלד דערנאָך פאַר־מאַכט מיט אַ טראַסק.

הכלל, אונזער „פּאַוויליאָן טעאַטער“, דאָס וויגעלע פון *אונזער* אידיש טעאַטער, איז שוין אין אַ מזל׳דיקער שעה, ווידער אָפן.

פּאַלט־צו די נאַכט, צינדן זיך אָן אויפ׳ן פּאַסאַד פונ׳ם טעאַטער די אַלטע באַקאַנטע לעמפּעלעך, מיט וועלכע מיר האָבן געשלאָסן באַקאַנט־שאַפט ביי די „העכסט סענזאַציאָנעלע לעבנס־בילדער מיט 20 נומערן געזאַנג“, ווי „בר־מצוה“, דאָס „תורה׳לע“, די „רומענישע חתונה“ און אַנדערע אַזעלכע קונץ־ווערק.

און „מוישע“, אונזער אַלטער „מוישע“, שטופּט זיך אין טעאַטער אַריין מיט די קדישים׳לעך זיינע. זאָל אַ קינד, זאָגט ער, אויך הערן אַ אידיש וואָרט. ס׳שטייט דאָך בפירוש אין די הייליקע ספרים, אַז אַ קינד דאַרף מען פון יונגוויז אָן מחנך זיין אין מצוות. טוט ער טאַקע אַזוי.

דאָס טעאַטער איז נאַכט־איין און נאַכט־אויס געפּאַקט. דאָס באַווייזט צום הונדערטסטן מאָל, אַז דער עולם אונזערער האָט ליב ליטעראַרישע פּיעסן. ווער שמועסט, אויף פּיעסן מיט אַ *שטאַרקן* אינהאַלט זענען תמיד דאָ געענוג בעלנים.

יאָ, איך האָב איך גאָר פאַרגעסן צו דערציילן וואָס מ׳שפּילט דאָרט אין „פּאַוויליאָן־טעאַטער“; ס׳ווערט איצט אויפגעפירט דאָס גרויסע קלאַ־סישע ווערק: „באָקסן און רעסלען“ — אַ פּיעסע מיט אַ *קנאַק* און מיט אַ *שטאַרקן* דראַמאַטישן פינאַל.

הקיצור, ס׳איז דאָרט דער אמת׳ער „ויתרוצצו“. די אַרטיסטן בוצקן זיך ווי אין פּסוק שטייט. יעטוועדער זבענק קלינגט אָפּ ביז צו דער גאַ־ליאָרקע, אַז די „געלערי“ דאַרף שוין נישט שרייען: „העכער!“ און הגם ס׳איז שוין לאַנג נאָך יום־כפּור, שלאָגן זיי זיך נאָך אַלץ — איי־נער אין דעם אַנדערנס האַרץ אַריין — „על־חטא“. מ׳דערלאַנגט זיך אַזוי, אַז ביידע דערזען די באָבעס זייערע אויף יענער וועלט און פאַרשפּאָרן הזכרת־נשמות.

אַזוי *שפּילט* מען דעם גאַנצן אָוונט, ביז איינער פון די ביידע,

און אָפּטמאָל טאַקע ביידע, ליגן אויף דער פּאָדלאָגע, צוקיילטע, צובייילטע, צו׳ממית׳טע.

און וויטשעפּל, דאָס ספּאָרטאָווע וויטשעפּל, יובלט. סוף־כל־סוף, דאַרף מען דאָך נישט פאַרגעסן, אַז אונזערע וויטשעפּלער „עמך״, זענען דאָך די אַלטע אמת׳ע ספּאָרטס־לייט. זיי האָבן דאָך דאָס „באָקסן״ און „רעסלען״ מיטגעבראַכט פון דער היים, פונ׳ם בית־המדרש, וואו מ׳האָט זיך שמחת־תורה די קעפּ געפּלעט פאַר אַ פּסוק פון „אתה־הראית״ אָדער פאַר אַן הקפה.

דערפאַר איז קיין וואונדער נישט, וואָס אין די שפּאַנענדסטע מאָמענטן פונ׳ם „באָקס״ און „רעסל״ קאַמף, ווען ס׳נעמען פליען בוסצעס ווי שפּענער, שפּרינגען אונזערע ספּאָרטלער אַרויס פון די כלים און מיט באַנומענע קולות שרייען זיי אויף אידיש־ענגליש:

— קאָם־אָן!... דערלאַנג!... אַט אַזוי!... נאָכאַמאָל! בראַוואָ!... אין די זייטן! יו גאָט אים!... ליג אים אַנידער!... קאַליקע!... גיב אים אַ שאָס! אַ כמאַל!, אַן אַפּער־קאַט!, אַ פלעם!, הרג׳ע!, זאַדישע!

דאָס אַלטע ריטערישע שמחת־תורה׳דיקע בלוט האָט זיך אין זייערע אָדערן צעשפּילט. ס׳האָט זיי אַ שפּאַר געטון די יוכע.

* * *

איז עפּעס דאָ אַן אונטערשיד פונ׳ם היינטיקן „פּאַוויליאָן־טעאַטער״־שפּיל ביז צו דעם אַמאָליקן?

ניין! — נישטאָ! ס׳איז דאָס זעלביקע טעאַטער־שפּיל ווי „אין די אַלטע גוטע צייטן״. אויך דעמאָלט האָט זיך דאָס גאַנצע טעאַטער אויסגעדריקט אין איין וואָרט: אַ ו ו ע ק ל י י ג ן אָדער אַ ו ו ע ק ׳־ ה ר ג ׳ ע נ ע ן!

די אַקטיאָרן האָבן אַוועקגע׳הרג׳עט די „עברי״, אַוועקגע׳הרג׳עט די ראָלען, און די פּיעסע האָט בכלל אַוועקגע׳הרג׳עט די קאַסע. דער דירעקטאָר האָט אַוועקגעלייגט דאָס טעאַטער און דאָס טעאַטער האָט אַוועקגעלייגט דעם דירעקטאָר. צום סוף פון סעזאָן זענען שוין אַלע ג ע ל ע ג ן... אי דער דירעקטאָר, אי די אַקטיאָרן, אי דאָס טעאַטער.

ס׳איז געווען דער זעלבער טעאַטער־שפּיל ווי היינט, אפילו מיט די זעלבע „מאַנקי־נאַטס״, נישט מער: דעמאָלט האָט מען געשפּילט מיט „געזאַנגע, מערשע און טענצע״, און היינט — מיט סתם ווילדע געשרייען מצד דעם עולם אונטער דער קאַפּאָטע פון ספּאָרט.

* * *

אין „יענע גוטע צייטן״ האָט דער „אַרטיסט״, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון אַ איבערזיכטיקן מאַן, אַ זאָג געטון צו דער פרוי זיינער אויף דער בינע:

— כ׳וועל דיך דערשיסן, זיך דערשיסן, און הערנאָך פאַר איך מיר אַוועק קיין אַמעריקע און דו וועסט בלייבן אַ פינסטערע עגונה!

און די ווייבער האָבן זיך הערביי אַזוי צעכליפעט און צעיאָמערט, אַז די בנעז האָבן זיך ביי זיי צעשפילט; אַ קלייניקייט — אַן עגונה! און נאָך אַ פינסטערע דערצו.

און אַז דער העלד האָט שוין געדאַרפט אויסשיסן אויף דער בינע, ווי אַזוי־זשע האָט דער שאָס אויסגעזען?

שטעלט־אייך־פאָר אַז אין דעם שפאַנענדסטן מאָמענט, צום קלי־מאַקס פון דער דראַמע, ווען דער העלד האָט זיך שוין שיסן און דער פאַרהאַנג האָט זיך דראַמאַטיש אַראָפּלאָזן; אָט דעמאָלט, ווען ער שטעלט צו דעם אומגליקלעכן רעוואָלווער צום אומגליקלעכן שטערן און גיט אַ צי ביים צינגל — דעמאָלט שטעלט אים דער רעוואָלווער אַרויס אַ לאַנגע צונג און זאָגט:

— אַ מכה! כ׳וועל נישט שיסן!

ווייל, איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ אידישער־טעאַטער־רע־וואָלווער. ער וועט אייך מאַכן אַלערליי קונצן, נאָר שיסן ווען מ׳באַדאַרף און וואו מ׳באַדאַרף — אָט דאָס נישט.

וואָס־זשע טוט דער אַקטיאָר אין אַזאַ מאָמענט?

אַן אַקטיאָר מיט אַ שטיקל סמעקאַלקע גיט זיך שוין אַן עצה.

אין „יענע גוטע צייטן" האָט אַן אַקטיאָר ביי אַזאַ אומגעריכטער סצענע עקספּראָמט געשאַפן אַזאַ מין „אַרבל־פּראָזע":

— אַ־אַהאַ! — האָט ער דראַמאַטיש אויסגערופן צום רעוואָלווער — אַאוך דו ברוטוס? אַאוך דו ווילסט מיך פאַרראַטן? אַלע האָבן זיך פאַר־אייניקט אין איין גראַסען קאָמפּאָט. אָ, ניין! ס׳וועט אייך נישט געלינגען. כ׳וועל זאַ־אַאוך שטערבען. כ׳וועל זיך הענגען, ווערגען, דערשטיקען!

און ער האָט דעם רעוואָלווער מיט כעס אַוועקגעשליידערט און מיט די פינגער זיך אַ וואָרף געטון צום האַלז זיינעם; גענומען ווערגן, שטיקן. דערביי האָט ער העכסט דראַמאַטיש געכאָרכלט: כאָ, כאָ, כאָ!

לאַנג האָט די גסיסה זיינע נישט געדויערט, און ער האָט זיך ברוך־השם דערוואָרגן.

ס׳איז אָבער אַ מנהג, אפשר אַ פּאַסקודנער מנהג, אַז אַ מת, בפרט אַ דערוואָרגענער, שטייט נישט אויף די פיס. פון אַרומקריכן — איז שוין אָפּגערעדט.

אָט דאָס דאָזיקע „לעבנס־געזעץ" האָט אונזער העלד אין זיינען גע־האַט בעת ער האָט דורכגעפירט די אויבנגעשילדערטע סצענע; כדי דאָס בילד זאָל אַרויסקומען העכסט רעאַליסטיש, איז ער — נאָך דעם ווי ער האָט זיך שוין געהאַט דערוואָרגן — צ ו ג ע ק ר אָ כ ן צום פּראָנט

פון דעם סופליאַר־קאַסטן און האָט זיך דאָרט אויף דער פּאָדלאָגע גאַנץ פיין אויסגעצויגן, פאַרוואָרפנדיק דעם קאָפּ אין אַ זייט ווי אַ פאַלנער מת און — ברוך־דיין־אמת!

ליגט ער אַזוי, אונזער מת, עטלעכע היבשע מינוט און וואַרט אַז מ׳זאָל אים טון זיין רעכט; אַז מ׳זאָל דעם פאָרהאַנג אַראָפּלאָזן און ס׳זאָל נעמען אַ סוף צו דער דראַמע.

ווייסן אָבער נישט די גוי׳אישע בינע־אַרבעטער וועלכע זענען באַ־שעפטיקט ביים פאָרהאַנג־אַראָפּלאָזן, וואָס ס׳טוט זיך דאָ. זיי האָט מען אָנגעזאָגט, אַז באַלד ווי זיי וועלן דערהערן אַ שאָס, זאָלן זיי דעם פאָרהאַנג אַראָפּלאָזן.

און דעם שאָס האָבן זיי נאָך נישט געהערט.

דערפאַר אָבער האָט שוין דער עולם אין טעאַטער גאַנץ גוט געהערט ווי דער „מת" האָט צום סופליאָר אַ „שעפּטשע" געטון:

— זאָג זיי דאָרט די „באַסטאַרדס", אַז כ׳בין שוין צען מינוט טויט. זאָלן זיי אַראָפּלאָזן דעם „קערטן". איך שטאַרב עסן!

תחית־המתים! אַ מת רעדט!

ס׳גייט אונטער

דערציילט פון אַ אידן וואָס האָט
נעבעך אַ „באָרדינג הויז״ ביים ים.

הערט איר, ס׳איז אַ סוף מיט׳ן אידנטום. דאָס אידישע „באָרדינג־הויז״ גייט אונטער! ס׳איז „גוד־באַי!״

די אידישע געסט האָבן געוואָרפן אַן אומ׳חן אויף דעם אידישן „באָרדינג־הויז״ און זענען אַוועק צו די גויים. די גוי׳אישע פּלעצער זענען פול, און די אידישע „באָרדינג־הייזער״ פּוסטעווען, ליגן אין דער אדמה.

וואָס־זשע, מיינט איר, וועל איך טון? איך וועל זיצן און צוקוקן ווי די גוי׳אישע האָטעלן מאַכן ביזנעס און איך וועל קרענקען? אסור! איך וועל אַראָפּהאַקן דעם „מגן־דוד״ פון מיין „באָרדינג־הויז״, פאַרשמירן דעם שיינעם אידישן נאָמען מיט׳ן „כשר״ וואָס האָט מיך אַזוי אָנגעקוועקט און כ׳וועל אויף מיין „באָרדינג־הויז״ לאָזן אויפשרייבן מיט גרויסע אותיות: „סיינט פּאַטריק׳ס היי־קלאַס האָטעל״ און איר וועט זען וואָס פאַר אַ שפע איך וועל האָבן, וואָס פאַר אַ געלויף ס׳וועט ווערן. איר מיינט פון קריסטן? אסור! דוקא פון אידן! „סיינט פּאַטריק״ וועט זיי ציען ווי אַ מאַגנעט.

איך שטעל זיך פאָר ווי אונזערע אידעלעך, אַ געזונט זיי אין די פּופּקעס, וועלן צוקומען צו דער טיר, וועלן מיט דרך־ארץ אַ קלינג טון ביים גלעקל, און בעטן, אַז מ׳זאָל וויזן די צימערן. דערנאָך, אַז זיי וועלן זיך שוין האָבן אויסגעדונגען, וועלן זיי אַ פרעג טון, צי מ׳גיט דאָ ביי מיר דעם „יוזשעל ברעקפעסט״?

און איך וועל אין־זיך שמייכלען. איך ווייס דאָך שוין וואָס זיי ווילן. „יוזשעל ברעקפעסט״ איז דאָך דער פרישטיק וואָס זיי זענען געוואוינט צו עסן פון דער היים אויס, דאָס וואָס ס׳האָבן געגעסן זייערע אבות־אבותינו: אייער מיט געפּרעגלטן „בשר־קוויטש״ — „עגס־ענד־בייקאָן״.

— שור! — וועל איך זיי ענטפערן מיט שטאָלץ, און איך וועל זיי געבן „עגס־ענד־בייקאָן״ אין דער פרי, „עגס־ענד־בייקאָן״ בייטאָג און „עגס־ענד־בייקאָן״ ביינאַכט.

פרייטיק־צו־נאַכטס, אַנשטאָט די שמעקעדיקע געפעפערטע פיש — אַ פלימעסיק מיט „עגס־ענד־בייקאָן״. במקום דעם פעטן צימעס מיט קישקע — „עגס־ענד־בייקאָן״, און אויפ׳ן אָרט פון דעם צוקערדיקן,

שמאַלציקן קוגל מיט ראָזשינקעס וואָס ס׳צוגייט אין מויל — אַ טעלער אַ גאַנצן מיט „עגס־ענד־בייקאָן״.

דער „עגס־ענד־בייקאָן״ וועט זיי שוין קריכן פון האַלדז. זיי וועלן קראַפּירן נאָך אַ ביסל אידיש געקעכץ און — אַזאַסיע! איך וועל זיך נוקם זיין פאַר מיינע אַלע ביטערע חדשים, פאַר מיין בלוט־צאַפּעניש, פאַר די שיינע צימערן, וואָס זענען געשטאַנען ליידיק, פאַר אַלץ מיט אַנאַנדער.

איך וועל זיי ווייזן אונזערע „עגס־ענד־בייקאָן׳יקעס״.

איך האָב דאָ אַ לאַנדסמאַן, וואָס ער איז געווען אין דער היים איז נישט וויכטיק. גאָרנישט! טאָקע גאָרנישט שבגאָרנישט! אַ „נאַבאָדי״! נאָר דאָ איז ער אַ שיינער איד. שפּילט אַ ראָליע. באשר־בכן ער האָט געלט. כ׳וואָלט אויך געקענט האָבן אַ פּותיקא ווען איך „סעטל״ מיינע בעלי־חובות מיט זיבן שילינג צום פונט. זיצט ער זיך, דער לאַנדסמאַן מיינער, אין אַ גוי׳אישן האָטעל און פּאַסמאַקעוועט זיך אַזוי מיט׳ן „עגס־ענד־בייקאָן״, אַז די גאָמבע זיינע איז ביי אים תמיד גליטשיק.

זאָג איך צו אים:

— וועלאָוויל! כ׳קען בשום אופן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי דו קענסט זיך צו דער פּאַסקודסטוואָ צוגירן. דו געדענקסט דאָך נאָך פון דער היים ווי אַזוי דער דבר־אחר לעבט און וואו ער ראָקעט זיך אַלץ אַרום. ס׳איז דאָך חולשי־חלשות דאָס אין מויל צו נעמען.

ענטפערט ער מיר:

— וואָס גלייכסטו אַ היימישן דבר־אחר צו אַ היגן. דאָ לעבט ער זיך דאָך ווי אַ גראַף!

קוק איך אים אָן, דעם אויפגעקומענעם לאַנדסמאַן מיינעם און זאָג:

— אָבער פאַר מיר שטייט נאָך אַלץ דער דבר־אחר פון דער היים. און ווי ער זאָל זיך נישט אויסמענטשלען בלייבט ער אַלץ דער זעלבער שוויניאַ, דער זעלבער חזיר מיט אויערן און חזיר׳שע מאָרדע.

און מ׳שטיינס געזאָגט, דאָס גאַנצע ביסל עסן, וואָס מ׳גיט דאָרט אין די גוי׳אישע באָרדינג־הייזער. שבת־צו־נאַכטס, ווען מען „אויקשאַנירט״ אויפ׳ן „מאַרקעט״ דאָס איבערגעבליבענע פאַרפרוירענע פלייש, האַנדלען זיי איין אַ זייטל פלייש, אַ „דזשאָינט״ ווי זיי רופן עס. זיי סמאַליען עס גוט אָפּ אין אויוון און מאַכן דערפון „ראָוסט ביף״. אָט פון דעם „ראָוסט־ביף״ שניידט מען יעדן טאָג פעניצלעך און מ׳דערלאַנגט עס די געסט מיט קאַל־טע קאַרטאָפל און גרינס. דערנאָך פאַרבייסט מען מיט אַ לאַקריצדיקן ענג־לישן „פודינג״ און — רבותי, מיר וועלן בענטשן! ס׳איז אָפּגעגעסן!

אָבער ביי אונז: ראשית דער „האָר׳דעוור״, דער פאַרשפּייז. איך זאָג אייך, אַז דער פאַרשפּייז האָט מיך שוין גרוי געמאַכט. וואָרום יעדן טאָג, וואָס זאָג איך, יעדן טאָג, צו יעדן מאָלצייט, וויל דער אידישער באָרדער

אַ נייעם פּאַרשפּייז. קלער איך, קלערט מיין ווייב וואָס פאַר אַ פּאַרשפּייז צוצוגרייטן. ניין! מיר קלערן שוין נישט. ס'האָט זיך שוין ביי אונז אויסגעלאָזט דאָס קלערעניש. מיר האָבן שוין נישט קיין ברעקל געדאַנק. ווייל וואָס איר ווילט הערן און געדענקן האָט מען שוין פאַר זיי געמאַכט, און וויפיל פּאַרשפּייזן זענען בכלל פאַראַן אויף דער וועלט?

נאָכ'ן פּאַרשפּייז הויבן זיך אָן די פאַרשידענע געריכטן, די חתונה־פּאַטראַוועס. יאָ! די חתונות האָבן די „באָרדינג־הייזער" אַוועקגעלייגט. אַז די געסט ווילן בלויז האָבן חתונה־מאָלצייטן! מילא, פאַרפאַלן. אַז די קאָנקורענץ איז גרויס און אַז יענער גיט חתונה־געריכטן, מוזטו אויך אַזוי טון. מע מוז דאָך אָנהאַלטן דעם „קאָנעקשן".

קנאַקן זיי אויף ביידע באַקן און פונדעסטוועגן זענען זיי נישט צופרידן. „מ'גראַמבלט"! איר זאָלט הערן די פּרעטענזיעס, די „קאָמפּליינטס". מיט אַמאָל ווערט ביים טיש אַ געשריי, אַז די זופּ, די גאָלדענע יויך מיט די לאָקשן און מאַנדלעך, שמעקט מיט זייף! ווי קומט זייף אַהער? אַז אין מיין גאַנצן „באָרדינג־הויז" וועט איר קיין פּיצל זייף נישט געפינען. נעם איך דעם לעפל און פאַרזוך די זופּ און וואָס אמת איז אמת! די זופּ שפּירט זיך טאַקע, אָבער נישט פון זייף! איך האָב ברוך־השם אַ גוטן שמעקער. מאַלע וואָס אונזערע אידעלעך קענען אויסקלערן. איך האָב מיט מיין חוש־הריח דערשנאַפּט אַז די זופּ שפּירט זיך גאָר פון... „פּעטראָל"! אַבי זיי האָבן געשריגן: זייף!

פון וואַנען קומט „פּעטראָל" אין דער זופּ? טאָקע פון זיי! פון די געסט! זיי קומען זיך צופאָרן מיט זייערע „קאַרס" און „שאָופערס" און וואו מיינט איר ליגן די „שאָופערס"? אין דער קיך, ביי די דינסטן! מסתמא קריכט אַ „שאָופער" מיט אַ לעפל אין טאָפּ זופּ אַריין, האָט ער דאָרט איינגעטונקן דעם אַרבל זיינעם, און הייסע זופּ, ווייסט איר דאָך, ציט אָן...

היינט די גוי'אישע געלעגערס: ווי אַזוי קען אַ אונזעריקער שלאָפן אויף זייערס אַ בעט? זייערע קישנס זענען דאָך אָנגעפילט מיט סטראָטשענעס, געהובלעכטס. אמת, ס'זענען ביי זיי קיין וואַנצן נישטאָ. אָבער וואָס האָבן זיי דען יאָ? אַ פּערענע האָבן זיי? און פּוכיקע קישנס האָבן זיי? „בלענקעטס" האָבן זיי! קאַלטע, בלעכענע „בלענקעטס" און אַ דראָטענעם מאַטראַץ! פונדעסטוועגן קריכן אונזערע אידעלעך אַהין.

איך אַליין קען אפילו נישט „גראַמבלען"; איך האָב איצט אַ ביסל געסט, נאָר נישט די ריכטיקע קאָסטומערס. ס'זענען צו מיר אָנגעפאָרן די כלי־קודש: מגידים, חזנים, שמשים און דאָס גלייכן. די אמת'ע קליענטן! האָב איך פון זיי צרות; זיי קריכן אין קיך אַריין, עפענען די טעפּ און

זוכן. וואָס זוכן זיי? דאָס כ ש ר ו ת , הייסט דאָס, זוכן זיי, אָבער אין אמת׳ן זוכן זיי עפּעס אַנדערש.

אַנומלט, איך כאַפּ זיך אַריין אין דער קיך, ערשט ס׳שטייט דאָרט אַ חזן און וועלגערט צוזאַמען מיט דער קעכין אַ בלאַט לאָקשן.

בין איך דאָך נישט קיין „שיפּע־זיבעלע״. איך בין דאָך אַ איד, וואָס קאַטאָרי וועלכער פאַרשטייט אַן עסק. רוף איך זיך צו אים אָן:

— חזן! צו וואָס זאָלט איר זיך מטריח זיין? די קעכין וועט שוין דאָס טייגל אַליין אויסוועלגערן. איר גייט בעסער אַ ביסל אַרויס צום ים. די מיידלעך און די ווייבלעך קאָלערן זיך שוין אין די זאַמדן. זיי פּראַווען דאָרט גילגול־מחילות... איר וועט זיך „ענדזשויען״.

ענטפערט ער מיר, אַז ס׳איז אים אַ גרויס רחמנות אויף דער קעכין. ער האָט געקענט איר מאַן עליו־השלום. ער איז געווען אַ מעמבער אין זיין שול. אַ וואוילער איד געווען. דערפאַר וויל ער די פינסטערע אלמנה אַ ביסל אַרויסהעלפן.

שפּעטער, עפּנענדיק די טיר פון אַ „בעד־רום״, האָב איך געטראָפן ווי אַ שמש העלפט די „טשעמבער־מעיד״ פאַרבעטן די בעטן. רוף איך זיך אָן צום שמש:

— מילא, דער חזן וויל העלפן די קעכין, ווייל זי איז אַן אלמנה, אַ געוועזענע מעמבערקע פון זיין שול. אָבער זי, די „טשעמבער־מעיד״ איז דאָך אַן ערל׳טע, אַ פרעמדע שיקסע!

ענטפערט ער מיר, דער שמש (אַ ליטוואַק איז ער געווען):

— און אַ סיקסע איז וואָס? סטייט דען ניט „עזוב תעזוב עמו״? אַז מ׳דאַרף אַ מענצן אַרויסהעלפן?

אָט אַזעלכע ו ו י י כ ה אַ ר צ י ק ע געסט שטייען היינט ביי מיר. די ריכטיקע רד־לב׳ניקעס.

יאָ, כ׳האָב איך פאַרגעסן צו דערציילן: אייערנעכטן האָט זיך געיאָ־וועט אַ בייער גאַסט. נישט קיין כלי־קודש נאָר סתם אַ טשודאַק. באַטראַכט ער די צימערן, פרעגט אויפ׳ן פרייז און הכלל ס׳געפעלט אים. נאָר אין זאַך בעט ער: איידער ער גיט דעם „דעפּאָזיט״ וויל ער אַ קוק טון אויף דער קעכין.

שווער איך אייך: וואָלט נישט געווען אַזאַ ביטערע קאָנקורענץ וואָלט ער ביי מיר אַן עראָפּלאַן! איר האָט געזען אַ ביסל אַן עזות? נאָר אַז ס׳זענען היינט דאָ מערער „באָרדינג־הייזער״ ווי געסט, פאַרבייג איך דעם קאָפּ און רוף אַרויף די קעכין.

באַטראַכט ער די קעכין און רופט זיך אָן:

— ס׳טויגניש!

— פון וואַנען ווייסט איר — זאָג איך — אַז ס׳טויג נישט? איר האָט פּאַרזוכט איר געקעכטס?

ענטפערט ער:

— מ׳דאַרף נישט פּאַרזוכן. מיט׳ן קוק זע איך, אַז ס׳וועט נישט טויגן. די קעכין האָט אַ חסרון. זי האָט צופיל האָר אויפ׳ן קאָפּ!

— וואָס הייסט? ווי קומען די האָר צום געקעכטס?

— אוי, קומען זיי! — ענטפערט ער מיר מיט אַ גיפטיק שמייכעלע — און נאָך אַ מין קומען!

און ער דערציילט מיר אַז פאַר די לעצטע צען יאָר, וואו ער איז נאָר געשטאַנען אין אַ אידישן „באָרדינג־הויז" האָט ער יעדן טאָג געפונען האָר אין די זופּ, אַלערליי האָר: שוואַרצע, בלאָנדע און אפילו רויטע. ס׳וועט זיך וואָס פאַר אַ קעכין דאָס איז. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן אָנצודינגען זיך אין אַזאַ „באָרדינג־הויז", וואו די קעכין האָט נישט קיין סימן־האָר אויפ׳ן קאָפּ.

היינט גייט נעמט ספּעציעל פאַר אים צו אַ קעכין מיט אַ פּליך.

אָט אַזעלכע צרות לײדט מען זיך אויס פון דעם ביסל „באָרדערס", וואָס קומט שוין צו צו דער טיר. די עצמות ציען זיי ביי איין אַרויס.

ס׳איז ווי איך האָב איך געזאָגט: דאָס אידישע „באָרדינג־הויז" גייט אונטער! ס׳איז אַ סוף מיט׳ן אידנטום!

פון אונזער געמויזעכץ

צווישן צוויי פייערן

געווידמעט א ו נ ז ע ר ע
„פאַראייניקטע קאָמיטעטן״.

— איר ווילט האָבן הנאה פון אַ פיינעם מיטאָג? טאָ באַזוכט אונזער פאַראייניקטע פאָלקס־קיך. איר וועט דאָרט גאַנץ גוט און ביליק אָפּעסן און איבאַייבוועגס וועט איר אונז אַ טובה טון; איר וועט וועגן דער אינסטיטוציע עפּעס אָנשרייבן. מ׳דאַרף איר געבן אַ שטיקל רעקלאַמע.

אַזוי האָט מיר גע׳עצה׳ט מיינס אַ באַקאַנטער וועלכער איז געווען פאַראינטערעסירט אין דעם אַנשטאַלט.

— אדרבא! — האָב איך אים געענטפערט — פאַרוואָס נישט? נאָר איך האָב אַ ביסל מורא; איך האָב געהערט, אַז די ציוניסטן מיט די קאָמוניסטן וועלכע פאַרוואַלטן מיט דער קיך האָבן נישט קיין גרויס שלום־בית צווישן זיך. מ׳דערלאַנגט זיך דאָרט בדבעי. ס׳פליען די אמת׳ע פּעטש. היינט צו וואָס־זשע זאָל איך אַריינקריכן מיט מיין נאָז אין מיטן?

— אָט טאַקע דערפאַר — האָט מיין באַקאַנטער גערעדט מיט וואַרעמקייט — וויל איך אַז איר זאָלט די קיך באַזוכן, כדי איר זאָלט זיך איבערצייגן ווי פאַלש און ווי איבערגעטריבן ס׳זענען די אַלע קלאַנגען. גייט אַהין אויף טשיקאַוועס! גייט גלייך!

האָב איך זיך געזעגנט און כ׳בין אַוועק צו דער קיך.

אַריינקומנדיק אַהין האָט דער אויפזעער מיר אָנגעוויזן אויף אַ באַזונדער טישל וואָס איז אייגנס פאַר מיינעטוועגן באַשטעלט געוואָרן.

איך נעם די מעניו אין האַנט. האַ־האַ — באָרשטש! איך, אַז כ׳דערזע אַ באָרשטש גייט מיר דאָס חיות אויס. דער בליאַסק פון די רויטע בוראַקעס צינדט אין מיר אָן דאָס בלוט און איך ווער אַ פאַרצאַפּלטער. קלער איך נישט קיין סך און זאָג:

— אַ באָרשטש!

ס׳געדויערט נישט קיין מינוט און פאַר מיינע אויגן שטייט אַ צוויקלרויטער באָרשטש, אַ געפעפערטער, אַ זידיקער, וואָס פאַררייסט די נאָז.

נעם איך אַ לעפל און וויל דערלאַנגען צום מויל, נאָר כהרף־עין וואַקסט נעבן מיין רעכטער האַנט אויס אַ בחור אַ ריז, אַ ווירגילעץ, מיט אַ בלוי־ווייס שלייפל אין לאַץ און ער רופט זיך אָן מיט רוגזה:

— אַ־האַ? אַזוי גאָר? אַ רויטן מאָסקווער באָרשטש האָט זיך אייך

פאַרגלוסט? אַ נייע באַלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע! ניין, פּעטער! ביי אונז וועט איר קיין רויטע באָרשטשן נישט עסן!

און מניה־וביה, איידער איך האָב נאָך אוספייעט אַ וואָרט אויסצוּרעדן, האָט זיך איבער מיין רעכטער האַנט אַראָפּגעלאָזט אַ וואַלגערהאָלץ; און מיט אַזאַ אימפּעט און קראַפט, אַז דער לעפּל איז ווי אַ פייל פון בויגן אַוועקגעפלויגן און איך — איך האָב אָנגעהויבן פאַרוואָרפן מיט׳ן קאָפּ.

— גיכע־הילף, אַהער! — האָט דער בחור מיט׳ן בלוי־ווייסן שלייפל אַ קאָמאַנדעווע געטון; און נעבן מיר זענען אויסגעוואַקסן צוויי בחורים אין ווייסע מאַנטלען און מיט בלוי־ווייסע שלייפלעך אין די לאַצן.

צוערשט האָבן זיי אָפּגעזונגען די „התקוה". דערנאָך האָבן זיי מיר געגעבן חלשות־טראָפּן צו שמעקן. אַז איך בין שוין אַ ביסל געקומען צו זיך, האָבן זיי מיר דעם אַרבל אַרויפגעשאַרט, באַטאַפּט די האַנט מיינע וועלכע איז געווען ברוין און בלוי און אויפגעלאָפן ווי אַ פּענכער און זיך גאַנץ קאַלטבלוטיק אָנגערופן:

— עה, ס׳איז גאָרנישט! ס׳איז בלויז דער ביין איבערגעבראָכן!

און זיי ברענגען צוויי ברעטלעך, לייגן אַריין די געשוואָלענע האַנט אין מיטן, בינדן זי אַרום מיט אַ צענדליק באַנדאַזשן, זאָגן „שאַלאָם!" און פאַרשווינדן.

קוק איך אַזוי אויף מיין האַנט און טראַכט:

— אָ, האַנט! די רעכטע האַנט מיינע! דו פּרנסה־געבער! ווי דו זעסט נעבעך אויס! ווי מרור צווישן צוויי פּעניצלעך מצה, דער „כורך" וואָס מיר עסן פּסח צום סדר!

און מיין האַרץ פאַרגייט אין געוויין.

אָבער וואָס עסט מען? איך בין טויט־הונגעריק, פאַר׳חלש׳ט. נעם איך די מעניו און דער לינקער האַנט, מיד אויס אַלץ וואָס האָט אַ רויטן קאָליר און איך באַשטעל — אַ יויך מיט לאָקשן!

נאָר קוים ווי איך וויל נעמען אַ לעפל צום מויל, וואַקסט פון מיין לינקער זייט אויס אַ צווייטער ווירגילעץ, אַ בחור אָן אייזן, מיט אַ רויט שלייפל אין לאַץ און ער רופט זיך אָן מיט אַ ירגזון:

— אַ־האַ? אַזוי גאָר? אַ כלל־ישראל זופּ האָט זיך אייך פאַרגלוסט? אַ יויך מיט לאָקשן וואָס דער קלעריקאַליזם עסט אַלע פרייטיק־צו־נאַכטס נאָך קבלת־שבת? בידער מיט דער בורזשואַזיע!

און ווידער האָט זיך איבער מיין לינקער האַנט אַראָפּגעלאָזט אַ וואַלגערהאָלץ, אויך מיט דעם זעלבן אימפּעט און כח ווי פריער. דער לעפל איז ערגעץ אַוועקגעפלויגן און איך האָב ווידער מיט׳ן קאָפּ פאַרוואָרפן.

— גיכע־הילף, אַהער! — האָט דער בחור מיט׳ן רויטן שלייפל אַ

געשריי געגעבן, און פונקט ווי פריער זענען אויסגעוואַקסן צוויי בחורים אין ווייסע מאַנטלען, נאָר מיט רויטע שלייפלעך אין די לאַצן. קודם־כל, האָבן זיי אָפּגעזונגען די „רויטע פאָן”. דערנאָך — פונקט ווי יענע — האָבן זיי מיר חלשות־טראָפּן געגעבן צו שמעקן, באַטאַפּט די האַנט וועל־כע איז אויפגעלאָפן ווי אַ קוילעטש אויף הייוון, און זיך געלאַסן אַנגע־רופן:

— עה, ס׳איז גאָרנישט! ס׳איז בלויז דער ביין איבערגעבראָכן!

און זיי ברענגען די באַקאַנטע ברעטלעך און באַנדאַזשירן מיר די לינקע האַנט אַזוי, אַז זי זאָל זיך חלילה נישט האָבן וואָס צו שעמען פאַר די רעכטע.

ליגן אַזוי מיינע צוויי ידים איינגעוויקלט אין ווייסן, ווי אַן אָפּגע־מל׳טער צווילינג וואָס דער קוואַטער האָט אים ערשט פון דעם מוהל׳ס האַנט צוריקגעבראַכט.

מילא, פאַרפאַלן! באַשערט אַן אומגליק!

אָבער וואָס עסט מען? קיין ביידע זופּן וויל איך שוין נישט באַשטעלן. אַ קשיא אויף אַ מעשׂה? ווער ווייסט וואָס מ׳קען מיר נאָך חלילה אַלץ אי־בערהאַקן? רוף איך זיך אָן צו די צוויי בחורים, די לייב־גוואַרדיע מיינע, וואָס שטייען מיט די וואַלגערהעלצער פון ביידע זייטן און היטן מיך אָפּ פון אַלדאָס בייזן:

— הערט צו, חברים! איך ווייס דאָך שוין מיט וואָס דער ענין שמעקט, האָב איך אַן עצה, וואָס וועט אייך אַלעמען צופרידנשטעלן: ברענגט אַ שיסל, גיסט אַהין אַריין דעם באָרשטש מיט די לאָקשן מיט דער יויך, מישט עס אַלץ צונויף און אַן עק!

גיבן זיי זיך ביידע אַ כאַפּ גלייך ווי איך וואָלט זיי די קאַפּאָטע גע־קוילעט און רופן זיך אָן מיט אַ ברען:

— ניין, פעטער! די דאָזיקע שטיק וועט ביי אונז נישט אָנגיין. איר ווילט שפּילן די ראָלע פון אַן אומפּאַרטייאישן? שאַפן אַ ציוניסטיש־יויך־לאָקשנדיקן־קאָמוניסטיש־רויט־באָרשטשדיקן־בלאָק? נישט ביי אונז! אָדער איר עסט באָרשטש, אָדער לאָקשן מיט יויך!

און נישט פרעגנדיק ביי מיר וואָס איך וויל עסן, האָבן זיי מיך אָנגע־כאַפּט ביי די אויערן; דער ביים רעכטן אויער און דער ביים לינקן, דעם קאָפּ מיר פאַרריסן אויף צוריק און מיר גענומען שטופּן לעפלען געקעכץ אין מויל אַריין. דער אַ לעפל באָרשטש און דער אַ לעפל לאָקשן מיט יויך.

קאָרמענען זיי מיך און איך בין מיך ממש מחיה. ווייל סיי־ווי־סיי וואָלטן זיי מיר געדאַרפט לייגן דאָס עסן אין מויל, מחמת די הענט, לא־עליכם, ליגן דאָך ביי מיר אין קימפּעט. וואָלטן זיי עס אָבער געטון גע־לאַסן, סקלאַדנע, וואָלט איך עס גאַנץ גוט פאַלוביעט. איז אָבער די צרה,

וואָס זיי זענען קענטיק איידעלע מענטשן. אַלץ איז ביי זיי אויף איין פוס, אויף גיך, בחפזון; יעדער איינער האָט מיך געוואָלט וואָס פריער אָנהאָדעווען און מיט גרעסערע פּאָרציעס.

האָב איך זיך אָנגעהויבן צו קרעקן, זיך צו פאַרכלינען, און איר זאָלט מיר מוחל זיין, געגומען אָפּגעבן אויף צוריק... האָבן זיי, די שוטים, געמיינט אַז איך טו עס אומישנע, און איך פיר מיט זיי מלחמה. זענען זיי געוואָרן אין כעס און אָנגעהויבן צו פּאַטשן מיט די לעפל איבער מיין נאַקעטן קאָפּ.

טראַכט איך זיך: וויפיל קעפ האָט עס אַ מענטש? אינגאַנצן איין שטיקל קאָפּ! און זיי, מיט זייערע לעפל, קענען מיר נאָך אים אַזוי צופּטר'ן, אַז איך זאָל חלילה נישט האָבן אויף וואָס אַרויפצוזעצן מיין שבת'דיקן צילענדער. האָב איך ביי זיך באַשלאָסן: תמות נפשי עם פלשתים! ס'וועט זיין מיין טויט, אָבער אויך זייער טויט! און איך האָב זיך געגעבן אַ שטעל אויף און מיט איין שפּרונג — בין איך שוין געווען אין דרויסן.

זיי האָבן מיך מיט די לעפל נאָכגעיאָגט, אָבער איך האָב זיך אַריינגעכאַפּט אין אַן אויטאָ און געהייסן גיך פאָרן צו דער נאָענטסטער קליניק. דאָרט, אין קליניק, בין איך אָפּגעלעגן אַ וואָך צייט און מ'האָט מיך ברוך־השם אויסגעהיילט. נישט מער וואָס די הענט ציטערן ביי מיר אַ ביסל, איין אויג הוידעט זיך און אויפ'ן קאָפּ איז ביי מיר פאַרבליבן אַ האַלב טוץ גוליעס, האַלב־קיילעכיקע ווי לעפל — אַ זכר לחורבן! אָבער חוץ־דעם, האָט דער „מיטאָג" אין דער פאַראייניקטער פאָלקס־קיך מיר נישט פאַרשאַדט.

פון מאַנטיק ביז מיטוואָך

(אַ שפּיל אין צווײ אַקטן)

פּאַרשױנען:

מ י ס ט ע ר מ אָ ז ע ס — אויף פּראָסט אידיש „מוישע", נישט דער טעאַטער־„מוישע", נאָר דער פּאָליטישער „מוישע", וואָס איז געוואָרן „נאַטשורלייזט" און טראָגט זיך אַרום מיט אַ „וואָוט".

מ י ס ט ע ר ב י ז י ב אָ ד י — אין ערשטן אַקט אַ קאַנדידאַט צום פּאַרלאַמענט. אין צווייטן אַקט — שוין אַ דעפּוטאַט.

צ י י ט — פון מאַנטיק ביז מיטוואָך.

אָ ר ט — טאַקע ווייטשעפּל.

ע ר ש ט ע ר אַ ק ט.

(מאַנטיק, ביים שויפענסטער פון אַ ליידיקער קראָם, פאַרקלעפּט מיט אַפישן, אויפשריפטן און פאָטאָגראַפיעס פון מיסטער ביזיבאָדי אין פאַרשידענע פּאָזעס, שטייט זיך מיסטער מאָזעס און קלייבט נחת פון די אויסגעשטעלטע בילדער. ס'לויפט אַרויס מיסטער ביזיבאָדי, אויסגעפּוצט ווי אַ חתן צו דער חופּה און כאַפּט זיך אַרום מיט מיסטער מאָזעס)

מ י ס ט ע ר ב י ז י ב אָ ד י (צוגאָסן אין איין גרויסן שמייכל): האַלאָ, מיסטער מאָזעס! האַו־ד'יו־דו, מיסטער מאָזעס? שוין אַ שטיק צייט נישט געזען אייך. דאַכט זיך, שוין דריטהאַלבן יאָר... איי, ווי די צייט לויפט. וואו זענט איר געווען, מיסטער מאָזעס? כ'האָב שוין פּשוט גע־בענקט נאָך אייך. וואָס־זשע שטייט איר פונדרויסן? קומט אַריין! זיצט, מיסטער מאָזעס! ס'איז אייך אפשר האַרטלעך צו זיצן? (שרייט: „דזשאָו! דערלאַנג אַהער אַ קישעלע, צוויי קישעלעך!") אָט אַזוי, טוט אייך אויס. ביי מיר קענט איר אייך מאַכן באַקוועם. (נעמט פון אים צו דעם ראָק מיט'ן הוט). איר ווייסט, איר דאַרפט שוין האָבן אַ נייעם העט. כ'זאָג אייך צו, מיסטער מאָזעס, אַז באַלד ווי כ'וועל נאָר עלעקטעד, באַקומט איר פון מיר, נישט קיין האַרטן קאַפּעלוש, ווי זיי זאָגן אייך צו, נאָר אַ צילענדער! שאַט, איר האָט שוין געהאַט טי? (שרייט: „דזשאָו! ברענג אַ פולן טי־פּאָט טיי

מיט אַ דאָזן פיסטעטריס !") וואָס, איר זענט פלייִשיק ? (שרייט : „דזשאָו ! ברענג אַריין אַ פּאָר באָטלס לעמאָנייד !") איז וואָס־זשע מאַכט איר אין געזונט, מיסטער מאָזעס ? רומאַטיזם אין לינקן פוס, זאָגט איר ? נו, יאָ, ווער איז שולדיק אויב נישט זיי ? דאָס גאַנצע לאַנד האָבן זיי דאָך אָנגעשטעקט מיט רומאַטיזם אין לינקן פוס. איר מעגט זיין זיכער, מיסטער מאָזעס, אַז דאָס ערשטע וואָס כ׳וועל אין פּאַרלאַמענט דורכפירן וועט זיין — אויס מיט׳ן רומאַטיזם פון אַלע לינקע פיס !... און מיט פּרנסה ווי גייט עס איך ? נישט אַזוי איי־איי, זאָגט איר ? וואָס, איר דאַרפט קרעדיט ? אַ שטייגער וויפיל ? איינגאַנצן אַ טויזנט פונט ? לאָמיך נאָר אַריין, וועט איר שוין פון מיין חברה־קדישא באַקומען אַ קרעדיט ביז׳ן טויט אַריין. און דערווייל ? נו, יאָ, דערווייל — — — טרינקט־זשע אַ לעמאָנייד ! וואָס, צו קאַלט ? אַז גע׳הרג׳עט זאָלן זיי ווערן. ביי זיי איז אָדער צו קאַלט אָדער צו הייס. לעבלעך איז ביי זיי נישטאָ. שפּילט איר אַמאָל אַ „זעקס־און־זעכציק" ? אַ „סאָלאָ" ? אַ „ברידזש" ? אויב כ׳וועל אַריין און איר וועט אַמאָל דאַרפן אַ „האַנט", גיט מיר אַ רינג אין „האַאוס־אָף־קאָמאָנס". אויב איר האָט צייט, כאַפּט איך אַריבער צו מיר אין פּאַרלאַמענט, שפּרינגט אַריין, וועלן מיר מאַכן אַ קערטל. וואָס, פרעגט איר, צי מ׳טרומפט ביי אונז אַוועק אַ טויז ? ווי האַלט איר ? איר זאָגט, אַז מ׳דאַרף עס נישט טון ? אַ געזונט אין איך, אָט דאָס וויל איך דאָך איינפירן. לאָמיך נאָר אַריין ! נישט בלויז אַ טויז, אפילו אַ קעניג זאָל מען נישט טאָרן טרומפן... איז וואָס־זשע מאַכן אייערע קינדערלעך ? וואָס, זיי מאָזלען ? יאָ, יאָ, ביי זיי וועט איר נאָך אַליין פּאָקן און מאָזלען ! וואָס, איר ווילט שוין גיין ? אפשר וועט איר האָבן נאָך אַ גלעזעלע לעמאָנייד ? (שרייט : „דזשאָו ! גיב אַהער מיסטער מאָזעס׳עס ראָק !") איר ווייסט, איר דאַרפט שוין האָבן אַ נייעם ראָק. לאָמיך נאָר אַריין און איר וועט ביי מיר גיין אין גאָלד. ניין, גאָלד איז געפאַלן. אין זיידנס וועט איר ביי מיר גיין. זיידנס, זאָגט איר, טראָגן בלויז „גוטע־אידן" ? כאַ־כאַ־כאַ ! גוט געזאָגט ! וואָס־זשע, איר זענט אַ שלעכטער איד ? איר וועט ביי מיר גיין אין זיידענע הויזן, אייער ווייב אין זיידענע הויזן, אייערע קינדער אין זיידענע הויזן און אפילו אייער דינסט אין זיידענע הויזן. וואָס, איר האָט נישט קיין דינסט ? נו, וועט זי טראָגן לייוואַנטענע ! דער עיקר, פאַרגעסט נישט מאַכן מאָרגן דאָס „צלם׳ל". מער נישט ווי אַ קליין „צלם׳ל" ביי מיין נאָמען. נו, זייט־זשע מיר געזונט און שטאַרק. גיט אַכטונג אויף אייער רעכטע האַנט, זי זאָל זיך, חלילה, נישט צוקילן, ווייל מאָרגן דאַרף זי מאַכן דאָס „צלם׳ל". גרוסט אייער ווייב. קומט אַריין שבת אויף קידוש. נאַט, נעמט מיט אַ פּאָר בייגל פאַר די קינדערלעך. קושט זיי אין די קעפּלעך. האָט אַ גוט יאָר !

צווייטער אקט.

(מיטוואָך אוונט נאָך די וואַלן. ביי דער טיר פון אַ גרויסער הויז, אויף וועלכער מ'האָט ערשט צוגעקלאַפּט אַ מעשענע טאַבלעטקע מיט דער אויפשריפט: „א. ביזיבאָדי, מ.פּ." שטייט מיסטער מאָזעס און קלינגט. דזשאָו עפנט די טיר און הייסט אים וואַרטן אין קאָרידאָר. ס'קומט אַרויס מיסטער ביזיבאָדי מיט דזשאָו'ען)

מיסטער ביזיבאָדי (מיט רוגזה): ווער זענט איר און וועמען דאַרפט איר? איר זענט געקומען מיך באַגריסן? טענק־יו! טענק־יו! איר האָט עס געקענט שיקן דורך פּאָסט. איר דאַרפט וויסן, אַז כ'בין אַ ביזי־מענטש. וואָס, כ'האָב אייך צוגעזאָגט אַ צילענדער מיט אַ „זעקס־און־זעכציק"? וואָס דולט איר מיר אַ ספּאָדעק? (אָפּאַרט צו דזשאָו'ען: „אַ פינסטער לעבן אויף דיר! צו־וואָס האָסטו דאָ אַריינגעלאָזט דעם נודניק?") כ'בין איצט אַ מעמבער־אָף־פּאַרלאַמענט און האָב נישט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיט נאַרישקייטן. איר מעגט זיך שעמען מיך צו שטערן אין מיין גרויסער נאַציאָנאַלער אַרבעט. וואָס פאַר אַ זיידענע הויזן, וואָס? ווער האָט אייך צוגעזאָגט זייד אויף הויזן? (אָפּאַרט צו דזשאָו'ען: „זאָלסט מיר זיין אַ שיינע ריינע כפרה. וועלכע שוואַרצע, בייזע יאָר, האָבן דעם שלימזל אַהערגעבראַכט?") אַלזאָ, מיסטער וואָטסאָנעים, קומט אַ צווייטן מאָל. איצט בין איך צו ביזי. אַז כ'וועל אייך דאַרפן, וועל איך שיקן נאָך אייך! גוד־באַי!

(מיסטער ביזיבאָדי פאַרשווינדט. מיסטער מאָזעס גייט אַהיים מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ. ס'באַגלייט אים אַ שמייכלענדיקע לבנה מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג)

פאָרהאַנג.

עברית באידיש

בקולות וברקים — מיט דונערן און בליצן זענען אונזערע לאַנדאַנער עברית־ניקעס צוגעטראָטן צו זייער העברעאישן קאַמפּיין.

זיי, די „בטלנים״, די „מלמדים״, ווי מ׳האָט זיי תמיד געשטעמפּלט, האָבן באַוויזן, אַז זיי זענען שוין גאָר קיין בטלנים נישט. זיי האָבן פאַר־שטאַנען דעם גייסט פון דער צייט, אַז אַן דעם גרויסן געפּילדער איז ליאַרם ווערט דאָ גאָרנישט געבאָרן.

ס׳איז היינט אַ צייט, ווען דער צבוע׳דיקער טאָן, די פּיאַניסימאָ, איז אויסגעשפּילט. דער „קול דממה דקה״ איז פאַרשוואונדן. די תפלה־בלחש, די שטילע שמונה־עשרה, זאָגט היינט קיינער נישט, אפילו נישט דער חזן.

ס׳איז אַ דור של „דזשאַז״. תקופת־הקעסעלפּויק...

בעיקר, דאַרפן מיר אידן מאַכן יעלות. ווייל מה־דאָך אין די שטילסטע צייטן הערט מען אונז נישט, איז אַ פּשיטא שוין אין אַזאַ הו־האַ פּעריאָד. דערפאַר דאַרף יעדער איד פאַרמאָגן אַ טענאָר אָדער אַ באַרי־טאָן, מיט וועלכן ער זאָל קענען לכל־הפּחות נעמען די „אויבער־צע״...

„אַפּשריקען״ איז אַן אַלטע אידישע סגולה, וועלכע מ׳האָט באַנוצט צו פאַרשידענע חולאת׳ן. „אַפּשרייען״, זאָגן אַלטע אידן, איז פיל בעסער ווי „צוצולייגן אייז צום קאָפּ״. ס׳איז היינט בכלל אַן אָנגענומענער מיטל, נישט בלויז פאַר חולאים, נאָר אויך פאַר פּאָליטיקער, און דאָס ווירקט. דערפאַר האָט אונז דער פאַרשטאָרבענער הלל זלאַטאָפּאָלסקי ז״ל געלאָזט בירושה אַ גוט־וואָרט:

„מצוה עלינו להרבות בטראַסק, כי גדול כחו של הטאַראַראַם!״

און אַזוי זענען זיי געקומען צו אונז, אונזערע עברית׳ניקעס, מיט׳ן גאַנצן קלאַפּערגעצייג פון דער מאָדערנער רעקלאַמע, מיט קנאַל און פּראַל:

— עברי, דבר עברית! איד, רעד העברעאיש!

* * *

העברעאיש איז תמיד באַטראַכט געוואָרן אַלס די באַלעבאָסטע, די האַרנטע, די יחסנ׳טע, די „מאַדאַם״, בעת אידיש איז געווען די „שפחה״, די דינסט, די „מויד״. אָבער פאַרשוואונדן זענען די צייטן, ווען די דינסט איז געשטאַנען ביים פּריפּעטשאָק און געקאָכט אַ געקעכץ. היינט איז די דינסט די אמת׳ע באַלעבאָסטע. זי פירט די באַלעבאַטישקייט. זי איז

אָפּטמאָל מער באַליבט פון דער באַלעבאָסטע גופא. און ביי אים אַליין, ביים באַלעבאָס (ס'זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן ווי ס'טרעפט זיך), איז די דינסט אַמאָל מער נושא־חן ווי די באַלעבאָסטע אַליין...

אמת, אַז דער יסוד פון אידיש איז — העברעאיש. העברעאיש איז אייגנטלעך די מאַמע פון אידיש. און ווייל מ'האָט ליב די טאָכטער האָט מען אויך האַלט די מאַמען.

דערפאַר האָבן די יעווסעקעס אַזוי ליב העברעאיש... זיי זוכן אויס וואו נאָר אַן אַלט העברעאיש וואָרט וואָס מ'האָט אפשר אַמאָל געניצט און זיי פלעכטן עס אַריין אין זייער אידיש. אָט געפין איך למשל אין „עמעס" אַזא וואָרט: „לאַקעל־באַשער־לאַקעל". היינט גייט טרעפט וואָס איז דאָס פאַר אַ מין טערקיש. לאָזט זיך גאָר אויס, אַז ס'איז דער היימישער „לכל־באשר־לכל". צו וואָס־זשע דאַרף מען עס האָבן אין אידיש? נאָר אַז מ'איז פאַרליבט אין העברעאיש איז דאָך נישט שייך. ווי זאָגט פאַניע: „ליובאָוו ניע קאַרטאָשקאַ!"

און מחמת דעם, וואָס אידיש פאַרמאָגט אַזאַ שפע פון העברעאישע ווערטער, איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ עשירות פון פאַרשידענע רעדענס־אַרטן און אידיאָמען.

נעמט, למשל, אַזאַ אומשולדיק וואָרט, ווי „בית־החיים", „בית־הקברות", אָדער „בית־עולם". דאַכט זיך, אַז ס'איז איינס און דאָס זעלבע. אָבער די באַגריפן זייערע אויף אידיש זענען דאָך אַזוי פאַרשידן. ס'ווענדט זיך וואו דער חמור שטייט.

למשל: אויף אַ זיצונג פון דער „באָארד אָף דעפּיוטיס" וואו מ'באַטראַכט די פראַגע פון הילף פאַר פוילן — איז עס אַ „בית־החיים". ס'איז לעבעדיק. מ'רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. אַז ס'קומט אָבער צו דער פּראַקטישער אַרבעט, אַז מ'דאַרף שאַפן געלט, ווערט דאָס אַ „בית־הקברות". קיינער רירט זיך נישט מיט אַן אבר. קורץ: אַן אמת'ער „בית־עולם".

דאָס זעלבע איז אויך מיט'ן העברעאישן רעדענסאַרט:

אַז אַ איד קומט קיין ארץ־ישראל, פרעגט מען אים:

— האדון כבר מזמן בארץ?

אויף פראָסט אידיש הייסט עס: „לאַנג זענט איר שוין אין לאַנד?"

אָבער אַז איר זאָגט צו אַן העברעאישן לערער אין ענגלאַנד: „האדון כבר מזמן בארץ?" דאַן האָט עס שוין אַן אַנדערן באַגריף. ס'הייסט:

— לאַנג זענט איר שוין אַזוי אין דער אדמה?

אָט דאָס איז דער כח פון אונזער אידיש־העברעאישן סינטעז, פון דעם אידישן פירוש, וואָס מיר געבן צו צו דעם העברעאישן וואָרט.

ווי איר זעט, האָט העברעאיש מיט אידיש זיך תמיד געקענט צונויפ־

רעדן. זיי האָבן זיך איינער דעם צווייטן פאַרשטאַנען. די דאָזיקע פאַר־שטענדיקונג האָט אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן כל־זמן מ׳האָט גערעדט העברע־איש אויף דער אשכנז׳ישער הברה, אַז אַ „קמץ“ איז געווען אַ „קמץ“ און אַ „תיו“ אַ „תיו“. קוים אָבער האָט מען דאָס פּיסל פּונ׳ם „קמץ“ אָפּגע־בראָכן און אים געמאַכט פאַר אַ „פּתח“, און דאָס פענסטערל פונ׳ם „תיו“ האָט מען פאַרשטאָפּט; מ׳האָט גענומען רעדן מיט דער ספרד׳ישער הברה, איז געשאַפן געוואָרן אַ מחיצה צווישן דיביידע לשונות.

נעמט, למשל, אַזאַ טייער וואָרט, אַזאַ גאָלדן וואָרט ווי — „ו י ז ת א“. אין ארץ־ישראל זאָגט מען נישט, ווי מיר אין גלות: וואַיזאָסאָ, נאָר — װוּאַיזאַטאַ און וואַיזאַטאַ איז שוין נישט וואַיזאָסאָ. אונזער „ויזתא“ האָט זיבן חנ׳ען און טויזנט טעמים. ער צעגייט פשוט אין מויל. אָבער וואָס פאַר אַ טעם האָט „וואַיזאַטאַ“?

פונדעסטוועגן, זוכן אידן זיך צוצופּאַסן און רעדן אידיש מיט דער ספרד׳ישער הברה. אָט האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף אַ היבש ביסל לאַנדאָנער סוחרים וואָס ווילן זיך איצט אויסלערנען זאָגן „ישקני“ אויף דער ספרד׳ישער הברה.

— פאַרוואָס עפּעס — פרעג איך — דווקא אויף דער ספרד׳ישער?

— ווייל אויף דער אשכנז׳ישער — גיט מען מיר צו דערקלערן — האָבן זיי שוין אָפּגעזאָגט...

אָט זעט איר, אַז אין געוויסע קרייזן האָט דער העבראַישער קאַמ־פיין שוין געהאַט אַ פעולה.

* * *

הכלל, אַז איר ווילט מקיים זיין די מצוה פון רעדן העבראַיש און איר זענט נעבעך געשלאָגן אויף דער „עברי“, דאַרפט איר אייך נישט מוטשען און אָפּגיין מיט שווייס. איר קענט אייך גאַנץ געמיטלעך רעדן אידיש און איבאַייִנוועגס אָפּגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם אַ גרויסן עולם העבראַישע ווערטער.

אַחוץ דעם איז אידיש אַ מחיה צו רעדן. ווי האָט געזאָגט ביאַליק: „העבראַיש רעדט מען און אידיש רעדט זיך!“ און נאָך עפּעס: מ׳פאַר־שטייט יעדעס וואָרט.

הקיצור: איידער צו רעדן אַ „טערקישן“ העבראַיש, איז שוין בעסער אַ היימישן אידיש.

ירוחם טענה׳ט זיך אויס
מיט דזשאַן בול׳קע

ירוחם האַלט נישט פון קיין מיטינגען, קאָנפערענצען, צוזאַמענפאַ־רענישען, צוזיפקומעניקישען און אַנדערע אַזעלכע אַפקומעניקישען, מיט וועלכע דער אויבערשטער האָט מזכה געווען זיין פאָלק ישראל.

ירוחם גייט זיך מיט זיין שיטה. ער זאָגט:

— מה־דאָך, אַז מיין ראַשע־גיטל, מיין איין־און־איינציקע ראַשע־גיטל, שטעלט זיך מיר אַוועק רעדן, שלאָגט עס צו דער גאַל, אַ פשיטא שוין אַז ס׳שטעלן זיך אַוועק אַ גוזמא רעדנער און אָפטמאָל אַ גאַנצער זאַל מיט דעלעגאַטען און אַלע, ווי מיין ראַשע־גיטל, הויבן אָן צו רעדן, פשוט צו בודיען אויפ׳ן האַרצן, קען מען דאָך, שונאי־ציון, פאַלן אין חולשי־חלשות.

פונדעסטוועגן, איז ירוחם אַן אָפטער גאַסט אויף אַלע מיטינגען און קאָנפערענצען. מ׳קען אים שוין דאָרט ווי אַ בייזן־שילינגער. באַלד ווי מ׳דערזעט אים, הויבט מען זיך אָן צו שושקן: „אַהאַ, ירוחם איז דאָ! ס׳וועט שוין זיין פריילעך!״

ירוחם קען אייגנטלעך אָן אַ מיטינג אָדער אָן אַ קאָנפערענץ נישט לעבן. ער קומט, זאָגט ער, אויף די אַלע פאַרזאַמלונגען, ווייל ער וויל פשוט אַליין דערגיין וואָס ס׳טוט זיך דאָרט. ער וויל אַלץ אַליין דער־גרונטעווען, אינאַיינוועגס, ווייל ער זיך טאַקע טרעפן, ווי ער זאָגט, מיט גאַנץ קעקעלי־קהל. און ער וויל זיך אויך לאָזן הערן. זאָל די וועלט וויסן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ ירוחם אין לאָנדאָן, וואָס קען נישט דולדן קיין עוולות און וואָס קען דערלאַנגען אַזי דער זיבענטער ריפ.

דערפאַר, אַז ס׳הויבט זיך אָן דער „סעזאָן״, ווערט ירוחם „ביזי״. ער איז פאַרהאַוועט און פאַרשמייעט ביז איבער׳ן קאָפּ. ער לויפט גע־שמיידיק פון איין מיטינג צום צווייטן. דאָס קאַפּעלושל, דאָס אָפּגע־בוימלטע, איז ביי אים פאַררוקט אויף אַ זייט. די הויזן — פאַרקאָשערט. דער שירעם פאַרבונדן מיט אַ שטריקל, ער זאָל זיך אין מיטן לויפן נישט אָנבלאָזן, און ירוחם פליט, ווערט געטראָגן פונ׳ם ווינט.

דאָרט, אויף די קאָנפערענצען, זיצט ער זיך צווישן עולם, הערט זיך איין מיט קאָפּ צו די רעדעס, דעבאַטן, און אויב ס׳געפעלט אים עפעס

נישט, מורמלט ער צו זיך אַ שטיקל פסוק. צו־ערשט אין דער שטיל און דערנאָך אַ ביסל העכער, אײנמאָל און צווי מאָל, „שנים מקרא ואחד תרגום״, ווי אַ איד איז מעביר די סדרה, ביז ער גיט זיך אַ כאַפּ אויף, אַ שפּרונג, גלייך ווי מ׳האָט אים ערגעץ־וואו אַ ביס געטון, און שרייט אויס אויפ׳ן קול:

— מיסטער טשערמאַן, איך קען שוין נישט אײנזיצן!

בעט זיך ביי אים דער פאַרזיצער ווי ביי אַ גזלן, אַז ער זאָל יאָ קע־נען אײנזיצן:

— האָט׳ס געדולד! איר וועט באַקומען אײער וואָרט!

אָבער ירוחם הערט שוין נישט וואָס מ׳רעדט צו אים. ער גייט ווי אַ גוט אונטערגעהייצטער לאָקאָמאָטיוו. די פּאָרע זעצט: פּיף־פּאַף! פּיף־פּאַף! און ער פאָרט! ער רעדט פּאָר פייער און פּאָר וואַסער. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז הענט געבען אים, במחילה, אַ נעם אונטער די פּאַכ־וועס, מ׳גיט אים אַ הויב אין דער הויך און — אַרויס!

אַזוי האָט מען זיך מיט אים נוהג געווען אַמאָל, אָבער נישט היינט. ווייל אין די ערשטע צייטן, אַז מ׳האָט ירוחם׳ן אַרויסגעפירט, האָט ער אָפּגעטון אויף טערקיש. ער האָט גענומען און האָט געמאַכט אַ מיטינג טאַקע ביים טיר פון זאַל, ביים סאַמע אַרײנגאַנג, אַזוי, אַז ער האָט גע־האָט אַ גרעסערן עולם פונדרויסן, ווי זיי דאָרט אינעווייניק. דערפאַר, אַז ירוחם הויבט הייבט אָן צו טומלען און פילדערן, שמייכלט מען און מ׳שווייגט. מ׳לאָזט אים זיך אויסקאָכן. מ׳טראַכט ביי זיך: זאָל דאָס אוי־וועלע אויסברענען וועט עס אויפהערן צו קאָפּטשן.

דער עיקר קאָכט זיך ירוחם בעת ער קומט אויף אַ ציוניסטישער קאָנפערענץ. וואו־דען, זאָגט ער, קען זיך אַ איד פילן מעשה־באַלעבאָס, אויב נישט ביי זיך אין דער היים? ארץ־ישראל, האַלט ער, געהערט צו יעדן אידן און דערפאַר האָט יעטוועדער איד אַ רעכט אַ דעה צו־זאָגן אויף ז י י ן ארץ־ישראל. היצט זיך טאַקע ירוחם און זאָגט דעות, גיט עצות. פאַרוואָס נישט?!

אָבער די פירער פונ׳ם ענגלישן ציוניזם עסן זיך גאַנץ ווינציק אָפּ דאָס האַרץ פונ׳ם גאַנצן קאָכעניש. זיי טוען זיך דאָס זייעריקע. ווי זאָגט ירוחם: „דער רבי שמייסט און יאַסקע עסט!“ דאָס איז זייער שיטה און „דעטס־אָל!“

די ענגלישע ציוניסטישע קאָנפערענצן, זאָגט ירוחם, זענען גע־גליכן צו די פסח׳דיקע סדרים. מ׳ווייסט שוין פון אויסנווייניק וואָס מ׳האָט צו טון: ווען מ׳האַרף אָפּדעקן די מצה, ווען מ׳האַרף „איינטונקען“ און

ווען מ׳דאַרף אָפּגיסן די מכות. נישטאָ קיין נייעס. אַלץ פירט זיך ווי ס׳האָט זיך געפירט משנים קדמוניות. איר באַגעגנט די זעלביקע פּנים׳ער, די זעלביקע רעדנער און די זעלביקע קריטיק:

— מ׳איגנאָרירט די איסט־ענד!

— מ׳פאַרנאַכלעסיקט די יוגנט!

— מיר דאַרפן נעמען אונזער קליינוואַרג אין אונזערע הענט און מ׳דאַרף זיי אַריינהאַקן „זיאָניסט ועדיקיישן״!

וואו מ׳דאַרף זיי אַריינהאַקן, האָט דער רעדנער נישט אָנגעוויזן. נאָר ירוחם זאָגט, אַז וואו מ׳זאָל זיי נישט אַריינהאַקן, צי אין קאָפּ אָדער ערגעץ אַנדערשוואו, איז עס אַלץ איינס. ס׳וועט גאָרנישט העלפן. אַזוי האָט מען געהאַקט, געדענקט ירוחם, מיט אַ דריי־צענדליק יאָר צוריק. מ׳האָט געהאַקט ווי אין קרויט אַריין און דער סוף איז, אַז — מ׳דאַרף ווייטער האַקן!

ס׳פעלט אונז, זאָגט ירוחם, אַ שטאַרקער מענטש, אַזעלכער ווי זישא ברייטבאַרט איז געווען, אַ מענטש וואָס קען אויסבויגן אייזערנע שינעס מיט די ציין; אַ מענטש מיט אַ שטאָלענעם רוקן, אַ איד אַ גבר, וואָס זאָל מיט כח צוגיין צום ענגלישן מיניסטער, וואָס באַלעבאַטעוועט איבער ארץ־ישראל, אָננעמען אים ביי דער גורגל־שער באָרד זיינער און זאָגן בזה־הלשון:

„הער נאָר אויס, דו דזשאָן־בול׳קע! דו ביזט דאָך עפּעס, ווי דו זאָגסט אַליין, אַ באַיטשיקל וואָס האָט ליב אַ קאַפּיטל תנ״ך און קענסט אויך אַ פּסוק. נישט בלויז קענסטו, נאָר דו גלויבסט אין דעם וואָס דו קענסט. טאָ דער־לאַנג־זשע מיר אַהער ס׳חומש׳ל און פּאַרטייטש מיר אָט דעם דאָזיקן פּסוק: „הארץ הזאת לזרעך אתננה״. ווי אַזוי טייטשסטו?— „דאָס דאָזיקע לאַנד וועל איך געבען די קינדער דיינע!״ אמת, דו קענסט דעם טייטש, ביזט ווערט אַ קניפּ אין בעקל; טאָ זאָג־זשע מיר, דו ים־פויגל, צו וועמען האָט עס גאָט געזאָגט? צו אברהם׳ן זאָגסטו! — אמת! און ווער זיינען עס די קינדער? — די „דזשוס״! — אמת, אמת! היינט וואָס דרייסטו מיר אַ ספּאָדיק מיט אַראָבער און אַנדערע פּורעניות׳ן? זאָג, רעד קלאָרע דיבורים!״

אָט אַזוי, האַלט ירוחם, דאַרף מען צו זיי, צו די ענגלענדער רעדן. ווייל אַ פּסוק פאַרשטייען זיי און פאַר אַ פּסוק מיט אַ שטעקן האָבן זיי דרך־ארץ. נאָר אויב דער פּסוק איז שוין ביי זיי היינט, רחמנא־ליצלן, אויס פּסוק (היינטיקע צייטן אַ קשיא אויף אַ מעשה), דעמאָלט, זאָגט ירוחם, דאַרף מען זיך צו זיי ווענדן מיט׳ן לשון פון ר׳ לוי יצחק באַר־דיטשעווער:

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויפ׳ן פאָלק ישראל?

מ׳דאַרף זיי גאַנץ פשוט זאָגן:

— הערט אויף בויען אונזער „נאַציאָנאַלע־היים“. ווי „טי־טאַים“ איז אייך ליב, זאָל זיין געבוג געבויט די „נעשיאָנעל־האָום“. וויפיל איז דער שיעור, אַז איר זאָלט אַזוי בויען? מוחל! אַ דאַנק פאַר אייער טרחה. לאָזט אונז צורו. דאָס איבעריקע וועלן מיר שוין אַליין צובויען.

נאָר ווער זאָל דאָס אַלץ זאָגן? ווער?

און אַזוי ווי קיינער רופט זיך נישט אָפּ אויף דער דאָזיקער פראַגע, איז אַ סימן, זאָגט ירוחם, אַז ס׳איז ביי אונז נישטאָ אַזאַ איינער, וואָס זאָל זיין בכח צו דערלאַנגען מיט׳ן רעכטן פסוק.

סיידן, ער אַליין, ירוחם, זאָל זיין הער דבר׳ן. האָט ער טאַקע בדעה אַזוי צו טון. אָבער אין וועמענס נאָמען וועט ער רעדן? קלערט ער גרייליך צו שאַפן זיך אַן אייגענע פאַרטיי. די „ירוחם׳שע מלוכה׳שע פאַרטיי“ זאָל זי הייסן און אין איר נאָמען וועט ער רעדן האַרבע דיבורים מיט ענגלאַנד.

דעם אמת זאָגנדיק, וואָלט ער דעם פלאַן זיינעם שוין לאַנג דורכגע־פירט, נאָר ער האָט, צווישן אונז גערעדט, מורא פאַר אַ ש פּ אַ ל־ט ו נ ג , אַז זי, זיין ראַשע־גיטל, זאָל אים דעם מוח נישט שפּאַלטן... ווייל אַ מאַן, זאָגט זי, דאַרף בלויז אין זינען האָבן פרנסה פאַר׳ן ווייב און נישט פאַרנעמען זיך מיט פוסטקייטן.

איז טאַקע, זאָגט ער, אַ קריזיס אין ציוניזם.

משה רבינו אין לאָנדאָן

אַמאָל, אַמאָל וועט מען אין אונזערס
אַן אַרכיוו געפינען אַזאַ קאַפּיטל:

אַז משה־רבינו האָט די אידן פון מצרים אַרויסגענומען און זיי קיין ארץ ישראל אַריבערגעפּעקלט, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז פאַר זיך אַליין האָט ער קיין סערטיפיקאַט נישט באַזאָרגט און ער איז נעבעך געצוואונגען צו בלייבן פונדרויסן.

איז משה־רבינו געוואויר געוואָרן, אַז ס׳איז דאָ אַ ציון־אָרגאַניזאַציע אין לאָנדאָן, מיט אַ צווייטן פירער — נישט משה הייסט ער, נאָר חיים — וועלכער גיט אַרויס סערטיפיקאַטן קיין ארץ־ישראל. האָט זיך משה־רבינו געלאָזט אין וועג אַריין.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אין קאָרידאָר פון 77 גרייט ראָסל סטריט געשטאַנען אַ שיינער איד מיט אַ גרייז־גרויער באָרד, אַ הדרת־פנים, וואָס האָט געשטראַלט מיט ליכט, און האָט זיך געפרעגט אויפ׳ן גענעראַל־סעקרעטאַר.

האָט אים דאָס מיידעל, וואָס זיצט אין קאָרידאָר ביים עמפּפאַנג־טיש, געפרעגט, צי ער האָט אַן „אַפּוינטמענט“. האָט איר משה־רבינו געענטפערט, אַז קיין „אַפּוינטמענט“ האָט ער נישט, נאָר ער איז ספּעציעל געקומען צו פאָרן פון מרחקים מכח אַ וויכטיקן ענין. האָט דאָס מיידל אַרויפטעלעפאָנירט דאָס אַלץ צום גענעראַל־סעקרעטאַר, וועלכער האָט אַראָפּטעלעפאָנירט, אַז דער מיסטער מאָזעס זאָל איר זאָגן מכח וואָס׳ערא ביזנעס ער וויל אים זען. „וואָט איז איט אָל עבאַוט?“

האָט איר משה געהייסן זאָגן, אַז קיין ביזנעס האָט ער נאָך דערוויל נישט. ער איז בכלל נישט קיין ביזנעסמאַן. ער איז אַ איד פון תורה און אַ פירער ביי אידן. ער דאַרף אַ סערטיפיקאַט. האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר צו איר אַראָפּטעלעפאָנירט, אַז דער מיסטער מאָזעס זאָל זיך ווענדן צום עמיגראַציע־דעפּאַרטמענט. האָט ער אַזוי געטון.

האָט דער עמיגראַציע־באַאַמטער אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און האָט אים געפרעגט, צי ער פאַרמאָגט אַ פינף־הונדערט־פונט, וועט ער קיין ארץ־ישראל קענען אַריין ווי אַ קאַפּיטאַליסט. האָט אים משה־רבינו געגעבן צו דערקלערן, אַז אמת, ער איז געוועזן אַ פירער ביי אידן, אָבער קיין פינף הונדערט פונט האָט ער נישט באַוויזן אָפּצו־

שפּאָרן. ער איז נישט געווען פון די היינטיקע פירער... „אפילו קיין אייזל האָט ער פון קיינעם נישט גענומען".

— קענט איר אַ פאַך? — האָט אים דער עמיגראַציע־באַאַמטער גע־פרעגט.

— דאָס איינציקע פאַך וואָס איך קען — האָט אים משה־רבינו גע־ענטפערט — איז תורה לערנען.

— מלמדים — האָט זיך דער עמיגראַציע־באַאַמטער צובייזערט — דאַרפן מיר נישט אין ארץ־ישראל. מיר דאַרפן דאָרט פאַך־לייט. קענט איר הובלעווען אַ ברעט? האַקן שטיינער?

דערהערענדיק דאָס וואָרט „האַקן שטיינער", האָט זיך משה־רבינו אין עפּעס דערמאָנט, און האָט זיך אָנגערופן:

— שטיינער־האַקן, זאָגט איר, קען איך גרייליך יאָ. איך האָב אַמאָל געהאַקט אַ שטיין, כדי אַרויסצובאַקומען פון אים וואַסער...

— אויב אַזוי—האָט אים דער עמיגראַציע־באַאַמטער דערקלערט— קענט איר אין ארץ־ישראל האַקן שטיינער פאַר שאָסייען. ס'פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַזוי גיך. קודם־כל, וועט איר מוזן ווערן אַ חלוץ, דורכמאַכן אַן הכשרה־קורס אויף עטלעכע יאָר. נאָר שאַ, קענט איר העברעאיש און ווי אַלט זענט איר? ווייל קוים זענט איר איבער 35 יאָר אַלט קענט איר קיין חלוץ־סערטיפיקאַט נישט באַקומען.

— העברעאיש — האָט זיך משה־רבינו אָנגערופן — קען איך יאָ אַ ביסל. נאָר ליידער בין איך שוין מיט עטלעכע יאָר אַריבער די פינף און דרייסיק.

— וועל, אין דעם פאַל — האָט אים דער עמיגראַציע־באַאַמטער אויף גיך אָפּגעפאַרטיקט — מוזט איר ווערן אַ קאַפּיטאַליסט. אַנדערש קענט איר קיין ארץ־ישראל נישט אַריין.

האָט זיך משה'ן אָבער קיין קאַפּיטאַליסט נישט געוואָלט ווערן. ער האָט פשוט נישט געוואוסט, ווי אַזוי מע מאַכט עס, וואו מ'באַקומט יענע „שטאָפן" וואָס שאַפן דעם קאַפּיטאַליסט. איז ער אַוועק צו די לינקע, צו די פועלי־ציון, וועלכע האַלטן נישט פון'ם קאַפּיטאַליזם, אַז זיי זאָלן אים העלפן מיט אַ סערטיפיקאַט. בכלל, האָט משה געפילט אַ גאַנצע קרובה'־שאַפט צו דער פועלי־ציוניסטישער שיטה. ער האָט דאָך זיי געגעבן די אַלע סאָציאַלע רעפאָרמען, ווי שמיטה, יובל, נאַציאָנאַליזאַציע פון באָדן, באַפרייאונג פון קנעכטשאַפט — די עיקרים פון'ם סאָציאַליזם.

האָט דער טשערמאַן פון דער פועלי־ציוניסטישער פּאַרטיי אין לאָנ־דאָן אים געשטעלט דריי פראַגן: 1) צי ער קען זינגען די „שבועה"? 2) צי ער קען בעריל לאָקער'ן? און 3) צי ער האָט געלייענט מלכה לאָ־קער'ס לידער? אַז משה האָט אויף די אַלע פראַגן געענטפערט מיט אַ

„לא!" האָט אים דער טשערמאַן פון די פועלי־ציון גוט אויסגע׳מוסר׳ט:

— נישט אַזעלכע בורזשואַזנע עלעמענטן ווי איר דאַרפן פאָרן קיין ארץ־ישראל. איר פאַרטונקלט דאָס פועלי־ציוניסטישע קלאַסן־באַוואוסט־זיין. אַזעלכע קאַפּיטאַליסטן, ווי איר, מעגן בלייבן אין גלות.

איז משה־רבינו, נאָך דער פאַרציע וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט, אינגאַנצן געוואָרן מטושטש. דאָרט, אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זאָגט מען אים, אַז ער זאָל ערשט ווערן אַ קאַפּיטאַליסט, וועט ער דערפאַר אַריין קיין ארץ־ישראל, און דאָ זאָגט מען אים אַז ער איז ש ו י ן אַ קאַפּיטאַליסט און דערפאַר קען ער נ י ש ט אַריין אין ארץ־ישראל.

האָט זיך משה־רבינו אויפגעהויבן און איז אַוועק זוכן די „מזרחי". זי, די „מזרחי"־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האַלט פון זיין פּראָגראַם „תורה ועבודה", וועט זיך מסתמא מיט אים שטאַרק דערפרייען און וועט אים תיכף־ומיד באַזאָרגן מיט אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל. דריי טעג האָט משה געזוכט די „מזרחי" אין לאָנדאָן און אומעטום האָט ער געפונען נישט קיין תורה און נישט קיין עבודה. ענדלעך האָט ער געפּאַקט דעם טשערמאַן, וועלכער האָט אים געשטעלט נישט דריי פראַגן, נאָר איין פראַגע:

— ווי געפעלט אייך עפּעס מיין באָרד?

משה־רבינו האָט אים געוואָלט ענטפערן מיט אַ מאמר־חז״ל: „אל תסתכל בבאָרד אלא במה שיש בה", אַז דער עיקר איז נישט די באָרד נאָר וואָס ס׳טוט זיך אין דער באָרד. זעענדיק אַז פון אַ באָרד קען מען קיין סערטיפיקאַט נישט מאַכן, איז ער אַוועק מיט אַ כעס און זיך אינגאַנצן מיאש געווען פון דער אַלטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

און ער איז געגאַנגען זוכן אַ סערטיפיקאַט ביי דער נייער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע. נאָר דאָרט האָט מען אים ערשט אויף אַן אמת מקיים־פּסק געווען:

— אַ, דאָס זענט איר דער משה — האָט מען זיך אויף אים צעשריגן — דער באַוואוסטער משה, וואָס האָט איינגעפירט דעם פאַרדאַמטן שקל מיט דעם באַקאַנטן דיסציפּלין־פּאַראַגראַף? איר זענט דאָס דער משה מיט די מאַרקסיסטישע תורות אַן וועלכע די לינקע האָבן זיך אָנגעכאַפּט? גייט צו בן־גוריון׳ען! איר זענט דאָך עפּעס זיינס אַ חבר!

אַ פאַרביטערטער און באַליידיקטער איז משה אַוועק צו דער „אגודת־ישראל". ער האָט זיך דערמאַנט, אַז די „אגודה" האָט אויך סערטי־פיקאַטן קיין ארץ־ישראל. די „אגודה" איז דאָך מיט אים עפּעס שטיקלעך קרובים, גאַנצע שמעלקעס. זיי זיינען דאָך די אַפּיטראָפּסים פון זיין תורה. האָט אים דער פירער פון דער לאָנדאָנער „אגודה" געפרעגט אַזאַ קשיא:

— ווער איז גרעסער, די „אגודת־הרבנים" אָדער די „התאחדות־הרבנים" ?

אַז משה האָט נישט געוואוסט וואָס אויף דעם צו ענטפערן, האָט זיך דער פירער פון דער „אגודה" מיט כעס אָפּגערופן :

— איצט זע איך, אַז איר זענט גאָר נישט משה־רבינו. ווייל משה־רבינו וואָלט געוואוסט אַז די אגודת־הרבנים איז גרעסער פון די התאחדות־הרבנים !

און ווידער אויס סערטיפיקאַט.

האָט זיך משה מטריח געווען צו די „התאחדות־הרבנים". זיי האָלטן זיך דאָך עפּעס פאַר ז י י נ ע רבנים, טאַקע די א מ ת ׳ ע רבנים. האָט אים דאָס רבנים־פּרעזידיום געפרעגט, צי ער ווייסט וואָס איז אַזוינס „יובל" ?

— סטייטש — האָט זיך משה צעקאַכט—יובל איז דאָך מיין אויפטו !

— אַלזאָ איינמאָל אין אַ יובל—האָט אים דאָס פּרעזידיום דערקלערט — רופט אונזער סעקרעטאַר צונויף אַ מיטינג. היות אָבער ווי ער האָט ערשט נישט לאַנג אַ מיטינג צונויפגערופן, על־כן, וועט איר, במחילה, צו־וואַרטן ביז צום קומענדיקן... יובל. דערווייל קענט איר זיך, צוזאַמען מיט אונז, אַ ביסל צולייגן, כאַפּן אַ דרימל.

אַזוי האָט זיך משה־רבינו אַרומגעשלעפּט פון איין אָרגאַניזאַציע צו דער צווייטער, אָפּגעשלאָגן טיר און טויער, ביז ער איז פון גרויס צער און עגמת־נפש קראַנק געוואָרן און שטילערהייט איז ער אין „אידישן האָס־פּיטאַל" אויסגעגאַנגען.

„וימת משה !"

נאָר באַלד ווי מ׳האָט זיך דערוואוסט פון משה־רבינו׳ס פּטירה, איז גאַנץ לאָנדאָן געגאַנגען כאָדאָם. יעדע פּאַרטיי האָט גע׳טענה׳ט, אַז דאָס איז א י ר משה.

— אונזער משה ! — האָט געשריגן די ציוניסטישע פעדעראַציע — וועלכער האָט אין דער מדבר פערציק יאָר נאָכאַנאַנד געזונגען די „התקוה" און האָט דאָס לעבן אַוועקגעגעבן פאַר׳ן „קרן־היסוד" !

— אונזער משה ! — האָט געשריגן די פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי — וועלכער האָט נאָך אין מצרים געזונגען די „שבועה" און האָט גע־קעמפט פאַר׳ן פּועלי־ציוניסטישן באַפרייאונגס געדאַנק !

— אונזער משה ! — האָט געשריגן די „מזרחי" — וועלכער האָט אונז געגעבן אַ ספּעציעלן בודזשעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף כשר׳ע קיכן אין ארץ־ישראל !

— אונזער משה !—האָבן געגוואַלדעוועט די רעוויזיאָניסטן—וועל־כער האָט איינגעפירט די שרי־חמשים, שרי־מאות, שרי־אלפים — די

קאַפּיטאַנען, גענעראַלען און פעלדמאַרשאַלען ביי אידן!

— אונזער משה! — האָט זיך פרום געשאָקלט די „אגודה" — וועל־כער האָט אונז געגעבן אונזער תורה, אונזער „ברויט"...

און מיט די שענסטע הספדים און וואַרעמסטע נעקראָלאָגן — וואָס אין לאָנדאָן ווערט נאָכ'ן טויט נישט געזשאַלעוועט — האָבן זיי משה־רבינו'ן צו קבורה געבראַכט.

ס'איז געווען אַ גראַנדיעזע לויה, האָבן די לאָנדאָנער אידישע צייטונגען געשריבן, אפשר הונדערט קאַרס זענען נאָכגעפאָרן דעם ארון.

דער קרן־קימת האָט באַשלאָסן צו פלאַנצן אַ „משה־וואַלד" אין ארץ־ישראל. דער זאַמל־קאַמפּיין פאַר'ן „יער־משה" האָט זיך באַלד נאָך דער לויה אָנגעהויבן מיט אַ „רעספּשאָן" אין „דאָרטשעסטער האָטעל".

און באַלד נאָכדעם האָבן אַלע אַנדערע פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס און פוילישע פעדעראַציעס גענומען קלאַפּן מיט די פּושקעס פאַר משה־רבינו'ס וועגן; פאַר זיין תורה, פאַר זיין אלמנה, פאַר זיינע יתומים־קינדער און קינדס־קינדער.

אַ פּושקע־געקלאַפּעריי — עד היום הזה!

צווישן אונז גערעדט

אודאי וויל איך חתונה האָבן

דערציילט פון אַן אַלטן בחור
וואָס שטייט אין שידוכים.

...איר זאָגט, אַז איך וויל נישט חתונה האָבן? ווער וויל נישט, איך? אוי, וויל איך! אדרבא, גיטס מיר עפּעס רעכטס.

וואָס? אַזאַ בחור ווי איך, זאָגט איר, דאַרף מען נישט געבן. כ׳בין נישט קליין אַליין זיך צו נעמען. אודאי וואָלט איך גענומען, ווען ס׳מאַכט זיך עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס.

פון ליבע האַלט איך נישט. ליבע איז ביי מיר ווי די זופּ, וואָס מ׳דערלאַנגט אין די רעסטאָראַנען; דער ערשטער לעפל איז הייס, ברייט די ליפּן, און דער לעצטער איז לעבלעך, קאַלט, אייז! איר פאַרשטייט!

און ווידער: ליבע איז היינט אַ טייערע זאַך. דאָס „אויסנעמען" אַ מיידל קאָסט היינטיקע צייטן אַן אוצר מיט געלט. אַ „פּיקטשוע", אַ „סאַ־פּער", אַ פּאָר — איז אַלץ מיט גאָלד צוגלייך. ביז וואָס־און־ווען, ווערט פון אַ פונט אַ גוט־אויג. כ׳ווייס עס פון מיינע פריינט. זיי דערציילן מיר גענוג, אין וואָס אַזאַ „אויסנעמעניש" טרייבט אַריין. מ׳קען דאָך בדיל־הדל ווערן.

איר מעגט פון מיר לאַכן. כ׳בין פאָרט נישט דער מענטש, וואָס וואַרפט זיך מיט פונטן. וואָס, אַ פונט איז אַ ממזר? כ׳האַלט, אַז אַ פונט דאַרף מען באַהאַלטן אויף נאָך דער חתונה. אַ מיידל דאַרף פאַרשטיין, אַז שפּעטער וועט מען אים דאַרפן.

און ווידער: וואָס עפּעס שוין באַצייטנס לייגן דאָס הייסע אויפ׳ן קאַלטן? נעמען און פטר׳ן געלט, נישט ווי־סנדיק צי דאָס מיידל האָט עפּעס. ס׳קען גרייטלעך זיין, אַז זי פאַרמאָגט נישט קיין העמד אויפ׳ן לייב. הערוויל פליען פונטן!

דערפאַר, אַז כ׳וויל „אויסנעמען" אַ מיידל, נעם איך זי צו אַ מיטינג, אָדער צום „פאָלקס־טיש" אין דער סטעמפאָרד־הילער קאַנטין, וואו מ׳דערלאַנגט אַ פיינע „קאַפּ־ע־טי", אָדער כ׳גיי מיט איר אין דער ווייטשעפּלער פאָלקס־קיך, וואו פאַר „איינס מיט זעקס" באַקומט מען אַ גאַנץ אָנשטענדיקן „דינער" און מיט ברויט — וויפיל זי וויל נאָר אַליין. נאָר קוים הויבט מיין מיידל אָן זיך צו קווענקלען און דרייען מיט דער נאָז, איז — „גוד־באַי, טשאַרלי!" דעמאָלט, זע איך באַלד, אַז ס׳איז פאַר מיר

קיין שידוך נישט. אַ מיידל, וואָס וויל שוין טראַסקן מיט פונטן, און נאָך מיט יענעמס, איז אויס מיידל! פאַרטיק! „גוד־באַי!"

אודאי, וויל איך אַ מיידל מיט געלט. „וואַי־נאָט?" וואָס, ס׳קומט מיר נישט? אַזאַ סטאָלער מענטש ווי איך, אַ געזעצטער, מיט אַן איינגעפונדעוועט געשעפט, אַ „סטעדי־ביזנעס", איז „ענטייטלט" צו אַ „קאָמפּאַרטייבל" שידוך. יונגע צוציקעס, ערשט „געפינדישטע סאָליסיטאָרס" און האַלב־געבאַקענע דאָקטוירים, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין צעבראָכן בענקל, נעמען אויך די שווער־געשוואָלענע נדנ׳ס.

און נישט בלויז געלט, נאָר גאַנצע „פּרעקטיסעס" באַקומען זיי דאָך. זיי קומען צום גרייטן. דעם „סאָליסיטאָר" שטעלט מען צו אַלערליי גנבים, שווינדלער און באַנקראָטניקעס, און דעם דאָקטאָר פאַרשאַפט מען אַלערליי קאַליקעס, חולאים און טראַגנדיקע ווייבער. וועמענס אַרבעט, מיינט איר, איז עס אַלץ? — דעם מחותנ׳ס! זיין מלאכה איז עס. היינט, אַז כ׳בעט נישט פון מיין מחותן די אַלע טובות, בין איך אים מוחל אַלע קרימינאַלן און אַלע קרענק, טאָ פאַרוואָס־זשע קומט מיר נישט קיין געלט?

איך פרעג אייך: פאַרוואָס בין איך משה־מחויב צו נעמען אַ ווילד פרעמדען אידנ׳ס אַ טאָכטער און געבן איר דאָס גאַנצע לעבן עסן, שלאָפן און קליידער? פאַרוואָס דאַרף איך עס טון, פאַרוואָס?

האָבן זיך אָבער די מחותנים אויף מיר פאַרלייגט און ווילן מיר קיין געלט נישט געבן. קענטיק, זיי האָבן אַלע געמאַכט יד־אחת, ווייל זיי קענען מיך שוין ווי אַ בייזן־שילינגער. וואו נאָר מ׳שלאָגט מיר אָן אַ שידוך און ס׳קומט צו „ספּאָט־קעש", איז אַן אמת׳ע בראָך. און דאָרט, וואו מ׳גיט שוין עפּעס, איז ווייטער דאָס מיידל צופיל מיידל, אָדער — גאָרנישט! כ׳מיין: אָדער זי איז רונדיק ווי אַ פאַס אָדער דאַר ווי אַ שפּאָן. אַנומלט, האָב איך טאַקע אָנגעקוקט אַזאַ כלה, איז דאָרט געווען ניין־און־ניינציק מאָל מער כלה ווי געלט. האָב איך געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און געמאַכט אַ ויברח, ווייל כ׳האָב געהאַלטן, אַז די כלה האָט געקענט זיין מאָגערער און דער נדן פעטער.

הערט איר: ווען כ׳זאָל אייך נעמען דערציילן, וואָס־אַראַ צרות כ׳האָב פון די שדכנים מיט די כלות זיךּערע, וואָלט איר אויך געהאַט אַזאַ פּנים ווי איך. מ׳קען דאָך פשוט פון זינען אַראָפּ. איז עפּעס אַ חידוש, וואָס כ׳בין שוין ביי די שלייפן גרוי און די פּאַטילניצע איז מיר אויסגעקראָכן? די שדכנים זענען דאָך מיר מקצר די יאָרן. זיי האָבן זיך פאַרלייגט, אַז זיי מוזן מיך חתונה מאַכן און אַן עק! אויב נישט מיט אַ מיידל, זאָגן זיי, איז מיט אַ גרושה, אַן אלמנה, אַן עגונה!

אַט אייערנעכטן האָט זיך צו מיר געיאַוועט אַ נייער שדכן, דוקא אַ פיינער איד, נאָר נישט פאַר איך געדאַכט, אַ קרענקלעכער, קענטיק אַ

געבריכטער. דאָס וואָס ער פֿאַרמאָגט, זאָגט ער, פֿאַרמאָגט נישט קיין שדכן אין דער וועלט. ראשית, האָט ער אַליין דריי טעכטער מיט „פֿאָסט־ביכלעך" און טאַקע „ביוטיס", זיי שיינען ווי די זונען, נישט צו קוקן אין זייערע פּנים׳ער אַריין. אַזוי זאָגט ער. בין איך זיי געגאַנגען אָנקוקן. זאָג איך אייך, אַז ער איז גערעכט: מ׳קען זיי טאַקע נישט אָנקוקן... די יונג־סטע איז מיר אפילו יאָ געפעלן, כ׳געדענק, זי איז אַמאָל „אויסגעגאַנגען" מיט מיינס אַ לאַנדסמאַן, אַן אמת׳ער חברה־מאַן, וואָס שלעפּט זיך נאָך עד־היום אַרום מיט מיידלעך און ווייבלעך. ער איז נישט „פּריטיקלע". פֿרעג איך אים: „דזשעק, ווי אַלט, מיינסטו, דאַרף זי זיין אַ שטייגער?" ענטפֿערט ער, דער שיינער לאַנדסמאַן מיינער: „זי דאַרף זיין אין אונזע־רע יאָרן!" פֿרעג איך דאָך: „וואָס הייסט אין אונזערע יאָרן?" ענטפֿערט ער, דער ממזר, קאַלטבלוטיק: „כ׳מיין, זי וועט זיין אין אונזערע ביידנס יאָרן!"

און איר מיינט, אַז כ׳האָב שוין נישט אָנגעקוקט קיין גרושות און אלמנות? אפילו עגונות, הערט איר, האָב איך אויך אָנגעקוקט. איי, מ׳קען דאָך מיט זיי, מיט די עגונות, נישט חתונה האָבן? אָבער קוקן קען מען דאָך! דערווייל, עסט מען אַ „סאַפּער", מ׳פֿאַרברענגט, מ׳„ענדזשויעט" זיך, „יו־נאָו!"

לויט׳ן שכל איז דאָס אַלץ פֿאַר מיר נישט קיין סחורה. ס׳איז בראַק. ווייל איר קענט קיינמאָל נישט טרעפֿן אַ גוטע גרושה אָדער אַ שיינע עגונה. די גרושה האָט דער מאַן אָפּגעג׳גט, ווייל זי איז, מסתמא, געווען אַ גרויסע פּגע־רע, אַ מרשעת. פֿון דער עגונה איז דער מאַן אַנטלאָפֿן, ווייל זי איז געווען אַ גוטע, כ׳מיין אַ גוטע מיאוסקייט! און די אלמנה, האָט דעם מאַן פּשוט אין דער ערד אַריינגעטריבן.

פֿונדעסטוועגן, האָב איך שוין געהאַט געוואָרפֿן אַן אויג אויף אַן אלמנה מיט אַ „פּראָפּערטי", אַן אָנגעשטאָפּטע. ס׳האָט שוין שיעור־שיעור געהאַלטן ביי עפּעס. ערשט, כ׳ווער געוואויר, אַז זי איז גאָר אַ גרויסע בעל־צדקה׳טע. זי האַלט אויס אַ גאַנצן בית־יתומים. וואָס איז דאָ דער אומגליק, פֿרעגט איר? אודאי וואָלט עס קיין אומגליק נישט געווען, ווען דער בית־יתומים וואָלט איינגעשטאַנען אין אַביסיניע, אָבער אַז דער בית־יתומים איז גאָר ביי איר אין שטוב; אַז ס׳איז איר אייגענער בית־יתומים וואָס מאָרגן ווערט ער מיינער, איז אויף אַזאַ נדן בין איך גאָר קיין בעלן נישט. און דאָס אַלץ האָב איך זיך דערוואוסט, נאָכדעם ווי זי האָט מיר דערציילט, אַז זי איז אַ מאָדערנע פֿרוי, אַ היינטיק־מאָדישע, אַז זי האַלט פֿונ׳ם צוויי־קינדער סיסטעם. ביי איר לעצטן מאַן האָט זי טאַקע אַזוי געהאַלטן: ווי גאָט האָט געגעבן דאָס יאָר, האָט זי געהאַט אַ... צווי־לינג!

איצט פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס כ'קען זיך אַזוי גיך נישט צוקלייבן קיין שידוך. ס'איז פאַר מיר פשוט קיין שידוך נישטאָ און „דעטס־אָל!" נאָר אפשר, ווייסט איר פון עפּעס רעכטס, אדרבא, שעמט אייך נישט, זאָגט, נאָר ס'מוז דאָרט לכל־הפחות זיין אַ טויזנטער אין „קעש" און דער עיקר — מיט אַ „פּאָליסי". דאָס איז דער מינימום, אַנדערש גייט עס נישט, ווייל ס'קאָסט מיך אַליין טייערער. אָט וועל איך אייך מאַכן אַ חשבון. הערטזיכאיינעט:

אַז איך וואוין אָפּ מיט אַ ווייב אַ יאָר פערציק, ווי קאָסט זי מיך נישט אָפּ אַ „טען־באָב" אַ וואָך? — האָט איר אין פערציק יאָר אַרום אַ קימא־לן פון טויזנט פונט. מילא, נעם איך אַרויס דעם קרן. כאָטש אַרבעטן פאַר'ן בלויזן קרן איז נישט מעשה־סוחר. נאָר ווי זאָגט איר: אַ זאָק פאַרצירעוועץ, אַ קנעפּל צונייען, אַ באַרשטש אָפּקאָכן, אַזאַ באָרשטש ווי איך האָב ליב, איז אויך עפּעס ווערט. ווי איז אָבער דער דין, אַז איך וואוין מיט איר אָפּ, נישט פערציק נאָר פופציק יאָר? ס'טרעפן אַזעלכע אומגליקן אויך! דעמאָלט לייג איך שוין צו צום געשעפט, און אַזעלכע געשעפטן מאַך איך נישט. דערפאַר, דאַרף איך, חוץ דעם נדן, זיין געדעקט אויך מיט אַ „פּאָליסי", אַז קוים לעבט זי מיט מיר אַ פופציק יאָר, בין איך „געקאַווערט" געגן אַלע „לאָסעס". אַזאַ „פּאָליסי" דאַרף מיר דער מחותן אַרויסגעבן. איי, זי וועט זיך אָפּטראָגן פאַר די פערציק? מילא, איז מיין גליק, דעמאָלט האָב איך ריינעם פּראָפיט. דערפאַר איז עס דאָך אַ „פּאָליסי".

אודאי, וואָלט איך בעסער געוואָלט, אַז דער אויבערשטער זאָל מיר צושיקן אַ נדן איינגאַנצן אָן אַ כלה. ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך. אָט זע איך דאָך, אַז ס'זענען פאַראַן וועגענער אָן פערד, טעלעגראַף אָן דראָט, קליידער אָן שטאָף, געשעפטן אָן סחורה און גבירים אָן אַ גראָשן געלט, קען דאָן אויך זיין אַ שידוך מיט נדן אָן אַ ווייב!

אפשר ווייסט איר פון אַזאַ שידוך? — ר ע ט ס א י ם!

דער „ספּעשל קאַסטומער"

א.

ער האָט נישט פֿײַנט אַ קערטל, נאָר זאָגן אַז ער איז פֿאַרקוואַפּעט נאָך דעם, ס'גייט אים דאָס חיות אויס, ווי ביי אַנדערע, דאָס קען מען אויף אים נישט זאָגן. מאַכט זיך אַ קערטל, איז גוט, אַלאַ נישט, קלינגט ער אָן צו שכנים, ווערט געוואויר צי מ'דאַרף אַ „פֿערטע האַנט". דאַרף מען אַזאַ „האַנט", איז גוט, אַלאַ נישט, לויפֿט ער שפּילן אַ „דריי־הענטיקע סאָלאָ", אָדער גאָר אַ „פֿינף־הונדערטל", אַ „זעקס־און־זעכציק", וואו בלויז צוויי „הענט" זענען גענוג.

און אַז ער טעלעפֿאָנירט און געפֿינט קיינעם נישט אין שטוב מיט וועמען ער זאָל קענען מאַכן אַ שטיקל קערטל, מיינט איר, אַז ער נעמט זיך צום האַרצן? — אסור! ער נעמט בלויז און לויפֿט אַוועק צו יענע באַקאַנטע, וועלכע האָבן נישט קיין טעלעפֿאָנען אין די הייזער, כדי דאָרט צו זוכן אַ קערטל. וואוינען זיי נאָנט, איז גוט, אַלאַ נישט, כאַפּט ער אַ טראַמווײ, אָדער אַן אָמניבוס און זוכט זיי שוין אָפּ. געפֿינט ער זיי אין שטוב, איז גוט, אַלאַ נישט, לאָזט ער איבער אַ צעטעלע, אַז מאָרגן אָוונט זאָל מען זיך אויף אים ריכטן, ער קומט מכח ביזנעס... און חברה ווייסן שוין, וואָס „ביזנעס" באַדייט. דאָס וואָרט „ביזנעס" איז ביי אים אַ שמירה פֿאַר די מזיקים, די ווייבער, הייסט עס, וועלכע, ווי באַקאַנט, האָבן נישט ליב קיין קאָרטן. ס'הייסט: ליב האָבן זיי דווקא יאָ קאָרטן, נאָר נישט, אַז די מענער זאָלן שפּילן. זיי ווילן אַליין מאַכן אַ קערטל.

און אַזוי ווערט ער פֿאַרפֿאַלן אויף שעה'ן לאַנג, זוכנדיק אַ קערטל. ער פֿליט, לויפֿט, פּאַדעט, נישטערט, ביז ער פּאַקט עס. נאָר זאָגן, אַז ער איז להוט, צאַפּלט, אַז ס'גייט אים אין לעבן, רחמנא ליצלן, ווי מ'זעט עס ביי אַנדערע, קען מען אויף אים נישט זאָגן.

ב.

זי, זיין „זי", האָט באמת פֿײַנט, אַז ער זאָל שפּילן אין קאָרטן. אַז מ'שפּילט אין קאָרטן, זאָגט זי, פֿאַרלירט מען די הויזן. און היות ווי די הויזן טראָגט זי, וויל זי, פֿאַרשטייט זיך, ביי זיי בלייבן. אָבער עפּעס נאָכגעבן מוז מען דאָך אַ מאַן; ער איז דאָך, צווישן אונז גערעדט, ווי זאָגט זי,

אַ גרויסער „ווי־הייסט־מען־עס", פּשוט געריידט: אַ דבר־אחר! האָט זי מיט אים אָפּגעשמועסט, אַז איינמאָל אין דער וואָך זאָל ער זיך נאָכגעבן דעם טריפה׳נעם יצר־הרע זיינעם. ער זאָל צו זיך פאַרבעטן אַ פּאָר פריינט און מאַכן אַ קערטל.

דאָס האָט זי אים מתיר געווען מיט אַ תנאי: אַז ער זאָל שפּילן ווי ס׳שפּילן אָנשטענדיקע מענטשן, ס׳הייסט: אַן געלט! איז אויף וואָס־זשע זאָל מען שפּילן? אויף בעבלעך! ווי ביי לייטן. אַזוי האָט זי אים איינגערעדט. כאָטש ער געדענקט נישט, אַז לייטן זאָלן שפּילן אויף בעבלעך. האָט ער איר געפרעגט: „סטייטש, בעבלעך קאָסטן דאָך אויך געלט?" האָט זי אים געענטפערט: „שוטה איינער! פאַרוואָס זאָג איך בעבלעך, ווייל ס׳שטייט ביי מיר אַ טאָפּ ווערעמדיקע בעבלעך, וואָס איך האָב אָפּגעקליבן פון אַ סך פרייטיקן, קענסטו אויף זיי שפּילן מיט דיינע גוטע־ברידער אין קאָרטן. נאָר געדענק, בלויז איינמאָל אין דער וואָך!"

האָט ער זיך מיט זיי געזעצט שפּילן און זיי האָבן די בעבלעך אָנגענומען פּאָר גוטע געלט. איז דאָס איר שטאַרק געפעלן געוואָרן. סוף־כל־סוף, האָט זי זיך געטראַכט, זענען די מענער נישט אַזעלכע אויסוואורפן ווי זי האָט זיך פאַרגעשטעלט. אָט אַז מ׳גיט זיי צו פאַרשטיין, אַז מ׳דאַרף נישט שפּילן אויף געלט, נאָר בלויז אויף בעבלעך, ווי ס׳שפּילן אָרנטלעכע מענטשן, איז ביי זיי אויך רעכט.

ערשט שפּעט אין אָוונט האָט זי זיך געכאַפּט, אַז מ׳האָט איר אָפּגעטרילט. דאָס איז געווען ווען ער איז שוין געלעגן אין בעט און זי האָט, ווי איר מנהג איז, גענומען בודק־חמץ זיין ביי אים אין די הויזן־קעשענעס. זי האָט געזוכט, געניששטערט און אין יעדע קעשענע האָט זי בלויז אָנגעטאַפּט בעבלעך... קיין צובראָכענע פּעני אפילו האָט זי דאָרט נישט געפונען. איז איר די מעשה געוואָרן פריקרע. דאַכט זיך, ער האָט דאָך אין דער פרי געהאַט שיינע עטלעכע שילינג און אַ ביסל געלט האָט ער דאָך אויך היינט געלייזט, טאָ וואו־זשע איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען?

פרעגט זי אים: „וואו איז דאָס געלט?" ענטפערט ער איר מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן: „נאַדיר דאָס גאַנצע געלט, דאָס גאַנצע געווינס, איך האָב דאָך ביי זיי אָפּגעוואונען ביז איין פּעני!" און ער נעמט די הויזן זיינע און גיט פון די קעשענעס אַ שיט אַרויס אַ פולע בעט מיט ווערעמדיקע בעבלעך. ווערט זי דאָך צוקאָכט און שרייט: „אין דר׳ערד מיט די בעבלעך! וואו האָסטו אַהינגעטון דאָס געלט, דאָס אמת׳ע געלט?" ווערט ער בלאָס און פאַרלירט דאָס לשון. זעט זי דאָך, אַז מ׳האָט איר, במחילה, אָנגעפּייפּט. געשפּילט האָבן זיי טאַקע אויף בעבלעך, נאָר יעדעס בעבעלע, האָבן זיי צווישן זיך אָפּגעמאַכט, איז אַ מטבע. אויף סוחר׳יש לשון האָט עס געהייסן, אַז יעדעס בעבעלע איז אַ וועקסל, וואָס

נאָכ׳ן שפּילן דאַרף עס ווערן דיסקאָנטירט, און היות ווי ער איז פון די וואָזשנע שפּילערס, וואָס מ׳פרעגט אויף זיי, איז ע ר געבליבן ביי די בעבעלעך, און ז י י — ביי די האַרטע קלינגערס.

און דערפאַר האָט זי אין יענער נאַכט איר פּסק אַרויסגעגעבן : אויס קאָרטן ! וואו זי וועט נאָר דערזען אַ קאָרט, איז — אין פייער אַריין !

ג.

וואָלט ער געוועזן להוט נאָך אַ קערטל, ווי אַנדערע זענען עס, וואָלט ער אויפ׳ן פּסק־דין געפייפט, וואָלט געבראָכט „העגט" און געהאַקט אַ קערטל, כמו שנאמר, ביז׳ן ווייסן טאָג אַריין. נאָר היות ווי ער איז נישט פון די פאַרברענטע קאָרטן־שפּילער, האָט ער איר יעדן נאָכמיטאָג געזאָגט, אַז ער גייט זיך זען מיט אַ „קאָסטומער"... און נישט אין „קאָסטומער" איז דאָרט געווען, נאָר גאַנצע דריי, וועלכע האָבן אַריינגעכאַפּט דאָס אמת׳ע קערטל.

און מיט אַזעלכע „קאָסטומערס" פלעגט ער זיך טרעפן ביינאַכט נאָך וויעטשערע. דאָס זענען געווען „ספּעשל קאָסטומערס", וואָס מ׳קען זיי בלויז פּאַקן ביינאַכט. אַזוי האָט ער איר איינגערעדט, ביז זי האָט איינמאָל אין אַ נאַכט — „קריסטמעס"־נאַכט — געפּאַקט דעם „ספּעשל־קאָסטומער", טאַקע אים אַליין, און ער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן נישט צו זוכן קיין „קאָסטומערס".

געווען איז עס אין אַ „ניתל־נאַכט", ווען ער האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט זיינע „ספּעשל־קאָסטומערס", און האָט מיט זיי געמאַכט דאָס געשעפט... ס׳איז נישט געווען זיין נאַכט. אַלץ איז אים געגאַנגען מיט דעם פּיטום אַראָפּ. ער האָט כסדר פאַרשפּילט (אַזאַ נאַכט איז עס געווען !) און געקיבעצט האָט מען אים פון אַלע זייטן :

— גייט מיט׳ן „וואַטשמקאַלאיט", מיט׳ן „וויהייסטמענעס", וואָס האַלט איר זיך מיט אים ?

— קריכט אַרויס מיט „יענער מעשה", וואָס פּעקלט איר עס, וואָס ?

— געבאַרגעטע קאַליקע ! איר זאָלט נאָר שפּילן אויף רבי׳שע חתונות.

— ער איז אַ ביסל שוואַך ! ער דאַרף פאָרן אין אַ „סי־סאַיד". ער דאַרף זיך אַ קאַפּעטשקעלע פּאַפּראַווען.

— העכער ! — האָט אויף אים קאָמאַנדעוועט אַ מיטשפּילער.

— וואָס הייסט „העכער" ? — האָט ער תמ׳עוואַטע געפרעגט.

— „העכער" הייסט — האָט אים יענער געגעבן צו פאַרשטיין — אַז איר זאָלט דענקן העכער, אַרבעטן מיט׳ן קאָפּ און נישט מיט׳ן „וואַטסאַ־נעים"...

און ער איז פון די לעצטע ווערטער שטאַרק באַליידיקט געוואָרן. ער האָט פאַר כעס אַ שמיץ געטון די קאַרטן און איז אַוועק אַהיים.

ד.

ס'איז שוין לאַנג צייט געווען, אַז ער זאָל אַהיים גיין. ס'איז שוין קרוב צו פיר פאַרטאָג. חוץ־דעם, האָט ער שוין געהאַט פאַרלוירן די לעצטע פעני. ער האָט שוין געשפּילט, ווי חברה האָבן אים געקיבעצט, אויפ'ן „דראַנזשיק". ס'הייסט: אויף באָרג.

זי, זיין „זי", האָט שוין געהאַט „אָפּגעריסן יעדן טעלעפאָן" און אים נישט געקענט פּאַקן. און אומעטום, וואו זי האָט אָנגעקלונגען האָט זי באַקומען דעם אמת'ן אָפּשניט:

— אַז מ'האָט אַזאַ מאַנעלע — האָבן איר די שכנה'טעס מיט כעס אין טעלעפאָן געענטפערט — אַזאַ צאַצקע, וואָס קריכט אַרום ביינאַכט ווי אַ נאַכט־וואַנדלער, בינדט מען אים צו צום בעט מיט אַ שטריקל און מ'שלעפּט נישט אין מיטן דער נאַכט אַרויס מענטשן פון די בעטן.

מילא, זי וועט זיך צוליב אים דאָס לעבן נישט אַוועקנעמען. די „מצאָצע" וועט זיך דאָך אַמאָל מוזן אָפּזוכן. נאָר ווײ־ווײ צו זיינע יאָרן. זי איז אים אסור מקנא. זי וואָלט נאָר וועלן וויסן, ווער איז עס דער „קאַסטומער", דער וואַזשנער סוחר, וואָס מאַכט אַזעלכע גרויסע געשעפטן „קריסטמעס" ביינאַכט. ניין! זי וועט אויף אים מער נישט וואַרטן. זי איז אַ גוטע צאַלערקע. ער וועט שוין ס'זייניקע באַקומען, ווען ער זאָל נאָר נישט קומען.

און זי לייגט זיך שלאָפן.

ה.

אַז ער האָט זיך אַריינגעגנב'עט אין פאָדערהויז, האָט ער שטיל פאַרמאַכט די טיר און האָט תיכף־ומיד אויסגעטון די שיך. למאי, האָט ער זיך געטראַכט, זאָל ער דעם „בער" אויפוועקן? און מיט שטילינקע טריטעלעך האָט ער זיך אַריינגעשלייכט אין שלאָפצימער. ס'איז געווען פינסטער און דער „בער" איז געשלאָפן. גאָט־צו־דאַנקן דער־פאַר! און ער נעמט זיך אויסטון. נאָר מעשה־בעל־דבר, ציט ער אויס אַ האַנט און — טררראַך! ער האָט אומגעוואָרפן אַ וואַזע. זי כאַפּט זיך ראַפּטום אויף און ער פילט, אַז די סכנה איז נאָענט. דאָס אומגליק הענגט אים אויפ'ן שפּיץ נאָז. וואָס זאָל ער טון? נאָר ער פאַרלירט זיך נישט. ער שפּרינגט צו צום וויגעלע וואו ס'ליגט דאָס קינד און הויבט עס אָן צו וויגן, זינגענדיק:

— אַ, אַ, אַ, שלאָף, זונעניו, שלאָף! אַ, אַ, אַ!

און זי האָט אָנגעקוועטשט דאָס עלעקטרישע ליכט־קנעפּל און מיט אַ ציטערדיקן קוויטש האָט זי אַ פרעג געטון:

— וואָס טוסטו ביים וויגעלע, וואָס?

— וואָס הייסט, וואָס טו איך? — האָט ער מיט אַן אומשולדיקער מינע געענטפערט — דו זעסט דאָך. שוין צוויי שעה צייט ווי איך וויג דאָס וויגעלע און איך קען דעם באַנדיט נישט איינשלעפערן.

און נישט מיט איר קול האָט זי אַ הילך געטון:

— אַ באַנדיט ביזטו גאָר, דו הולטאַי איינער! דאָס קינד שלאָפט דאָך ביי מיר אין בעט!...

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

און אין יענער נאַכט האָט ער זיך אויף אייביק אָפגעזעגנט מיט אַלע זיינע „ספּעשל־קאַסטומערס״...

איי, די מענער!

זענען מיר פון סטעמפאָרד־היל געפאָרן אין דער „ליין" אַריין מיט'ן „וויטשעפּלער־עקספּרעס" — איך מיט נאָך מאַנסבילן און פרויענבילן און אַ מחנה ליידיקע קאָשעקעס.

זיצט צווישן אונז אַ ווייבל אין די מיטעלע יאָרן; אַ ווייבל אַ ברען, אַ ווייבל מיט אַ אויערינגל. אַ זשוואַווע אידענע וואָס קען „אויפעסן" אַ מאַן מיט'ן „מויל"... זיצט זי און דערציילט אַ צווייטער אידענע, אַ „קאַר"־שכנה, די צרות וואָס זי האָט אויסצושטיין פון איר „טייערן־געשפּאַן". קיין מאַן האָט זי אייגנטלעך נישט. אַ בלאָטער האָט זי. אַ בלאָטער וואָס וויל נישט פּלאַצן! — אַזוי זאָגט זי. דער מאַן אירער איז נאָך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אַוועק מיט'ן „קאָנוועגשן" קיין רוסלאַנד. ס'איז געווען דעמאָלט ווען די „רוסישע" אין ענגלאַנד האָבן געדאַרפט דינען אָדער דאָ אָדער דאָרט. איז אירער געפאָרן דינען אין ראַסיי און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער האָט דאָ אַ ווייב, און נאָך וואָס'אַראַ מין ווייב!

דערציילט זי אירע צרות, נישט בלויז דער „קאַר"־שכנה אירער, נאָר אונז אַלעמען. ווייל פאַרוואָס טאַקע זאָל די וועלט נישט וויסן, ווי זי זאָגט, וואָס'אַראַ „מצאָצע" זי האָט עס פאַר אַ מאַן? און די „וועלט" איז דאָך נישט קיין אַנדערע ווי אונזער „וויטשעפּלער־עקספּרעס". די גאַנצע וועלט טרעפט איר דאָ.

— ווער ס'האָט אויסגעקלערט דעם „קאָנוועגשן" מיט'ן לויפעניש קיין רוסלאַנד — רעדט זי אונז אין פּנים אַריין — דער זאָל פון גיהנום נישט אַרויס. הערט אַן אײנפאַל: מענער זאָלן אַוועק פון זייערע ווייבער. אודאי ווילן זיי דאָס. די פויגלען האָבן דאָך נאָר געחאַנקט גאָט, אַז זיי האָבן גאָר אַזאַ געלעגנהייט. פּטור ווערן פון אַ ווייב איז דאָך ביי זיי אַ יום־טוב. וויפיל איך האָב מיט מיינעם גע'טענה'ט: „וואַרט־צו אַ ווייל. לאָמיר זיך נאָך אַמאָל מיישב זיין. וואָס איז דער געלויף, וואָס?" קוקט ער אויף מיר מיט שרעק און זאָגט, אַז דאָס אומגליק ש ט י י ט א י ם פ אַ ר ד י א ו י ג ן! ער מוז לויפן! מילא, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן. די ערשטע צייטן איז אים דאָרט געווען ביטער. ער האָט געוואָלט צוריק אַהיים, נאָר ער האָט נישט געקענט. אָבער שפּעטער, אַז ער האָט שוין יאָ געקענט, האָט ער זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט. ס'געפעלט אים דאָרט. וואָס־זשע מיינט איר געפעלט אים דאָרט? איר מיינט איך ווייס נישט? איך האָב אַ

שעפּסענעם קאָפּ אויף זיך ? אוודאי ווייס איך ! ס׳מעג קומען אַ מהומה אויף אַלע רוסישע ווייבער וואָס טשעפּן זיך צו פרעמדע מאַנסבילן ! און אפשר פאַרקערט : אפשר האָבן זיך די מאַנסבילן צוגעלאַנטשעט צו זיי. ס׳מעג, הערט איר, אויף זיי אַלע קומען אַ כאַפּ !

— און איר מיינט — רופט זיך אָפּ איר „קאַר״־שכנה — אַז ס׳איז זיי דאָרט אין רוסלאַנד גוט ? אויב איך וואָלט מיין ברודער אין רוסלאַנד פון צייט צו צייט עפּעס נישט צוגעשיקט, וואָלט ער אויסגעגאַנגען פון הונגער.

נאָר אונזער ווייבל לאָזט זיך נישט :

— אָבער מיינעם איז וואויל. ער האָט אַ גרויס געשוואוילטאַג. ער איז דאָרט אַ גאַנצער יאַטעבעדאַם, אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר, ער פרעסט צוזעצטערהייט.

— און פאַרוואָס — פרעגט אַ דריטע אידענע וואָס דערכאַפּט זיך דאָס האַרץ מיט אַ „סאַלט־ביף־סענדוויטש״ — פאַרוואָס זאָלט איר אים נישט אָפּ׳גט׳ן ?

צינדט זיך אונזער ווייבל אָן ווי אַ שוועבעלע, ווערט רויט ווי צונטער און שיסט אויס :

— אַ מכה אים ! פאַרוואָס עפּעס ? כדי ער זאָל קענען נעמען חופה־וקידושין מיט אַ צווייטער ? אַ מכה אויך איר !

זיצט צווישן אונז אַן אויסגעדאַרט אידל מיט אַן אויסגעביסן בערדל און מיט אַ האַרטן קאַפּעלוש וואָס איז פאַררוקט ביז צו די אויערן, גלייך ווי מ׳האָט אים דעם קאַפּעלוש מיט אַ האַמער אויפ׳ן קאָפּ אַרויפגעשלאָגן. גיט ער זיך אַ באַלעבאַטיש הוסטעלע, אַ מין אַנצוהערעניש, אַז אָט באַלד וועט איר, אידן, עפּעס הערן שיינס און רופט זיך אָן :

— מיסעס־לעבן ! עקסקיוז־מי, וואָס איך מיש זיך אַריינעט. ס׳איז עפּסער יע און עפּסער ניט מיינע ביזנעס. נאָר איך וועל אייך עפּעס זאָגן : איר מיינט, אַז דאָרט אין סאָוויעטסקי־ראָסיי האָרף מען חופה־וקידושין ?

— אסור ! דאָרט לעבט מען אַזוי ווי פּאַר מאַטענטעירע*). אייערער מוז דאָרט אויך אַזוי לעבן !

גיט אונזער ווייבל דעם ליטוואַק אַ מעסט־אָפּ פון אויבן ביז אַראָפּ און רופט זיך אָן מיט אַ ירגזון :

— שור, וואָס־דען ? איך ווייס נישט וואָס׳אַראַ פיירע**) איך האָב ? אוודאי ! נאָר פונדעסטוועגן דאַרפט איר אייער ליטווישע נאָז נישט אַריינשטעקן וואו מ׳באַדאַרף נישט. ס׳איז מיין מאַן ! איר פאַרשטייט ? ! כ׳קען מיט אים טון וואָס איך וויל ! כ׳קען פון אים מאַכן אַ וויעכעטש, אַ פּלע־

---

*) מתן תורה **) פרי

דערװיש, אַ שמאַטע! כ'קען אים אפילו לייגן אין דער אדמה אַרײַן! און איר — מאַנדזשעראַמביזנעס!

— מילא — זאָגט אונזער ליטװאַק מיט אַ שמייכעלע איבער'ם אויסגע־ביסענעם בערדל אַרײַן — אויב איך איז ליב, איז מיר ביחא! באַר װען איר װאָלט געהאַט אַ גט, װאָלט איך אײַך געערעדט אַ װאָװילן סידאַך*). אימיצער זוכט אַזאַ װײַבעלע װי איר. באַמאַי־לאַיף!

— לאָזט מיך שוין אָפּ מיט די שידוכים — גיט זיך אונזער װײַבל אַ בײזער, נאָר מ'דערקענט אַז ס'איז אַ געמאַכטער בײזער — איך װיל שוין מער נישט חתונה האָבן. איך האָב שוין געהאַט גענוג פון די מאַנסבילן. ס'מעג אויף זיי אַלע קומען אַן אויסכאַפּעניש (װײנט). איך האָב גענוג מײַנע יאָרן פאַרשװאַרצט (װישט זיך די אויגן מיט אַ טיכעלע). װער־זשע איז ער דער יאָלד אײַערער? אַן אַלטער בחור צי אַן אלמן? (שמייכלט) און אפשר גאָר איר אַלײן?

דער גאַנצער „װיטשעפּלער־עקספּרעס" שמייכלט און דער ליטװאַק אויך, װעלכער רופט זיך אָן:

— אויב אַזוי, אויב איר מײנט ביזנעס, איז עס אַ געשעפט. נעמט אײַך מײַן קאַרד.

און ער נעמט אַרויס אַ פּעקעל װיזיט־קאַרטן און פאַרטײלט די גאַנצע „קאַר". אויפ'ן קאַרטעלע איז אָפּגעדרוקט אַ „מגן־דוד" מיט די װערטער „מזל־טוב" און צװיי הענט װאָס געבן אָפּ דעם מזל־טוב. אונטער די צװיי הענט איז אָפּגעדרוקט אַזאַ נוסח אין ענגליש און אין אידיש:

GENERAL MATCH MAKER
Home and Foreign Matches
a Speciality.

גענעראַל שדכן
ספּעציאַליסט פון הײמישע און
אויסלענדישע שידוכים

און האָבנדיק פאַרטײלט די קאַרטעלעך צו יעדן אײנעם, דעם קאָנ־דוקטאָר אויך בתוכם, האָט ער זיך צום װײַבל אָנגערופן:

— כאַפּטצעך צו מיר אַרײַנעט, כאַפּטצעך. איך װעל אײַך סוין פיקסן. איך װעל סוין פאַר אײַך אַרויסקריגן אַ גט. איך קען זיך מיט אַלע רבנים

*) שידוך.

פון גאַנץ ראַסיי. איר ווערט מיר בענצן ווי ס׳בענצן מיך פילע קאַפּלס. ביט אײן קאַפּל פּרייט זיך מיט קליינוואַרג אַ דאַנק מײן אַרבעט! קומט צו מיר אַרויף! ס׳וועט זײן אָל־ראַיט!

און מיט דעם אמת׳ן אַמעריקאַנער „גוד־באַי־י־י־י!" ווי די וואוילע יונגען, די ספּאָרטן, זאָגן אויף די פּילמען, איז ער פון דער „קאַר" אַראָפּ־געשפּרונגען. דער קאָנדוקטאָר האָט אים סאַלוטירט ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ „גענעראַל" און נאָכגעשריגן: „גוד־באַי, דזשענעראַל!"

אונזער ווייבל האָט אים נאָכגעקוקט, אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס און זיך אָנגערופן:

— איי, די מענער! די מענער! מ׳קען זיי גאָרנישט פּטור ווערן!

נאָר אַלע האָבן געפילט, אַז ס׳איז גלאַט געבעבעט. זי וויל זיי גאָרנישט פּטור ווערן.

און באַהאַלטנדיק דאָס וויזיט־קאַרטעלע טיף אין איר „בעג", איז זי ביים צווייטן „סטאָפּ" פון דער „קאַר" אַראָפּ.

אַ סברא, אַז זי איז געגאַנגען זוכן דעם ליטוואַק, ווייל זי איז צוריק־געגאַנגען אין דער ריכטונג, וואו דער ליטוואַק איז פריער מיט אַ מינוט נעלם געוואָרן.

אין די לאַנגע נעכט

די טעג ווערן קירצער. ס׳רוקן זיך אָן די לאַנגע נעכט און מיין האַרץ קוועלט פאַר שמחה.

לאַנגע זומער טעג, איך האָב איך פיינט.

לאַנגע טעג זענען שעה׳ן אַ סך פון גריזאַטע, האַרץ־ווייטיק און גאַל־פּלאַצעניש.

לאַנגע טעג איז דער לאַנגער גלות פון אונזער שווערן אַרבעטס־טאָג, פון אונזערע אדמה׳דיקע געשעפטן, פון אונזערע אומענדלעכע צרות.

וואָס טוט איר אין אַ לאַנגען זומער־טאָג אין ווייטשעפּל?

און וואָס האָט איר פון אייער טועכץ?

אין אַ זומער־טאָג הויבט איר זיך אויף גאָר פרי. די זלידנע פליגן מיט די נאָך מער זלידנע בעלי־חובות לאָזן איך נישט שלאָפן. באַגינען אַנטלויפט איר אין גאַס אַרויס. איר פאַדעט, לויפט, פליט אַרום אַ פאַר־שוויצטער, אַ פאַרסאַפּעטער צו כאַפּן אַ גמילות־חסד און ס׳כאַפּט זיך נישט. ווייל יענער, ביי וועמען איר ווילט אייער גמילות־חסד כאַפּן, לויפט אויך אַרום, פונקט ווי איר, כאַפּן אַן הלוואה׳לע און יענערדיקער יענער — טוט אויך דאָס זעלביקע. ס׳איז אַ פאַר׳כישוף׳טער קרייז פון גמילות־חסדים׳לעך, אַ געיעג נאָך זומער־פייגעלעך, נאָך נעכטיקע טעג.

פאַרנאַכט־צו, אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די „גאָלדענע געשעפטן״, קומט איר אַהיים אַ פאַרשמייעטער, אַ צעיאַכמעטער, אַ צעוויקטער. איר זענט בייז אויף דער גאַנצער וועלט. ס׳געפעלט איך נישט די שטוב, די ווייב, די קינדער, דאָס עסן. „פליייש אין אַזאַ הייסן טאָג״, קרומט איר זיך, „איז אַן אומגליק פאַר׳ן מאָגן״.

מילא, איר טוט אייער ווייב אַ טובה, מאַכט איר אַ מענטליק, איר עסט אָפּ און אַנטלויפט. וואוהין? צו אַ שכן כאַפּן אַ קאַרטל! דאָרט, ביים שכן, וואַרפט איר אַראָפּ דאָס רעקל, צושפּילעט דעם קאָלנער און ס׳הויבט זיך אָן דאָס „תהלים־זאָגן״.

אָבער ס׳גייט נישט. ווי זאָגט ירוחם: „אין עצה ואין תבונה כנגד שלעכטע קאָרטן״. ווערט איר שוין נערוועז, צוקאַכט. איר היצט זיך: „פאַר׳שרפה׳ט זאָל עס ווערן!״ איר פּרוווט „צום לעצטן מאָל״ און אַן מזל זאָל מען גאַרנישט געבוירן ווערן; די לעצטע „אַכצן שטויסערס״ האָט איר שוין גע׳פּטר׳ט. איר שפּילט שוין אויף באָרג. „ער טאַפּט דעם

טאָטער !" לאַכן די אַרומיקע און ס'ווילט זיך אַלעמען אָנכאַפּן ביים גאָרגל און דערשטיקן זיי.

ס'טאָגט. ס'איז שוין אַרום פיר אַזייגער. ענהלעך שלעפט איר זיך אַהיים, אַן אויסגעליידיקטער, אַן אָפּגעכוימלטער. איר ווילט אַריינכאַפּן כאָטש עטלעכע שעה שלאָף. איר גנב'עט אייך אַריין אין שלאָפצימער. די שיך האָט איר אויסגעטון אין קאָרידאָר און איר שלייכט זיך אַריין אין די זאָקן. זייענדיק בטבע אַ גוטער־מאַן, באַמיט איר אייך, אַז אייער ווייב, חלילה, זאָל זיך נישט אויפכאַפּן.

נאָר ווער רעדט פון וועקן, אַז זי איז גאָר וואַך ווי דער טאָג. זי ליגט זיך גאַנץ געמיטלעך אונטער דער קאָלדרע און רעדט נישט קיין וואָרט. בלויז אויגן צוויי, צוויי טיגערישע אויגן, קוקן אויף אייך מיט אַזאַ מורא און מיט אַזאַ ביסטרעקייט, אַז די דמים ווערן ביי אייך פאַרגליווערט.

— פאַרוואָס־זשע רעדט זי נישט ? — עגבערט ביי אייך אין מוח אַ געדאַנק — וואָס איז דאָס פאַר אַ שווייגן ?

און דער זעלביקער געדאַנק ענטפערט :

— ס'איז דער שטילשטאַנד פאַר'ן שטורם !

איר ציטערט. איר זעט פאַר זיך דעם מלאך־המות. ס'דאַכט זיך אייך, אַז איר זענט אין מיטן דער נאַכט פאַרבלאָנזשעט אין אַ וואַלד, אין אַ „דזשונגל" און זיך אָנגעטראָפן פנים־לפנים מיט אַ טיגער.

וואָס טוט מען ?

גאָרנישט ! איר גיט אייך איבער אין די הענט פון גורל. איר זאָגט „בידך אפקיד רוחי" און — פאַרפאַלן !

איר טוט אייך אויס. ליגט זיך אין בעט אַריין. נאָר די אויגן (אוי ! די אויגן אירע !) לאָזן פון אייך קיין בליק נישט אַראָפּ. ערשט אַז איר האָט זיך שוין איינגעטוליעט און נעמט צומאַכן אַן אויג, הויבט זיך פּלוצלינג אָן די גענעראַל־אָפענסיווע.

— דו ווע סט ביי מיר נישט שלאָפן ! — דונערט אַ בייזע שטים.

און — קאַראַאול ! זי איבערפאַלט אייך !

אודאי איז עס נישט יושר'דיק, נישט מענטשלעך און נישט מעשה־ספאָרט צו באַפאַלן אַן אומבאַהאָלפענעם, שוואַכן מיטגליד פון'ם שטאַרקן געשלעכט, בעת ער ליגט אַ האַלב נאַקעטער אין בעט. נאָר דער צוועק הייליקט די מיטלען, בפרט נאָך ווען דער צוועק איז צו מאַכן פון אַ מאַן אַ לייט.

מילא, כאַפּט איר נעבעך אַריין אייער פּאַרציע (איך ווייס דאָך !) ווישט אָפּ די ליפּן און מאַכט אַ שוויג.

אלה תולדות זומער־טאָג.

אָט דאָס אַלץ געשעט אין אַ זומערדיקן מעת־לעת.

לאַנגע זומער־טעג, כ׳האָב איך פיינט. נישט געדאַכט זאָלט איר ווערן!

* * *

אַנדערש איז אָבער דאָס לעבן אין אַ קורצן ווינטער־טאָג.

אמת, אַז אויך אין אַ ווינטער־טאָג לויפט איר אַרום כאַפּן אַ גמילות־חסד. אמת, אַז איר טרעפט זיי ביידען נישט — אי דעם גמילות־חסד׳ניק אי דעם גמילות־חסד. דערפאַר אָבער האָט איר אַ נוץ פון אייער אַרומלויפן. איר דערוואַרעמט איך און פאַרשפּאָרט אַרויסנעמען דעם ווינטער־מאַנטל פון דער „פּאָן־שאָפּ“...

אַזוי לויפט איר אַרום ביז ס׳פאַלט־צו די נאַכט. ס׳איז נישט לאַנג, בערך אַ פינף־זעקס שעה, אָבער ס׳איז אַלץ נישט אַזוי לאַנג ווי אין אַ זומער־טאָג. איר גייט אַהיים, עסט איך אָפּ גאַנץ געמיטלעך, רויכערט אויס אַ ציגאַרעטל און שפּאַצירט איך אַריין צו אייער שכן, מאַכן אַ קערטל.

אָבער וואָס׳אַרא אונטערשיד פון אַ זומערדיקער „קאָרט“ ביז אַ ווינטערדיקער „קאָרט“. אין אַ זומערדיקער נאַכט האָט איר כסדר פאַרשפּילט, אָבער היינט אין ווינטער, איר געווינט טאַקע נישט, אָבער איר שפּילט מיט האָפנונג. די נאַכט איז לאַנג, דער בטחון איז גרויס, און אַז גאָט וויל, קען אין דער האַנט אַריינפאַלן אַ „באָמבע“, אַן אוצר.

שפּילט איר אַזוי ביז אַרום פיר פאַרטאָג. איר האָט נישט געוואונען און נישט פאַרלוירן. איר זענט אַרויס מיט גאַנצע ביינער. מילא, אויב נישט היינט איז מאָרגן. מאָרגן איז אויך אַ לאַנגע נאַכט.

איר גייט אַהיים. אייער ווייב שלאָפט זיך גאַנץ געשמאַק און ס׳איז נישט נויטיק אַרומצופּויזן אויף די שפּיץ פינגער. איר הויבט זיך אָן אויסטון און נישט ווילנדיק גליטשט זיך פון אייער האַנט אַרויס אַ שוך.

— טררראַך!

אייער ווייב כאַפּט זיך אויף. איר זענט אין אַ סכנה. ס׳איז שלעכט!

אָבער איר האָט מזל. ס׳איז דאָך עפּעס אַ ווינטער־נאַכט! ס׳געשעעט אַזוינס, וואָס אין אַ זומער־נאַכט קען עס קיינמאָל נישט געשען; אייער ווייב כאַפּט זיך אויף און פרעגט פאַרוואונדערט:

— וואָס עפּעס אַזוי פרי?

און בליץ־שנעל ענטפערט איר:

— כ׳האָב היינט „ספּעשל־ביזנעס“. איך מוז פרי אַוועקגיין.

און איר נעמט אויף גיך זיך צוריק אָנטון.

אייער ווייב האָט אויף איך רחמנות.

„אַ מאַן אַרבעט אַזוי שווער!״— טראַכט זי זיך, און זי גייט אַראָפּ און מאַכט איך אַ גוטן פרישטיק.

איר גייט אַוועק אַ גליקלעכער.

שבת, זאָגט איר צו זיך, וועט איר גיין אין שול גומל־בענטשן.

אָבער ס׳איז נישט געשען קיין נס, נאָר פשוט: ס׳איז דער ליבער ווינטער און נישט דער פאַרשאָלטענער זומער.

דערפאַר, אין נאָמען פון אונזער ליידענדן מאַנסביל־פאָלק באַגריס איך די קורצע ווינטער־טעג און לאַנגע ווינטער־נעכט, די נחמה פון אונ־זער פינסטערן זומערדיקן לעבן.

זייט א דזשענטלמען

...יאָ, וועגן דעם וואָס איר זאָגט אַז מ׳דאַרף זיין אַ דזשענטלמען. אָט וועל איך אייך עפּעס דערציילן, וועט איר זען, אַז זיין אַ דזשענטלמען לוינט זיך.

געווען איז עס אין דער „ניטל־נאַכט". מיין מזל האָט געוואָלט, אַז אַנשטאָט צו זיצן אין דער היים און עוסק זיין זיך אין מצוות־אָקע, זאָל איך זיך גאָר קאַטאַיען אין אַ באַן פון מאַנטשעסטער קיין לאָנדאָן.

מילא, טראַכט איך זיך, איך וועל דאָס מייניקע אָפּנעמען, ווען איך וועל אַהיים קומען. אָבער, וואָס טוט מען דערווייל?

דער וואַגאָן איז ליידיק. אַנטקעגן מיר זיצט בלויז איין פּאַסאַזשיר, אַן ענגלענדער. קענטיק, נישט קיין פּראָסטער גוי, אַ דזשענטלמען, וואָס לייענט זיך אַ צייטונג און פּיפּקעט זיך אַ קאַלטע „פּייפּ".

פאַלט מיר איין אַ געדאַנק: אפשר בעטן אים, ער זאָל מיט מיר שפּילן אַ „זעקס־און־זעכציק" אָדער אַן „אָקע"?

נאָר צוריקגעשמועסט, ווער ווייסט: פּונקט ווי ביי אונז איז אַ מ צ ו ה צו שפּילן „ניטל" אין קאָרטן, פּונקט אַזוי איז ביי זיי אפשר גאָר אַן עבירה?

ווייסט וואָס, זאָג איך צו זיך, נעם אַרויס אַ פּעשל קאָרטן און הויב אָן טאַשן, וועסטו זען וואָס פאַר אַ פּנים ער מאַכט.

און — אומר ועושה! איך טאַש מיר מיינע קאָרטן און ער גיט אפילו אַ פּינטל מיט אַן אויג נישט. ער פּיפּקעט זיך זיין פּיפּקע און לייענט זיין בלאַט.

טו איך זיך אָן אַ כח און גיב אים אַ פרעג:

— „עקסקיוז מי, סער", אפשר וואָלסטו געוואָלט שפּילן אַ „זעקס־און־זעכציק" אָדער אַן „אָקע"?

ווערט ער שוין רעדעוודיק און זאָגט:

— „אָ־קעי וויטה מי!" נאָר ווי אַזוי שפּילט מען עס?

אויב אַזוי, טראַכט איך זיך, אויב דו גייסט אין שפּאַן, וועל איך דיך אויסלערנען. און איך נעם און באַווייז אים וואָס איז דאָס אַזוינס אַן „אָקע". קיין „זעקס־און־זעכציק" האָב איך אים נישט געוויזן. ס׳איז אַ אידישע שפּיל און ס׳איז נישט פאַר קיין גוי׳אישן קאָפּ.

איך זע אָבער, אדרבא, איך האָב דאָ צו טון מיט אַ גוי, וואָס האָט

אַ שטיקל קאָפּ אויף זיך, ער פאַרנעמט שנעל וואָס ס'הייסט: טייז, מלכים, מיידלעך, יונגלעך, ביינטלעך, אָפּטרייבן, אָפּשרעקן, אַריבערשמייסן און — מיר נעמען זיך שוין צום שפּיל.

איך דערלאַנג אים פיר קאַרטן און גיב זיך פיר קאַרטן. איך עפן אויף צוויי פון מיינע קאַרטן: אַ־האַ, מיידלעך! נעם איך שוין מיט גרויס נייגער די דריטע קאַרט און — ס'איז דאָ! אַ דריט מיידל! און ס'ווערט מיר ליכ־טיק אין די אויגן.

מאַך איך זיך כלומר'שט תם'עוואַטע און פּאַס צו אים. נעמט ער און זאָגט גלייך:

— איך שטעל אַ האַלבע קרוין!

אַזוי, טראַכט איך זיך, האָסט שוין מסתמא דאָרט געפּאַקט אַן „אַקע" און דו שיסט שוין מיט האַלבע קרוינען, און איך רוף זיך אָן:

— גוט! איך ענטפער דיין האַלבע־קרוין „בליינד"!

— וואָס הייסט דאָס — פרעגט ער — „בליינד"?

— „בליינד" — דערקלער איך אים — הייסט אַז איך האָב נאָך די קאַרטן נישט געזען.

געפעלט עס אים און ער זאָגט:

— יו אַר ע ספּאָרט!

און ער ווערט מיט מיר אַ גאַנצער שמעלקע.

— איצט — זאָג איך — וועל איך אָנקוקן וואָס איך האָב.

און איך הייב אויף דריי קאַרטן, קלער מ'כלומר'שט אַ ווייל און רוף זיך אָן:

— אויף דריי קאַרטן פינף שילינג!

קלערט ער נישט קיין סך און זאָגט:

— גוט! מיינע פינף שילינג!

גייט שוין די שפּיל אַריין אין אַזאַרט, און איך זאָג שוין אַ ביסל מיט היץ:

— מיט נאָך פינף שילינג!

ענטפערט ער מיר גאַנץ קאַלטבלוטיק:

— דיינע פינף שילינג מיט נאָך צען שילינג!

אָ, טראַכט איך זיך, ביזט גאָר אַ נישקשה'דיקער תלמיד: ערשט מיט אַ מינוט צוריק האָב איך דיך אויסגעלערנט די תורה פון „אָפּשרעקן". און שוין בעמסטו מיך אויף דער העצקע? און איך ענטפער אים קורץ און שאַרף:

— געדעקט! און איצט גיב דאָס געלט אַהער: צוויי־און־צוואַנציק־און־סיקס!

— פאַרוואָס עפּעס?

— ווייל כ'האָב — ענטפער איך מיט שטאָלץ — דריי מיידלעך!

— האָב איך — ענטפערט ער מיר גאַנץ קאַלט — דריי מלכים!

ווער איך שוין צוקאָכט און זאָג:

— ווייזט אַהער די קאָרטן, לאָמיך זען!

און מיין ענגלענדער גיט זיך אַ ציבּד אָן ווי אַ שוועבעלע און שיסט אויס מיט כעס:

— „וואָט ד'יו מיען?" וואָס הייסט דו זאָגסט מיר: ווייז! דו ווייסט אַז דו שפּילסט מיט אַ דזשענטלמען?

האָב איך זיך באמת שטאַרק פאַרשעמט און זיך געטראַכט: וואָס מיינסטו דיר, דו שפּילסט דאָרט אין וויטשעפּל מיט דיינע לאַפּאַצאַנעס, וואָס גלויבן דיר נישט פון דאַנען אַהער און קוקן זיך איינער דעם אַנ־דערן אַריין אין די קאָרטן? דו שפּילסט דאָך עפּעס מיט אַ דזשענטלמען. פע! שעמען מעגסטו זיך!

ענטפער איך אים מיט אַ געמאַכטן שטאָלץ:

— איך בין אויך אַ דזשענטלמען, סער!

— טאָ שפּיל־זשע ווי אַ דזשענטלמען! — האָט ער אויסגעשריגן און האָט געביסן די „פּייפ" זיינע פאַר כעס.

האָב איך זיך פאַר אים ענטשולדיקט:

— „עקסקיוז מי!" ס'איז ביי אונז אַ מנהג אַזאַ, זיך צו ווייזן די קאָרטן, נאָר אַז דו ווילסט שפּילן אַזוי, אַז מ'זאָל זיך נישט דאַרפן ווייזן די קאָרטן, בין איך מסכים, „וואַי נאָט?"

און איך צאָל אים אָפּ דאָס געלט, די בלוטיקע צוויי־און־צוואַנציק־און־סיקס, און מיר שפּילן ווייטער.

וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? מיר געפּעלט צו שפּילן ווי אַ דזשענטלמען. הלואי זאָל מיר תמיד אַזוי גיין אין קאָרטן, ווי ס'איז מיר געגאַנגען יענעם אָוונט, ווען איך האָב געשפּילט מיט'ן ענגלענדער ווי אַ דזשענטלמען. כסדר האָב איך געהאַט גוטע קאָרטן. וואָס ער זאָל נישט האָבן, האָב איך אַלץ געהאַט בעסערס; האָט ער ניינטלעך, האָב איך מיידלעך. האָט ער מיידלעך, האָב איך מלכים. האָט ער מלכים, האָב איך טייז! און ווייזן די קאָרטן, ווייזן מיר זיך נישט. מיר שפּילן דאָך עפּעס ווי דזשענטלמען.

איך האָב אויסגעפונען, הערט איר, אַז כדי צו געווינען אין קאָרטן דאַרף מען גאָר אינגאַנצן קיין „קאָרטן" נישט האָבן, מ'דאַרף בלויז זיין אַ דזשענטלמען.

ביי לייטן א מאַן

ירוחם׳ס פּלונית׳טע רעדט זיך דאָס
האַרץ אויס וועגן איר שלימזל.

...ביי לייטן אַ מאַן, האָט עס מורא פאַר׳ן ווייב׳ס דעה. דו דערלאַנגסט אַ הוק און ס׳ווערט אים קאַלט אינעווייניק. ס׳איז אַ מחיה־נפשות, אַ תענוג, נישט ווי ביי מיר. מיינער האָט דאָך גאָר קיין מורא נישט. ער איז אַ גאַנ־צער סאַמאָוואָליעץ. ער טוט וואָס ער וויל. ביי לייטן לערנט מען מיט אַזאַ מאַן בולק. ס׳איז זיין גליק וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַזאַ שטיל מענטשל ווי איך בין. גלויבט מיר, אַז איך קוק זיך צו ווי אַנדערע מענער קייען די ערד ביי זייערע ווייבער, קומט מיר די סלינע אין מויל אַריין. ביי מיר האָט ער דאָך דעם אמת׳ן גן־עדן. אמת, מ׳וואַרפט זיך אַמאָל אַדורך מיט אַ וואָרט אָדער מיט עפּעס אַנדערש... אָבער ווי קומט עס צו דעם וואָס אַנדערע מענער האָבן אויסצושטיין פון זייערע ווייבער?

יאָ, ס׳כאַפּט זיך ביי מיר אַמאָל אַרויס אַ קללה׳לע. נאָר וואָס בין איך שולדיק, אַז ער רעגט מיך אויף און ברענגט מיך אַרויס פון די כלים. ער וויל מיר איינרעדן אַז דאָס שעלטן זיך איז ביי מיר אַ ירושה־זאַך. די מאַמע מיינע, האַלט ער, האָט אויך געמוזט שעלטן זיך. ס׳איז, זאָגט ער, אַזאַ מין באַבעגרעטעניש. זיין מאַמע, באַרימט ער זיך, האָט נישט געשאָלטן. הייסט, זאָגט אַליין, וואָס זאָל איך אים אויף דעם ענטפערן? מוז איך דאָך אים זאָגן: „אַזוי פיל מכות זאָל זיך דיר זעצן אויף אַ אָרט וואו איך ווייס, וויפיל מאָל דיין מאַמע האָט אויך געשאָלטן!"

נאָר דאָס קומט אַלץ נישט צו די קללות וואָס איך הער פון מיינע שכנות. ביי זיי שיטן זיך קללות ווי פון אַ לעכערדיקן זאַק. מיינעם, למשל, וואָלט איך קיינמאָל נישט געזאָגט: „ווען דו נעמסט אין אַ פגירה, וואָלט נישט געווען אַ לאָך אין הימל, נאָר אַ באַרג אויף דער ערד!" אָדער: „אַלע ציין זאָלן דיר אַרויספאַלן, נאָר איינער זאָל דיר בלייבן אויף צייִנ־ווייטיק!" אָדער גאָר: „ס׳מעג שוין פון דיר ווערן אַ לאַמטערן!" איר ווייסט וואָס אַזאַ קללה באַדייט? דאָס מיינט, אַז בייטאָג זאָל ער הענגען, ביינאַכט זאָל ער ברענען, און פאַרטאָג זאָל ער אויסגיין — ווי ס׳פירט זיך ביי אַ לאַמטערן, און אַנדערע אַזעלכע יום־טוב׳דיקע קללות.

אָבער נישט בלויז מיט קללות האָדעווען זיי אַ מאַן. הערט אַ מעשה:

כ׳קום אַנומלט ביינאַכט אַריין „נעקסט־דאָר" צו מיין שכנה, בעטן אַז זי זאָל מיר אויף אַ מינוט אויסבאָרגן דעם וואַלגערהאָלץ. וואָס־זשע מיינט איר ענטפערט זי מיר? „ליידער — זאָגט זי — קען איך אייך איצט דעם וואַלגערהאָלץ נישט אויסבאָרגן, ווייל מיינער איז נאָך אויך נישט אַהיים געקומען!" איר פאַרשטייט צו וואָס אַ אידענע נוצט אַ וואַלגערהאָלץ?

קומט מיינער אַהיים, דערצייל איך אים ווי ביי לייטן דערציט מען אַ מאַן, נישט ווי ביי מיר, מיט קוצעניו־מוצעניו, נאָר טאַקע מיט אַ האַרטן וואַלגערהאָלץ! הערט ער אויס, שמייכלט זיך אונטער און זאָגט: „וואָס־זשע מיינסטו, אַז אַ שטעקן פון אַ באַרשט איז בעסער?" פרעג איך אים: „וואָס פאַראַ שטעקן, וואָס?" זאָגט ער: „האָסט שוין מסתמא פאַרגעסן דעם שטעקן פון דער אַלטער באַרשט, מיט וועלכן דו האָסט זיך צו מיר פאַר־אַכטאָגן געכאַפּט?" זאָג איך: „אַ דאַנק גאָט וואָס דו זאָגסט, אַז איך האָב זיך צו דיר ב ל ו י ז געכאַפּט. וואָס טו איך אַז דו זאָגסט, אַז איך האָב דיר דערלאַנגט אויך? אַ קשיא אויף דיר?" זאָגט ער, אַז אַ פריערדיקן מאָל האָב איך אים טאַקע אויך פאַרהאַוועט. אמת, איך האָב אים דערלאַנגט אַ לייכטן זעץ מיט׳ן טשאָלנט־טאָפּ צי מיט׳ן פענדל. איך געדענק נישט אַקוראַטנע. ער זאָגט אַז מיט ביידן. נאָר מאַלע וואָס ער זאָגט. ער, אַז ער קען אויף זיין ווייב עפּעס אַרויפליגן, ליגט ער אַרויף. נאָר די מעשה מיט׳ן שטעקן, הערט איר, איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. סתם אַ מאַן וויל זיך טשעפּען צו אַ ווייב.

כאָטש צוריקגעשמועסט, איז ער דעם שטעקן ווערט געווען. אַז ער קאָכט מיר אויף דאָס בלוט און ברענגט מיר אַריין אין דער „ריציפּיכע". מיט וואָס, מיינט איר? מיט זיינע וויצלעך און זיין קאַלטן לונג־און־לעבער. איך שריי, רייס זיך אַרויס דאָס האַרץ, און ער מאַכט זיך דערפון אַ וויצל. אַז ס׳האָט אַזאַ לייכטן קאָפּ. הערט אַ געשיכטע. איר מעגט עס האָרכן: אַ גאַנצן טאָג בין איך פאַרנומען מיט מיינע באַנדיטן. מ׳דאַרף צו זיי האָבן אַ פינסטערע גבורה, שמשון־הגבור׳ס כח. קומט ער זיך, דער תכשיט מיינער, אין אָוונט אַהיים, און ווי זיין שטייגער איז, גיט ער זיך אַ הוסטעלע, אַן אָנזאָג אַז ס׳ציט אים אונטער׳ן לייבסערדעקל. ער וויל עפּעס עסן. איז ווער האָט צו אים צייט? אַז די באַנדיטן נעמען מיר אַראָפּ דעם קאָפּ. איך אַליין, מיינט איר, האָב יאָ עפּעס געגעסן? — לאָמיך קרענקען! כ׳האָב עפּעס געכאַפּט! אויך מיר, הייסט עס, געגעסן! איז וועל איך אימיצן בעטן אַז מ׳זאָל מיר דערלאַנגען? ליגן אין מויל אַריין?

אַן אַנדערער, דו ווייסט אַז איך בין פאַרהאַוועט, פאַרשמייעט, וואָס־זשע שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם? נעם אַראָפּ פון טיש, העלף־צו הוסט ער. לאָז איך אים הוסטן. הוסט ער אַזוי לאַנג ביז ער ווערט מיד. אַז ער האָט זיך שוין גוט אויסגעהוסט, רופט ער זיך אָן: „אפשר איז

עפּעס דאָ צו נעמען אין מויל אַריין ?" איז וואָס־זשע זאָל איך אים ענט־פערן, וואָס ? ענטפער איך אים : „קדחת מיט כשר'ע פּאָדים איז דאָ !" שרעקט ער זיך, מיינט איר, איבער ? — אסור ! ענטפערט ער מיר : „ווייסט וואָס, מיין טייער ווייב, גיב מיר די פּאָדים און דאָס איבריקע נעם דיר !" הייגט, איז עפּעס אַ וואונדער וואָס דער שטעקן פון דער אַלטער באַרשט איז געפלויגן ? אַז נאָר מיט וויצעלעך און שטעכווערטלעך האָט ער ליב מיר די גאַל צו נעמען.

אַז ס'זענען פאָרגעקומען די גרויסע לופט־אָנפאַלן, די פאַרשאָלטענע „עיר־רעידס", ווען מ'האָט זיך אַלע מינוט געזען מיט'ן מלאך־המות, האָב איך אויסגעהאַנדלט אַ שטיקל לייוואַנט און עס אַוועקגעטראָגן צו מיינס אַ באַקאַנטן שניידער, אַז ער זאָל מיר אויפנייען תכריכים. מ'איז דאָך נישט מער ווי אַ זינדיקער מענטש און דאָס לעבן הענגט דיר אויף אַ האָר. דערצייל איך עס אים, מיין טייערן „געשפּאַן". ווערט ער מיר מיטאַמאָל געטריי און רופט זיך אָן : „חיים דעם הינקענ־דיקן האָסטו געגעבן צו נייען ? אַט דער קוואַטשניק וועט דאָך דיך אָפּ־האַלטן גאַנצע זעקס וואָכן !"... איז עפּעס אַ חידוש וואָס איך האָב אים פאַר זיין ג ו ט ס ק י י ט באַצאָלט ווי ס'קומט אים ?

אַז איך זאָל אייך נעמען דערציילן פון זיינע שטיקלעך וועט איר זיך ביים קאָפּ אָנכאַפּן. איך האָב זיך, נישט היינט געדאַכט, פאַרקילט און בין געוואָרן הייזעריק ווי די וואַנט. אַ וואָרט נישט געקענט אויס־רעדן. איך בין, לא־עליכם, געווען גוט קראַנק. האָט ער גע־רופן אַ דאָקטאָר. הער איך ווי דער דאָקטאָר פרעגט אים : „אייער פרוי איז שוין לאַנג קראַנק ?" ענטפערט ער, מיט אַ חכמה'לע, ווי זיין שטייגער איז : „אויב זי וועט קרענקען נאָך זיבן וואָכן, וועט זיין פונקט צוויי חדשים !" נו, האָב איך שוין נאָכדעם, מיינט איר, געקענט איינליגן ? ווי קראַנק איך בין געווען, האָב איך אים שוין געמאַכט דעם אמת'ן סילוק.

יאָ, אַן ענלעכע געשיכטע האָב איך מיט אים געהאַט ראש־חודש אלול אויפ'ן גוטן־אָרט. מיר זענען געגאַנגען אין עדמאָנטאָן אויף קבר־אבות. זאָגט ער צו מיר : „דו הערסט, מיין טייער ווייב, אַז דער אויבערשטער וועט אונז שענקען דאָס לעבן, וועסטו דאָ ליגן !" הייגט, קענט איר מיר נעמען פאַר אומגוט, אַז ער האָט געכאַפּט אַזאַ סטוסאַק, אַז ער איז גלייך אַריינגעפלויגן אין אַן אָפענעם קבר ?

אַזאַ פינסטער־לעבן האָט מען אַז אַ מאַן האָט נישט קיין מורא פאַר אַ ווייב. ווי זאָגט מיין מאַמע : „מזל! מזל דאַרף מען האָבן !" אַז מ'האָט מזל, ציטערט אַ מאַן ווי אַ בלאַט און ס'נעמט אים אָפּ הענט און פיס, ס'כאַפּט אים די נכפה !

סדר־נשים

אדער: פון א ווארט א קווארט!

ניט קיין טעאַטער־שפּיל נאָר
אַן אמת פון אַ גאַנץ יאָר.

פּאַרשוינען:

די פּאַרשוינען קענט איר מסתמא גאַנץ גוט. איר באַגעגנט זיך מיט זיי דאָס גאַנצע קיילעכדיקע יאָר. דערפאַר איז אפשר שוין נישט נויטיק אָנצורופן זיי מיט זייערע נעמען. יעדנפאַלס, וועלן מיר פון יוצא־וועגן אַוועקשטעלן אַ פּאָר נעמען:

מיסעס פּאַמפּקין — די באַלעבאָסטע. הייסט אייגנטלעך „פּעמפּיקאָוויטש“, נאָר „פּאַמפּקין“ איז ענגלישער.

געסט — מיסעס טשאָלנט, מיסעס פּעסל, מיסעס פּישטראָן, מיסעס שמאַלץ און מיסעס שלאַק.

סצענע:

(אַ שבת אָדער זונטיק נאָכמיטאָג ביי מיסעס פּאַמפּקין אין הויז. מיסעס פּאַמפּקין שטייט ביים שפּיגל און פּוצט זיך. זי דערוואַרט געסט — די מיסעס פּישטראָן און מיסעס שמאַלץ, מיט וועלכע זי האָט זיך באַקענט ביים „סי־סאַיד“. ס'הערט זיך אַ „נאָק“ אין טיר. מיסעס פּאַמפּקין כאַפּט אַ בליק דורכ'ן פענסטער און ווערט אַן אויפגעקאָכטע)

מיסעס פּאַמפּקין (צו זיך): קאַכט זיך, ס'איז זי, די גרינע טשערפּאַכע. יאָ, מיר זאָלן אַזוי לעבן, ס'איז טאַקע זי. זע נאָר, זע, ווי זי האָט זיך אויסגעפּוצט. ווי צערקעלע צום גט! ווער דאַרף איר דאָ, ווער? ווער האָט נאָך איר געשיקט? זי וועט דאָך מיר אויפפרעסן, אַלץ וואָס איך האָב אָנגעגרייט. נאָ, נאַדיר גאָר אַזאַ'ן אומגליק.

(גייט אַרויס, עפנט די פראָנט־טיר און מיט אַ פריילעכער מינע רופט זי אויס):

— האָ, אַ גאַסט, אַ גאַסט, אַן אָנגעלייגטער גאַסט. איך האָב שוין פּשוט געבענקט נאָך איר, מיסעס טשאַלנט. אָזאַ צייט איך נישט געזען. קומט־זשע אַריין אינסאַיד. קומט אַריין אין דער פּאַרלאָר.

(זי פירט אַריין די מיסעס טשאַלנט, לאָזט איר גיין פאָראויס און מאַכט הינטער אירע פּלייצעס מאָדנע גרימאַסן, ס׳הייסט: „מ׳דאַרף איר דאָ נויטיק האָבן". און זער גאַסטפריינדלעך רופט זי זיך אָן):

— ווער האָט אייך געמאַכט דעם קאָסטיום? מיר געפעלט דער קאָט אין די בעק. דער שניידער האָט אייך הינטן וואַנדערפול איינגעשניטן.

(מיסעס טשאַלנט וויל נישט אויסטון, נישט דעם „העט" און נישט דעם „פאָקס". זי זעצט זיך אַוועק אַן אָנגעצויגענע, שטייף ווי אַ מאַנעקין. אויף צופיקעניש איז זי דאָ אַהער געקומען. מ׳זעט אַז זי איז מער נישט אויסן, ווי „נעמען די לעבער" מיט איר נייעם „קאָסטיום" און „דאָבל־פאָקס". דערווייל הערט זיך אַ „נאָק". מי־סעס פּאַמפּקין יאָגט זיך עפענען די פראָנט־טיר. זי מיינט, אַז דאָס זענען אירע דערוואַרטעטע געסט, אָבער ס׳איז גאָר אַ צווייטער אומגליק: מיסעס פעסל מיט איר גרין אויסגעדאַרט טעכטערל סיידי. אַז זיי גייען ביידע אין גאַס דאַכט זיך, אַז ס׳קאַטשעט זיך אַ פעסל און ס׳לויפט נאָך אַ שטעקן. מיסעס פעסל איז אויסגעפּוצט אין אַ נייעם קאַראַקולענעם פוטער־מאַנטל און אַ „קאָזאַק־העט". וואָס מיסעס פּאַמפּקין האָט איר אין יענעם מאָמענט אין האַרצן אָנגעווינטשן, מעג עס אונזערע שונאים אָנקומען כאָטש אַ העלפט. פונדעסטוועגן האָט זי זיך מיט אַ ברייטקייט אָנגערופן):

— איי־איי, וועמען מ׳זעט דאָ אַלץ! (ביי זיך אין האַרצן טראַכט זי זיך: „הלואי וואָלט מען אייך נישט געזען!") **קאַם־אין אַ מינוט!**

מ י ס ע ס פ ע ס ל (צעעפענענדיק דעם פוטערנעם מאַנטל אַזוי אַז מיסעס פּאַמפּקין זאָל אויך זען די נייע קלייד אירע): **מיר גייען דאָ אַדורך, זאָג איך צו סיידי׳ן, פאַרוואָס זאָל מען נישט אָפּטרעטן ביי דער מיסעס פּאַמפּקין און זען וואָס זי מאַכט?**

מ י ס ע ס פּ אַ מ פּ ק י ן: שור, שור! אָבער קומט אַריין אינע־ווייניק וועט איר האָבן אַ קאָפּ־ע־טי. ס׳זענען דאָ נאָך געסט.

(אַז מיסעס פעסל האָט דערהערט, אַז ס׳זענען דאָ נאָך געסט, מוז זי שוין אַריינגיין. ראשית, איז זי טשיקאַווע צו וויסן, ווער זענען עס די „גרויסאַרטיקע" געסט, וואָס קומען צו מיסעס פּאַמפּקין אויף טיי. צווייטנס, זאָלן די געסט אויך צעפּיקעט ווערן פון איר נייעם

פוטער־מאַנטל. אגב, טראַכט זי זיך, האָט זי, מיסעס פּאַמפּקין, אַ וואָרט נאָך נישט דערמאָנט וועגן איר נייעם „קאָוט און העט", כאָטש זי האָט געזען אַז די אויגן זענען ביי דער פּאַמפּקינעכע גוט אַרויסגעקראָכן. די מיסעס פּאַמפּקין, באַשליסט זי ביי זיך, וועט נאָך ביי איר היינט מוזן די גאַל אויסשפּייען, פּלאַצן פאַר קנאה. זי גייט אַריין מיט׳ן מאַנטל און מיט׳ן הוט אין דער „פּאַרלע". דערווייל הערט זיך ווידער אַ „נאָק". מיסעס פּאַמפּקין כאַפּט אַ בליק דורכ׳ן פענסטער און דערזעט, אַז דאָס זענען אירע ריכטיקע געסט: מיסעס פּישטראָן און מיסעס שמאַלץ. זי עפנט גיך די טיר און צו איר דערשטוינונג געפינט זי אויפ׳ן שוועל נאָך צוויי פרויען! גאָר אומבאַקאַנטע)

מיסעס פּישטראָן: האַלאָו, מיסעס פּאַמפּקין, האַו־ד׳יו־דו? (אָנווייזנדיק אויף די צוויי אומבאַקאַנטע פרויען) דאָס האָב איך אייך געבראַכט די געסט: מיין שוועגערין מיסעס שלאַק און איר יונגע שוועסטער דעיזי. זיי האָבן נישט געהאַט וואוהין צו גיין דעם נאָכמיטאָג, האָב איך צו זיי געזאָגט: קומט מיט מיר! מיסעס פּאַמפּקין וואָנט־מיינד, שי איז אַ דיער!

מיסעס פּאַמפּקין: שור־נאָט! וואַי־נאָט? קאַם־אין! ס׳זענען דאָ נאָך געסט. יו־נאָו, ביי מיר איז אַן אָפענע טיר. ווער ס׳גייט דאַ אַדורך שטעלט ער אַריין אַ פוס.

(די לעצטע ווערטער רופט זי אויס אויף אַ העכערער אָקטאַווע, כדי די אינעווייניקסטע געסט זאָלן עס טאַקע הערן. זי פירט אַריין די נייע אָנגעקומענע געסט. שטעלט זיי פאָר. אויך זיי, די נייע געסט, ווילן נישט אַראָפּנעמען זייערע הוטן און פוטער־מאַנטלען. אויך זיי זענען געקומען „שטעכן", אַרויסנעמען די אויגן. מיסעס פּאַמפּקין ווערט דערווייל „ביזי". זי נעמט גרייטן דעם טיש)

מיסעס פּישטראָן: צו וואָס דאַרפט איר אייך טראָבלען?

מיסעס פּאַמפּקין: בעליוו־מי, איך וויל שוין אַליין אויך אַ קאַפּ־ע־טי. איך האָב היינט געגעסן געהאַקטע לעבער מיט שמאַלץ, ברענט עס מיר, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַט־אַ־דאָ־אָ.

(ווייזט אויפ׳ן האַרץ. עפנט די טיר. שרייט אַריין אין קיך: עני, שטעל צו דעם „קעטל!" גייט צו צום „סייד־באָרד", נעמט אַרויס אַ טעלער מיט עטלעכע שטיקלעך „קייק")

מיסעס פּעסל: צו וואָס האָט איר עס געדאַרפט אַזוי פיל אָנגרייטן?

(יעדער איינער וועט מודה זיין, אַז ס'איז פון איר אַ חזיר'יי צו שטעלן אַזאַ פראַגע. וואָס האָט זי מורא, זי וועט האָבן ווייניק? און בכלל, ווער האָט איר איינגאַנצן געבעטן קומען? האָט איך טאַקע מיסעס פאַמפּקין גאַנץ קלוג אָפּגעענטפערט)

מיסעס פּאַמפּקין: אַנגרייטן? ווער האָט אַנגעגרייט? ס'איז געבליבן פון יום־טוב. איך האָב אַזוי פיל אָנגעבאַקן אַז כ'וועל עס דאַרפן אַרויסוואַרפן... (מיט אַ גיפטיק שמייכעלע) וואָס האָט איר, מיסעס פעסל, אויף היינטיקן יום־טוב געבאַקן?

מיסעס פעסל: פונקט היינטיקן יום־טוב האָט זיך מיר נישט געגלוסט צו באַקן.

מיסעס פּאַמפּקין (צו די געסט): איר האָט געמעגט פאַרזוכן מיסעס פעסל'ס געבעקס. איך האָב ביי איר פאַר־אַ־יאָרן פאַר פסח געגעסן אַ שטיקל שטרודל, ליגט עס נאָך מיר אין טעם.

(באַמערקונג: מיסעס פאַמפקין האָט אייגנטלעך געוואָלט זאָגן: „ס'ליגט נאָך ביי מיר אין מאָגן״, נאָר איר גאַסטפריינדשאַפט האָט עס איר נישט דערלויבט)

מיסעס טשאַלבּט (באַקאַנט אַלס נישט קיין גרויסע בריה אין באַקן): איר מיינט ס'לוינט אַליין צו באַקן? איך קויף רעדי־מעיד. גלויבט מיר, ס'איז אַלץ איינס.

מיסעס שמאַלץ: איר מיינט טאַקע אַז ס'איז דאָס זעלבע? — ראַביש! ווער ווייסט וואָס זיי לייגן דאָרט אַריין. איך האָב אַמאָל געקויפט אַ פּורים־קוילעטש. מיינעם האָט זיך פאַרגלוסט אַ פּורים־קוילעטש און אַז זיי, די מענער, פאַרגלוסט זיך עפּעס, איז דאָך פאַרפאַלן. נו, וואָס מיינט איר, האָבן מיר דאָרט אין פּורים־קוילעטש געפונען? ביי יור לאַיף — אַ בענדל פון אַ קאָרסעט! מיר זאָלןביידע אַזוי לעבן! מיינער האָט געזאָגט, אַז די בעקערין האָט געמוזט שלאָפן אין דער ראַשטשינע.

מיסעס פישטראָן: איך קען די שאָפּ־קייקס נישט טאַטשן. זיי אַגריען נישט מיט מיין אינסייד. איך באַקום גלייך אינדיקדזשעסטשן.

מיסעס שמאַלץ: איר סאָפערט אויך מיט אינדיקדזשעסטשן? ס'איז דאָך מיין קאָמפּליין. איך, אַז איך עס עפּעס אָפּ, מיין איך אַז ס'איז שוין גוד־באַי! דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל עסן וועדזשעטעבלס און אַ סך פרוכטן. טו איך טאַקע אַזוי: צו ברעקפעסט עס איך מיר אַ וועדזשעטעבל־זופּ. דערנאָך אַ אָמלעט מיט אַ סך ציבעלעס, קעז, דזשעם, און איך פאַרבייס מיר מיט אַ טין פיין־עפּל אָדער אַ וואָטער־מעלאָן. צו מיטאָג עס איך מיר ווידער אַ וועדזשעטעבל־זופּ מיט אַ שטיקל

זופּן־פלייש און אַ סך וועדזשעטעבלס. אַז ס׳פּאַרגלוסט זיך מיר עס איך דערנאָך אַ שטיקל טשיקן אָבער אויך מיט וועדזשעטעבלס. נאָכ׳ן עסן, עס איך מיר ערשט גאַנץ באַזונדער אַ ביסל וועדזשעטעבלס. דאַן, אַ שטיקל פּודינג, אַ לאָקשן־פּודינג פון אייער און שמאַלץ און ווי דער דאָקטאָר האָט געהייסן, מיט פּרוכטן. נאָך די געקאָכטע פּרוכטן, עס איך אַ ביסל רויע פּרוכטן — אַ זעקס אָרענדזשעס, אַ דריי באַנאַנעס און אַ צוויי פונט באַרן אָדער פלוימען. צום סאַפּער עס איך אויך וועדזשעטעבלס מיט פּרוכטן, און דערצו אַ שטיקל געפּרייטע פיש מיט טשיפּ־פּאַטייטעס און אַ צוויי־דריי סאַלט־ביף סענדוויטשעס. פונדעסטוועגן, פיל איך זיך נאָכ׳ן עסן נישט־גוט, אָפּטמאָל צום חלש׳ן.

מ י ס ע ס פ י ש ט ר אָ ן : און מיר האָט דער דאָקטאָר געהייסן עסן בלויז ווייס פלייש, קעלבערנס. יו־נאָו — וויעל־טשאָפּס. נו, וויפיל איז דער שיעור צו עסן וויעל־טשאָפּס, דאַכט זיך דריי מאָל אַ טאָג איז גענוג? און דאָך סאַפּער איך מיט׳ן אינדיקדזשעסטשן, אַז ס׳איז טעריבל.

מ י ס ע ס פּ אַ מ פּ ק י ן : איר עסט אייערע טשאָפּס נאָכ׳ן עסן אָדער פאַר׳ן עסן?

מ י ס ע ס פ י ש ט ר אָ ן : שורלי, נאָכ׳ן עסן. נאָכ׳ן ברעקפעסט עס איך מיר אַ טשאָפּ, נאָכ׳ן דינער אַ טשאָפּ און נאָכ׳ן סאַפּער אַ טשאָפּ. איך וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד: בייטאָג אַז ס׳ציט מיר דאָס האַרץ, מאַך איך מיר אויך אַ טשאָפּעלע. מיינט איר, אַז ס׳האָט מיר בעסער געמאַכט מיין אינדיקדזשעסטשן? — נעווער!

מ י ס ע ס פ ע ס ל : איר מיינט אַז די דאָקטוירים ווייסן עפּעס? זיי ווייסן בלויז צוצונעמען די פּאָר שילינג. ביז מ׳דערטאַפּט דעם רעכטן דאָקטאָר ווערט מען גוט אויסגעריסן. נעמט מיך. איך סאַפּער אויך, פאַר־געבן, מיט אַ ווייטאָק אין בויך נאָך יעדן עסן. איך האָב שוין מיט מיין בויך אָנגעשפּאַרט וואו נאָר אַ דאָקטאָר, און קיינער האָט מיר נישט צוגע־טראָפן. אַ שאָד יעטוועדער פּעני. נאָר לעצטנס האָט מען מיר רעקאָמענ־דירט עפּעס אַן אַלטן דאָקטאָר, אַ בחור, זאָגט מען, איז ער. איז זינט ער האָט מיך גענומען אין די הענט, פיל איך זיך אַ ביסל לייכטער.

מ י ס ע ס ש ל אָ ק : די אַלטע בעטשלער־דאָקטוירים זענען אָפּטמאָל בעסער ווי די נייע. נאָר זיי זענען שטענדיק נערוועז, בייז און אַ ביסל צודרייט. איך האָב אַמאָל אויך אַטענדעט אַזאַ דאָקטאָר, האָט ער געהאַט אַ משוגעת, הייסן יעדן פּאַציענט פערסטאָפּאַל זיך אַרומוואַשן אָדער נעמען אַ וואַנע. איך זאָג אייך, אַז די בעטשלער־דאָקטוירים זענען פּאַטי.

מ י ס ע ס ט ש א ל נ ט: אויב איר רעדט פון צודרייטע דאָק־טוירים וועל איך אייך דערציילן אַ שיינס פון מיינס אַ דאָקטאָר. איך האָב געהאַט אַ דאָקטאָר, איז ער געווען אַ פרומער. ער האָט געדאַוונט יעדן טאָג. קום איך איין מאָל אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט אַריין צו אים מיט מיין קאָמפּליין. איך האָב חעמאָלט געמיינט אַז איך האָב אַן אַפּענדיקס. הייסט ער מיר זיך אויסטון. טו איך זיך אויס און לייג זיך אַוועק אויף דער זאָפקע. ערשט, ער שטעלט זיך דאַוונען מנחה. וויפיל מיינט איר בין איך עס אַזוי געלעגן? אפשר אַ האַלבע שעה, און ער איז זיך געשטאַנען שמונה־עשרה. היינט, קען יו ביעט איט?

(פלוצלינג הערט זיך אַ געשריי פון קיך: „מאַמע, די מילך לויפט!" מיסעס פּאַמפּקין לויפט אַרויס מיט אַן אימפּעט. פון קאָרידאָר הערן זיך אירע קולות: „אַ ניכפה זאָל אויף אייך נישט קומען! וואו זע־נען אייערע אויגן געווען? בלינד זאָלט איר נישט ווערן!" זי קומט צוריק פאַרפּלאָמט)

מ י ס ע ס פ אַ מ פּ ק י ן: ס'איז געשען אַן עקסידענט. מיר וועלן טרינקען טי אָן מילך נאָר מיט לעמאָן. שאַט, איך האָב איינגעמאַכטס. איך האָב איינגעלייגט קאַרשן.

אַ ל ע צ ו ז אַ מ ע ן: איר האָט אויך איינגעלייגט? איך אויך! מיינער האָט ליב איינגעלייגטס. אייערע אויך? מיינער אויך! אייערע!... מיינער!... מיינער!... אייערע!...

(און די ווייבער לאָזן זיך דאָ אַוועק אין אַ נייעם געשפּרעך: צי לימענעס אָדער קאַרשן „אַגריען מיט'ן אינסייד" אָדער נישט? צי זויערע זאַכן זענען גוט פאַר'ן מאָגן אָדער נישט? וואָס זאָגן די דאָקטוירים? דערביי האָט יעדע אידענע שוין אַ נייע מעשה צו דערציילן, און אַ מעשה אויף אַ מעשה. די מעשה'ס לאָזן זיך ביי זיי גאָרנישט אויס. זיי נודיען אַזוי לאַנג ביז דער זאַגענאַנטער טעאַטער־פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ מיט אַ קנאַק און — גענוג גענודיעט!)

אין די
יום־טוב׳דיקע טעג

דער אלול־יאַריד

דער אלול־יאַריד איז שוין אין פולן ברען.

ביז איצט האָט זיך אין וויטשעפל גאָרנישט געפילט, אַז ס׳איז אלול אויף דער וועלט. מיר האָבן זיך גאָר פאַרגעסן, אַז מיר דאַרפן זיך אַ גוט־יאָר אויסבעטן. איצט שמעקט שוין די לופט מיט „ימים־נוראים״.

די גאַסן זענען באַקלעפּט מיט חזנים, וועלכע ווינקן צו דיר פון די ווענט אַראָפּ מיט זייערע קאָזאַצקע יאַרמולקעס אויף די קעפּ און שמאָלע טליתים׳לעך אויף די אַקסלען.

אַרום די גראַמאַפאָן־געשעפטן שטייען קופּקעלעך אידן מיט אידע־נעס און הערן־זיך־צו „מיט קאָפּ״ צו די ראש־השנה׳דיקע תפלות, וואָס יאָסעלע ראָזענבלאַט, סיראָטא, הערשמאַן און אַנדערע זינגען אַרויס פון „קעסטל״.

שטייען זיי מיט זייערע אלול׳דיקע פּנים׳ער, איינער אויפ׳ן צווייטן אָנגעלענט. די אויגן באַצערט, די אויערן אויפגעשפּיצט און מיט אַ קרעכץ און מיט אַן „אוי!״ שמעלצן זיי זיך אין נחת.

אין די שולן און פונדרויסן ביי די זאַלן, קינאָס און טעאַטערס גייט דערוויל אַן אַ לעבעדיקער האַנדל. די תפלה־סוחרים שטייען ביי זייערע טישלעך און שרייען אויף דער אויבער „צע״:

— קונים אַהער! קויפט אייך אַ „גוט־יאָר״! אַ פיין שטיקעלע „המלך״! אַ האַרציקער „ומפני חטאינו״! אַ קנאַקעדיק „וכל מאמינים׳דל״! ביליק! אַ מציאה!

אָבער די קונים זענען פּיפיקע ביזנעס־לייט. זיי לאָזן זיך נישט „אָפּ־פּרייערן״. זיי ווייסן, אַז ווען זיי קויפן אין וויטשעפּל אַן ארבוז הייסן זיי זיך אים עפענען און בעטן אַ שטיקל צו פאַרזוכן.

און דאָס זעלביקע איז ביי זיי מיט אַ חזן אויף די ימים־נוראים. זיי וואַרטן אויף דער סליחות־נאַכט. ווען דער חזן דעמאָלט „דעליווערן די גודס״, דערלאַנגען די סחורה, אַזוי אַז מ׳זאָל זיך פּאַסמאַקעווען, ווען מען די סחורה פאַרצוקערן. אלא נישט, מעג ער זיך, דער סוחר דאָרט, זיין „סטאָק״ איינפּעקלען.

אלול־ביזנעס!

מילא, איז דאָס אַן עסק פאַר די, וואָס האָבן די מטבע. זיי קענען זיך פאַרגינען צו יאַרידעווען, אַרומצוגיין „איבער די סטאָלס״, אַרומשלייען זיך

אויפ׳ן מאַרק פון איין טישל צו אַ צווייטן; אַרומטאַפּן, פאַרזוכן און אויס־דינגען דאָס בעסטע. אָבער די קבצנים, זיי איז נעבעך ביטער און פינס־טער. אַ געלט קען מען אין ערגעץ נישט אָנקומען, אפילו נישט צום קודשא־בריך־הוא.

ביים טויער פון „גאָט׳ס־הויז״ שטייט אַ פּאָליסמאַן אָדער סתם אַן „עשו״ מיט אַ פּאָר געזונטע ידים. האָסטו אַ טיקעט, טאָ גיי בעט זיך אויס אַ גוט יאָר. אלא נישט — שאַנעווע דיינע ביינער! סיידן דו טוסט זיך אָן אַ פּאָר „באָקסינג גלאָווס״ און ווי אַ „באָקסינג־טשעמפּיאָן״ קעמפסטו אויס דיין וועג צו גאָט.

איך דערמאָן זיך: פאַר־אַ־יאָרן ראש־השנה איז אַ יונגערמאַן צוגעקומען צו אַ „האָל״, וואו מ׳האָט געדאַווענט און האָט געבעטן, אַז מ׳זאָל אים אויף אַ מינוט בלויז אַריינלאָזן צו זיין ברודער, צוליב עפּעס אַ וויכ־טיקע טעלעגראַמע, וואָס ס׳איז אָנגעקומען. האָט אים דער שמש אָפּגע־מאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און זיך אָנגערופן מיט אַ ירגזון:

— דו, זשוליק איינער! מיך וועסטו גענאַרן? דו, פּושע־ישראל! דו מיינסט איך ווייס נישט, אַז דו ווילסט זיך אַריינ׳גנב׳ענען כדי צו קענען אָפּדאַווענען? די צורה דאַרף מען דיר צופּראַסקן פאַר אַזעלכע שמד־שטיק, דו משומד וואָס דו ביזט!

היינט איז עפּעס אַ וואונדער, וואָס קבצנים מערן זיך, אַז מ׳לאָזט זיי נישט צו צו גאָט.

האָבן מיר דאָך אָבער אַ קהלה־קדושה, אַ „יונייטעד־סינאַגאָג״ מיט אַ „דזשואיש־וועלפער״, וואָס באַזאָרגט די ווייטשעפּלער קבצנים מיט פרייע שבתים, פרייע סדרים, פרייע דאָקטוירים, פרייע אַדוואָקאַטן, קורץ: מיט אַלץ וואָס זיי, די קבצנים, נויטיקן זיך, אַחוץ פּרנסה. באַזאָרגט זי זיי אויך מיט אַ „גוט־יאָר״. ס׳הייסט: מיט אַן אומזיסטן דאַווענען אויף די ימים־נוראים.

געפעלט עס נישט דעם עולם. ער מורמלט:

— סוף־כל־סוף איז עס „לחם־עוני״, געבעטלט־ברויט! און ווי ס׳זאָל נישט גוט זיין — טויג עס נישט.

און די עיקר טענה איז:

— דער חזן דאַרט איז נישט אַזאַ „איי־איי״!

אַ איד איז אַ מבין אויף אַ שטיקעלע נגינה. אין יעדן אידן שטעקט, ווי פּרץ זאָגט, אַ שטיק בעלעמער מלמד — אַ שטיק חזן!

די ראש־השנה׳דיקע תפילות ליגן דאָך ביי אַ אידן אויף דער צונג. זיצנדיק ביי דער מאַשין וועט ער איך אָפּשטעפּן אַ „מכלכל־חיים״ און קלאַפּנדיק אַ זויל וועט ער איך אויסהאַמערן אַ „היום־תאמצנו״.

דערפאַר איז מדרך־הטבע, אַז ס׳קומט ראש־השנה ווילט זיך אים

הערן עפּעס נייעס; אַזוינס, וואָס זאָל „בעמוען״, וואָס זאָל געבן אַ „צופּ״.

פאַרוואָס־זשע נעמט טאָקע די „יונייטעד־סינאַגאָג״ נישט צו אַ חזן און „איי־איי״? אַז אויב יאָ טון אַ מצוה, טאָ פאַרוואָס נישט מיט׳ן פולען האַרצן?

איז דער תירוץ: פאַרוואָס טאָר אַן אָרימאַן נישט עסן קיין סמעטענע? פּשוט, ווייל ער איז נישט חולה צו עסן קיין זויער־מילך!...

באין־ברירה דאַווענען זיי, די קבצנים, אין די „פרייע סערוויסעס״, אָבער אויף די ליפּן זייערע געפינט זיך אַן אַנדער תפלה:

— העלף מיר, גאָטעניו, אַז איבער־אַ־יאָר זאָל איך זיך קענען קויפן אַ טיקעט צו הערן אַ לייטישן חזן און נישט דאַרפן אָנקומען צו קצבה.

אָבער זייער געבעט ווערט נעבעך נישט דערהערט. ס׳איז „מפטירין כדאתמול״. אַלץ בלייבט ווי פאַר־אַ־יאָרן.

וואָרום דאָרט אויבן פירט זיך פּונקט, ווי ביי אונז אונטן.

צוערשט, ווי דער שטייגער איז, נעמט מען אויף די תפלות פון די גבירים. מ׳וועט דאָך נישט לאָזן קיין גביר וואַרטן ביי דער טיר. אַחוץ דעם זענען זיי בענטער צו גאָט ווי די קבצנים. זיי זיצן דאָך עפּעס אויבן־אָן, ביי דער מזרח־וואַנט. זיי האָבן דאָך די ערשטע „סיטס״, די פאָדער־שטע רייען.

וואָס־זשע בעטן זיי, די גבירים? זיי „קאָמפּליינען״! זיי טענה׳ן, אַז זיי האָבן דעם פאַרגאַנגענעם יאָר נישט געהאַט גענוג פאַר זייערע הצטרכות׳ן, זיי דאַרפן האָבן אַ סך מער. און באמת דאַרפן זיי דאָך עפּעס טאָקע; ווייל האָבן, וואו צו לעבן און וואו צו זינדיקן.

פאָדערן זיי פונ׳ם רבונו־של־עולם אַן הוספה׳לע, אַ „רייז אין די ווידזשעס״. אויב נישט, סטראַשען זיי, וועלן זיי „געבן נאָטיס״ און — „גוד־באַי״! זיי וועלן ווערן אויס גבירים.

נעמט דער רבונו־של־עולם און איז ממלא זייער פאַרלאַנג. ער וועט דאָך נישט בלייבן אָן גבירים.

אַז די טשעקס פאַר די גבירים זענען שוין אויסגעשריבן, רופט אויס דער רבונו־של־עולם: „נעקסט־פּליז!״ און ס׳קאַטשען זיך אַריין די תפלות פון די קבצנים. בערג גאַנצע! אַ וועלט!

פרעגט דער רבונו־של־עולם: איז דאָס דער גאַנצער טראַנספּאָרט?

ענטפערט דער מלאך מטטרון: ס׳איז אפילו קיין צענט־חלק נישט. די קבצנים האָבן זיך היינטיקן יאָר אַזוי צעוואַקסן, אַז ס׳איז אַ גרויל.

גיט דער רבונו־של־עולם אַ קוק אויפ׳ן זייגער און רופט זיך אָן:

— ס׳איז שוין שפּעט. מיר האָבן נאָך היינט אַ סך אַרבעט. זעט אַ לאַנגען „סדר־היום״. און אויב מיר וועלן זיך פאַרנעמען מיט יעדער בקשה באַזונדער, וועלן מיר נישט אוספּייען אָפּשטעמפּלען אַלע קוויטלעך

און זיי אראפּלאָזן אין צייט. דערפאַר, שלאָג איך פאָר, אַז מ׳זאָל אַלע קבצנים אַפּפּאַרטיקן „אָן־בלאָק״. ס׳הייסט: אַז מ׳זאָל זיי געבן, דאָס וואָס מ׳האָט זיי געגעבן פאַר־אַ־יאָרן.

דאָס ווערט איינשטימיק אָנגענומען, און אַלע קבצנים׳ס קוויטלעך ווערן אָפּגעשטעמפּלט מיט׳ן פאַר־אַ־יאָריקן שטעמפּעלע.

און דערפאַר טאַקע ווערן די גבירים פון יאָר צו יאָר רייכער, און די קבצנים בלייבן ביי דעם, וואָס זיי פאַרמאָגן.

* * *

— עך, עך! — קרעכצט פאַר מיר ירוחם — ביי אונז אַ ראש־חודש אלול און דאָ אָן אלול!

ביי אונז האָט דאָך עפּעס אַלץ געציטערט; דער חזן האָט געציטערט, דער בעל־תקיעה האָט געציטערט, דער רב האָט געציטערט, די רעבעצין האָט געציטערט און אפילו די אפיקורסים האָבן געציטערט! וואָרום ווער ווייסט, האָבן זיי זיך געטראַכט, אפשר טאַקע יאָ? אפשר איז דאָך פאַראַן אַ בורא אין הימל? און אויב אַזוי איז טאַקע שלעכט! אַ קליינע־קייט: „מי יחיה״ און „מי ימות״? ס׳גייט אַדורך אַ גרויל איבער׳ן לייב. סוף־כל־סוף, שטאַרבן ווילט זיך קיינעם נישט.

יאָ! ס׳איז געווען „זמן ציטערותנו״. אָבער דאָ, אין דער מדינה, איז דאָך אַלץ „ביזנעס״. אפילו אַ ציטער טון קענסטו נישט אָן געלט, סיידן אין מיטן ווינטער אין אַ פראָסט.

נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן, אַז וואַלוואַרט פאַרקויפט — הגדות, סעלפרידזש — טלית־קטנ׳ס און קעטל־מאַרקעט — „סעקאָנד־הענטיקע״ מזוזות, מעג אַ חזן האַוונען אין אַ „גאַראַדזש״ און אַ בעל־תקיעה מעג אָנ־בלאָזן דעם עולם מיט׳ן „הוטער״... ס׳איז אַ מדינה! נו, יאָ!...

נאך ראש־השנה

זענען מיר, הייסט עס, עלטער געוואָרן מיט אַ יאָר. מיר אַלע, אַחוץ — די מיידלעך מיט די ווייבלעך. ווייל ביי זיי געשעט נאָך יעדן ביי־יאָר אַ גנבה; ס׳ברעכן זיך צו זיי אַריין גנבים און גנב׳ענען צו אַ... יאָר.

און אידן, וועלכע זענען בטבע נישט קיין קאַצענקעפּ, האָבן פאַרגעסן וואָס דער אַלטער תרח און בעל־עבירה׳ניק — דער פאַרגאַנגענער יאָר, האָט זיי אָפּגעשפּילט (אַזאַ יאָר אויף אים וואָס פּאַר אַ יאָר ס׳איז געווען!) און זיי האָבן דעם קליינעם וועוריק, דאָס ניי־געבוירענע יאָרל, מקבל־פּנים געווען מיט די געוועלעכע ווינטשן און „לשנה־טובה׳ס״.

סוחרים האָבן זייערע בעלי־חובות געוואונטשן: „זאָל אייך גאָט געבן מתושלח׳ס יאָרן, אַז איר זאָלט דערלעבן אונז אָפּצאָלן די חובות!״

„באַרבערס״ האָבן זייערע „קאַסטומערס״ געוואונטשן: „זאָל נאָר ביי אייך האַלטן אין איין וואַקסן און וואַקסן!״

„לענדלאָרדס״ האָבן זייערע שלעכטע „טענענטס״ געוואונטשן: „לשנה הבאה — זאָלט איר מיר שוין זיין — בירושלים!״

דאַונערס האָבן געוואונטשן די פריש־געבאַקענע חזנים: „דערלעבט איבער אַ יאָר און דאַוונט ווייטער!״ — ס׳הייסט: אַ ביסל ווייטער פון דאַנען!...

און די שולען מיט די מנינים זענען געווען איבערגעפּאַקט מיט גוט־יאָר־זוכנדיקע־אידן, וועלכע האָבן די הימלען געשטורעמט.

די קהל׳שע קאָכלעפל, וואָס האָבן זיך ליב צו קהל׳ן און מאַכן אַ פּוסטן טאַראַראַם, האָבן געבעטן: „אבינו־מלכנו מלא ידינו!״... געב אונז, גאָטעניו, עפּעס אין האַנט אַריין.

כלה־מיידלעך האָבן געבעטן: „חדש עלינו שנה־טובה!״ — זע גאָט, אַז מיר זאָלן נישט עלטער ווערן... און זאָלסט אונז היי־יאָר באַשערן דעם אמת׳ן „הבן יקיר לי אפרים״, וואָס זאָל שרייבן תנאים.

ווייבער האָבן זיך צולאָזט מיט די „שלש עשרה מ א ד ע ס!״... און האָבן אין גאָט׳ס־הויז געמאַכט אַ „פעשאָן פּאַרעיד״... אַ גאַנצע מאָדע־אויסשטעלונג.

און אַ סך חזנים, דראַפּנדיק זיך אויף דער „אויבער־צע״, זענען נע־בעך הייזעריק געוואָרן — דאָס ערשטע שטיקל נחת, זאָגט ירוחם, וואָס מיר האָבן שוין געהאַט פונ׳ם נייעם יאָר.

אין איינער פון אונזערע שולן, דערציילט ירוחם, האָט געדאַוונט אַ חזן אַ וואונדער. ס׳הייסט: ס׳איז געווען אַ וואונדער וואָס מ׳האָט אים נישט קיין רוק־און־לענד צובראָכן. האָט דאָרט איינער פון די מתפללים געקויפט אַן עליה און האָט מנדר געווען:

— פאַר דער שול—אַ פויגל! פאַר׳ן רב—אַ חצי־פויגל! פאַר׳ן שמש — ח״י באַש! און פאַר׳ן חזן — שני־גינעס!

האָט דער עולם מיט אים איינגע׳טענה׳ט:

— סטייטש, וואו איז יושר? פאַר דער גאַנצער שול בידנע „פייף־באַב״ און פאַר׳ן חזן, וואָס דאַוונט ביי אונז צום ערשטן און אפשר צום לעצטן מאָל, גאַנצע צוויי גינעס! היתכן?

האָט זיי דער עולה־לתורה גאַנץ קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— איך האָב אויף קיינעם נישט אַזאַ רחמנות ווי אויף אַ וויסטע־קאַליקע!

אָבער נישט אַלע חזנים, זאָגט ירוחם, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר קאַליקעס. אַנדערע האָבן זיך גאָר אַנטפּלעקט פאַר וואונדערבאַרע שוחטים — זיי האָבן אָ וו ע ק ג ע ק ו י ל ע ט די עברי! און אַנדערע פאַר קאַלאַניסטן — זיי האָבן ג ע אַ ק ע ר ט מיט דער נאָז איבער אַ שטיקל פיוט אין מחזור.

אין „אידישן טעאַטער״ האָט דער שטן פון „גאָט, מענטש און טייוול״ זיך אַריינגעכאַפּט צום בעל־תקיעה אין שופר אַריין און האָט זיך דאָרט צוליגט, ווי ביים טאַטן אין ווייגאַרטן. דער בעל־תקיעה האָט זיך דעם איינגעווייד אַרויסגעבלאָזן, כדי דעם בעל־דבר אַרויסצוטרייבן, נאָר אַרויס־געטריבן האָט אים גאָר אימיצער אַנדערש; אין טעאַטער זענען אַריין הערן שופר־בלאָזן די געוועזענע כאָר־מיידלעך, די „ביוטי־קווינס״, און באַלד, ווי דער שטן האָט אויף זיי אַ קוק געטון, איז ער אַנטלאָפן, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט...

דער תשליך איז ביי אונז אַריבער בשלום, נישט מער, וואָס ביי דער טעמזע איז פאָרגעקומען אַ שטיקל סומאַטאָכע: באַווייבטע מענער האָבן געוואָלט אַריינוואַרפן אין וואַסער זייערע... שדכנים. ירוחם איז אויך שיעור נישט אין וואַסער אַריינגעוואָרפן געוואָרן צוליב אַ „גוט־וואָרט״, וואָס ער האָט געזאָגט זיין ראַשע־גיטל׳ן ביי תשליך. ער איז פשוט אַ בר־מזל, וואָס ער דרייט זיך אַרום אַ טרוקענער. ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט זאָגן איר אָט וואָס:

— צו תשליך דאַרף מען אַלע ווייבער אַריינוואַרפן אין טייך, אַחוץ דיך. וויל צו תשליך, פאַרשטייסטו מיך, דאַרף מען אַריינוואַרפן בלויז די עבירות און אַ ל ע ווייבער איז דאָך אַן ע ב י ר ה אַריינצוואַרפן. ממילא הייסט דאָך, אַז מ׳וואַרפט אַריין עבירות. אָבער דיך, מיין טייער

ווייב, איז דאָך אַ מ צ ו ה, אַריינצוואַרפן און אַ מצוה וואַרפט מען נישט אין וואַסער אַריין!

אַזוי האָט ירוחם מיט זיין פילאָזאָפישן מוח אויספילאָזאָפירט, און בשעת־מעשה זיך אָפּגערוקט פון וואַסער, ווייל דאָס האַרץ האָט אים גע־זאָגט, און ער האָט עס טאַקע געזען בחוש, אַז אַט־אַט וועט ער זיין אַן אָפּגע׳טובל׳טער...

* * *

איצט האַלטן מיר ביי כפרות־שלאָגן. נאָר מיר ווייסן נישט וואָס׳אַראַ כפרה זיך אויסצוקלויבן. ווייל כפרות האָבן מיר אַלערליי: גוטע, שיינע, ריינע און פאַרשידענע אַנדערע.

אַ ג ו ט ע ־ כ פ ר ה, למשל, הייסט ווען אַ פרוי האָט חתונה געהאַט מיט אַ „פעריער״ און זי בעט פון אים יעדעס יאָר אַ פוטערנעם מאַנטל. קווענקלט ער זיך. גיט זי אויף אים דעם רעכטן קוק און רופט זיך אָן: „צו וואָס דען האָב איך דיך געדאַרפט? אויף אַ ג ו ט ע כ פ ר ה!״

אַ ש י י נ ע ־ כ פ ר ה הייסט: איר קומט אַהיים שפּעט ביי־נאַכט פון „שמעדריש״, וואו איר מיט אייערע חברים האָבן געלערנט אַ פּרק־אָקע. איר שליכט זיך אַריין בגנבה אין שלאָף־צימער, און מיינט, אַז „זי״ שלאָפט. פּלוצלינג אָבער טוט זי אַ שטעק־אָפּער דעם קאָפּ פון אונטער׳ן איבערבעט און שיסט אויס: „אַ ש י י נ ע ־ כ פ ר ה זאָל ער מיר זיין! ס׳איז דאָך שוין אודאי האַלב־פינף!״

אַ ש י י נ ע ־ ר י י נ ע ־ כ פ ר ה איז ווייטער אַזוי: איר האָט זיך אַרויסגע׳גנב׳עט פון הויז צו כאַפּן אַ קערטל ביי אַ שכן. נאָר אַרויס־גייענדיק פון דער טיר האָט איר זיך אויסגעגליטשט און זיך אויסגע־לענקט אַ פוס. אייער פלונית׳טע, דערהערענדיק דעם טראַך, איז העגדום־פּעגדום אַרויסגעלאָפן מיט אַ געשריי: „אַ ש י י נ ע ־ ר י י נ ע ־ כ פ ר ה! זאָל ער נישט קריכן וואו מ׳דאַרף נישט!״

איז עפּעס אַ וואונדער, וואָס מיר קענען זיך נישט צוקלויבן קיין כפרה? אַז ס׳איז דאָ אַזאַ רייכער אויסוואַל. דערפאַר וואָלט שוין אפשר גלייכער געווען, אַנשטאָט כפרות־שלאָגן זאָלן מיר זיך בעסער נעמען צו מלקות־שלאָגן. ווייל ביי מלקות איז גאָר נישטאָ וואָס אויסצוקלויבן. וואו מ׳וועט נאָר דערלאַנגען וועט זיין גוט־געטראָפן. ווי זאָגט מען דאָרט צו נעילה: „כל ראש לחלי״ — יעדע „מחילה״ איז ווערט דעם קאַנטשיק! זאָל נאָר זיין אַזוי פיל קאַנטשיקעס.

נאָר אונזערע „גדולים“ ווילן גאָר דעם מלקות־שלאָגן מדחה זיין אויף אַ צווייטן מאָל. זיי זענען איצט, זאָגן זיי, צו „ביזי“ זיך איבער׳ן בענקל אַריבערצולייגן. איינער אַ „גדול“ האָט שוין געלאָזט וויסן, אַז נישט געקוקט אויף זיינע רעליגיעז־סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען, וועט ער זיך היינטיקן ערב־יום־כפור נישט לאָזן שלאָגן קיין מלקות, ווייל ער זיצט און אַרבעט איבער אַן אומשטערבלעך ווערק, און וויל נישט אַז מ׳זאָל אים די רעיונות איבערשלאָגן...

מילא!

אַזוי זעט מען ביי אונז אויס אין די טעג פון אונזער הימלישן־יאַריד.

מאַלע וואָס אַ מענטש קוקט

ווי זאָגן אירע שכנים:

— ווען נישט דאָס פּנים אירס וואָלט זי געווען גאָר נישקשה פון אַ ווייבל. דאָס פּנים מאַכט פון איר אַ תל.

וואָס־זשע איז די צרה מיט איר פּנים? — די אויגן!

די אויגן זענען ביי איר אַ ביסעלע שיקלדיק, אַ קאַפּעטשקעלע קאַ־סאָקע און דערפאַר „אַז זי קוקט אויף די גענז, פּגר'ן די קאַטשקעס".

אַזוי זאָגן די שכנים.

אַחוץ־דעם האָט זי נאָך בירושה אַ בראָדעווקע אויפ'ן נאָז, וואָס שטאַרט בכבוד'יק אַרויס ווי אַ האָרנדל. אייגנטלעך איז עס קיין בושה נישט. אַזאַ האָרנדל אויפ'ן פּנים איז גאָר היסטאָריש. ושתי, דערציילט די געשיכטע, האָט אויך געהאַט אַזאַ האָרנדל, נאָר אויפ'ן שטערן. היות אָבער ווי די געשיכטע שטייט נישט אויף אַן אָרט, האָט זיך דאָס האָרנדל אַ ביסל אַראָפּגערוקט און האָט זיך באַזעצט אויפ'ן סאַמע שפּיץ נאָז פון אונזער יפת־תואר.

און מיט נאָך עפּעס האָט איר די נאַטור באַשענקט וואָס גיט איר צו גרויס חן: אונטער איר קיילעכדיק גאָמבעלע (דאָס צווייטע גאָמבעלע!) איז ביי איר אויסגעשאָטן אַ בערדל אַ שיטערס, אַ העל־בלאָנדס, וואָס איז ערטערווייז רויטלעך. אַזוי, אַז זי כאַפּט דעם אַנבליק פון אַ היימישן מלמד.

קורץ: קיין גרויסע יפהפיה איז זי, דאַכט זיך, נישט. אדרבה, מ'קען גאַנץ דרייסט זאָגן — אַ מיאוס'קייט. זאָגט מען טאַקע אַזוי. דערפאַר אָבער איז זי אַ גוטע, ווי די שכנים אירע, די נישט־פאַרגינערס, זאָגן: אַ גוטע מיאוס'קייט.

וועמענס איז דער דאָזיקער שיינער אוצר? נישט קיין אַנדערנס ווי ירוחם'ס. דאָס איז זיין באַשערטע, זיין ראַשע־גיטל. זאָל ער זיך מיט איר עלטערן אין עושר און אין כבוד און ווער ס'פאַרגינט אים נישט, דער זאָל אַליין נישט האָבן.

נו, אַז דער אויבערשטער איז אימיצן מזכה מיט אַזאַ מין „ביוטי־קאָמפּעטישן" פאַר אַ ווייב, איז ער דאַכט זיך אַ גליקלעכער מענטש. ער האָט נישט קיין מורא, אַז אימיצער זאָל זיך צו איר צולאַנטשן, וואַרפן אַן אויג, פּראַווען ראָמאַנטישע שטיק, שפּילן אין קונקל־מונקל

אָדער ברענגען אין שטוב אַריין שמעקעדיקע בלומען (מיט וואָס דאָס שמעקט ווייסן מיר!) און צום סוף מיט איר אָוועקגיין אין די פינסטערע „פיקטשעס“... הכלל, אָט פון די אַלע פּורעניות׳ן פון וועלכע מ׳באַקומט אַ שוואַך האַרץ, איז מען, אַז מ׳פאַרמאָגט אַזאַ מציאה, פּטור און — אַן עק.

נאָר, אַז ס׳איז באַשערט עגמת־נפש איז דאָך נישט שייך. דעמאָלט שיקט שוין דער שטן אימיצן צו וואָס נעמט דיך אויף דער העצקע. ער מאַכט צו דער יפהפיה דיינער פאַרשידענע חנ׳דלעך און דו — דו ברענסט ווי אַ פעפערל.

אַזאַ איבערלעבעניש האָט ירוחם געהאַט יום־כּפור צו מנחה ביי זיך אין שול.

אַז ס׳קומט יום־כּפור, דערציילט ירוחם, לויפט אַן אין שול אַריין אַ וועלט מיט פרעמדע מענטשן. „גאָט׳ס יערלעכע קאַסטומערס“ ווי ער רופט זיי. נישט ער האָט זיי אַמאָל געזען און נישט ער קען זיי.

זיצט נעבן אים אַן אומבאַקאַנטער איד מיט אַ זיידן טלית׳ל אויף די אַקסלען — אַ טלית׳ל ערשט פון „פּאַון־שאָפּ“ אַרויס — דעם קאָפּ זיינעם האַלט ער, דער דאָזיקער איד, פאַרריסן צו דער „עזרת־נשים“ און לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון דער ווייבערישער שול.

פאַרדריסט עס אים, ירוחמ׳ען. סטייטש, אַזאַ נאַכאַלסטוואָ? קאַרג אים, דעם חברה־מאַן, זיינע חפציות דעם גאַנצן קיילעכדיקן יאָר, מוז ער נאָך יום־כּפור אין אַ מקום־קדוש נאָכגעבן זיין טריפה׳נעם יצר־הרע?

אָבער ס׳האָט אים ערשט רעכט פאַרדראָסן, און ער איז ממש נבהל־ונשתומם געוואָרן, בעת ער האָט דערזען, אַז דער איד האַלט גאָר אין איין קוקן אויף ז י י ן פּלונית׳טע, אויף ז י י ן ראַשע־גיטל׳ן.

לכתחילה האָט ירוחם נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין קוקעניש. וואָס אַזוינס האָט ער ביי איר דערזען? נאָר צוריקגעשמועסט אַז זיין ראַשע־גיטל גיט זיך אַ פּוץ־אויס, זעט זי גאָרנישט אויס אַזוי גע־פערלעך.

און ירוחם הויבט אויף די אויגן צו דער ווייבערישער שול, כאַפּט אַ בליק אויף זיין ראַשע־גיטל׳ן, און פּלאַי־פּלאַים — זי הויבט אים גאָר אָן צו געפעלן. זי האָט מיטאַמאָל באַקומען חן און לייטזעליקייט אין זיינע אויגן. ס׳איז גאָרנישט די זעלביקע ראַשע־גיטל. די שיקלדיקע אויגן גיבן איר גאָר צו אַ באַזונדער שיינקייט, די בראָדעווקע אויפ׳ן נאָז איז עפּעס קלענער געוואָרן, אפילו דאָס בערדל אירס איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן.

נישט בחינם וואַרפט דער חברה־מאַן אויגן אויף איר.

פאַרשידענע מחשבות און כל־ערליי בייזע געדאַנקען לויפן פּלוצלינג אַדורך אין זיין מוח: ווער ווייסט — אפשר? און ער פרעגט זיך אַליין: צי איז עס טאַקע מעגליך? אין אירע יאָרן? אין די מיטעלע יאָרן? און

פאַרוואָס טאַקע נישט ? היינט איז אַזאַ וועלט, אַז אַלץ איז מעגלעך. עפּעס האָט ער געהערט אַז ס׳איז דאָ אַ פּעריאָד ביי מענטשן, לרוב ביי פרויען, וואָס מ׳רופט „דיינזשערעס איידזש״, די געפערלעכע עלטער. ס׳איז אַ צייט ווען די ווייבער שפּרינגען דעמאָלט אַרויס פון די האַלובליעס און גייען אַראָפּ פון דרך־הישר. איז שוין זיין ראַשע־גיטל, פּיקט אים אַ פינסטערער געדאַנק אין מוח, אַריבער דעם „דיינזשערעס איידזש״ ? ס׳איז אים אין דעם מאָמענט שווער צו דערגיין אירע יאָרן. תמיד, דאַכט זיך, האָט זי פאַרלייקנט איר אמת׳ן עלטער.

ער פילט, אַז דער מוח צינדט זיך ביי אים אָן. אָבער יענעם, דעם אומבאַקאַנטן אידן, אַרט עס, ווי ס׳ווייזט אויס, גאָר ווינציק. ער קוקט זיך אויף ראַשע־גיטל׳ן און שמעלצט זיך פון נחת.

אין ירוחם׳ס האַרץ צופלאַקערט זיך אַ קנאה־פייערל. ווען ס׳וואָלט נישט געווען יום־כפור, נישט אין אַ מקום־קדוש, און ווען ער וואָלט נישט געפאַסט, וואָלט ער פון דעם חוצפה׳ניק — קרעפּל־פלייש געמאַכט.

און ירוחם קען זיך שוין מער נישט איינהאַלטן און מיט אַ דער־שטיקטן כעס רופט ער זיך אָן צום פרעמדן אידן :

— ווי איך זע „ענדזשויעט״ איר זיך ביי אונז אין שול. אַנשטאָט צו קוקן אין מחזור אַריין האַלט איר אין איין קוקן אויף די נשים.

און דער איד ענטפערט זיך קאַלט און גלאַסן, מיט אַ בנעימות׳דיקן טאָן :

— ביי אידן הייסט עס שוין אַז איך קוק אויף ווייבער, בעת איגאַנצן קוק איך בלויז אויף איין אידענע.

„אויף איין אידענע״ — ברענט ירוחם׳ס מוח — אודאי איז דאָס זי ! ווער דען אַז נישט זי ? און אפשר נישט ? ער איז טשיקאַווע דעם אידן אַ פרעג טון. און מיט אַ געמאַכטן שמייכל אויף די ליפּן, אַ שמייכל וואָס שניידט אים אַדורך די נשמה, פרעגט ער :

— וועלכע אידענע מיינט איר עס ?

— אַט־אַ־די !

און ער האָט אים, ירוחם׳ן, אָנגעוויזן מיט׳ן פינגער אויף זיין פלונית׳טע, אויף זיין ראַשע־גיטל׳ן.

ירוחם האָט דערפילט, אַז עפּעס האָט זיך ביי אים אין האַרצן אָפּגע־ריסן. די געבליטן האָבן אין זיינע אָדערן געצומען שטראָמען שטאַרקער און שטאַרקער. ווען ער וואָלט געווען בכח, וואָלטן זיינע דאַרע פינגער זיך איינגעקלאַמערט אין האַלדז פון אָט דעם דאַזיקן פאַרשוין.

יאָ, ער פאַרשטייט שוין אַלץ. ער ווייסט שוין אַלץ. מ׳זעט דאָך עס אין די אויגן, זיינע אויגן און אירע אויגן (ווי זיי ברענען דאָס אַ ביסל !) ס׳איז קלאָר, ס׳איז די „דיינזשערעס־איידזש״. נאָר מחויב צו וואוינצן

מיט איר איז ער דאָך נישט. יאָ, ס׳וועט קומען צו אַ גט, ס׳מוז דערצו קומען.

אַזעלכע פינסטערע געדאַנקען פייניקן אים אין די דאָזיקע יסורים׳דיקע מאָמענטן. אָבער ער באַשליסט דערווייל זיך צו פאַרהאַלטן רויִק, קאַלט. פריער פון אַלץ מוז ער דעם ענין דערגרונטעווען ביז׳ן סוף. ער מוז אַלץ אויספאָרשן און דאָס קען ער נאָר טון אויף אַ געלאַסענעם אופן.

און מיט אַ געמאַכטער קאַלטקייט גיט ער דעם אומבאַקאַנטן אידן, סתם־אַזוי־זיך, אַ פרעג:

— וואָס־זשע האָט איר אַזוינס אין דער דאָזיקער אידענע הערזען?

גיט דער אומבאַקאַנטער איד אַ שמייכל אונטער די וואָנצעס און ענטפערט זיך גאַנץ סקלאַדנע:

— וואָס כ׳האָב דערזען, פרעגט איר? גאָרנישט! סתם! ס׳איז יום־כפור, מ׳פאַסט, ס׳האַרץ חלש׳ט, ס׳ציט, ס׳ווילט זיך עסן, איז ווען איך קוק אויף דער דאָזיקער יפהפיה, פאַרגייט מיר דער אַפּעטיט...

ירוחם׳ן האָט זיך אַ שטיין אַראָפּגעקייקלט פון האַרצן. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער דעם אומבאַקאַנטן אידן אויסגעקושט. אַבי ער האָט געמיינט, אַז ס׳איז עפּעס אַנדערש, אַז ס׳איז שוין די „דיינזשע־רעס־איידזש״, רחמנא־ליצלן. באַשערט געווען אומזיסט און אומנישט צו האָבן עגמת־נפש. מילא, זאָל ער דערמיט האָבן אָפּגעקומען פאַר זיינע זינד.

איך שטעל אויף א סוכה

אז א איד וויל היינטיקע צייטן אויפשטעלן א סוכה, דאַרף ער קודם־כל האָבן אן אייגן שטיקל באָדן, און דער עיקר — אויף אייגענער ערד. אזוי, אז די אָרעמקע שקצים און לאָבוסעס זאָלן נישט קענען פון די פענסטער זייערע וואַרפן שטיינער און אַריינשפּייען אין סוכה בשעת מ׳עסט. אָדער, ווי זיי טוען עס לעצטנס, נעמען און שניידן איבער אינגאנצן די שטריקלעך, וואָס האַלטן אונזער סוכה צוזאַמענגעבונדן, אזוי אז אין מיטן קידוש צעפאַלן די ווענט און דו בלייבסט אין הוילן לייבסערדאַק, אויסגעשטעלט צו אַלע בייזע ווינטן.

דאָס בעסטע שטיקל באָדן פאַר א סוכה היינט־צו־טאָג, איז אין ארץ־ישראל. ס׳האָט אָבער איין חסרון: ס׳הויבט זיך... פאַלט — און הויבט זיך ווייטער, און אויף אַזא באָדן קענסטו קיין סוכה נישט אויפשטעלן. דו ביזט מיט איר נישט זיכער. זי קען זיך נאָך, חלילה, איבערקערן.

מ׳האָט געטראָפן א מעשה, אז א איד, א באָדן־שפּעקולאַנט, האָט דאָרט אין ארץ־ישראל, אינ׳ם גרויסן „באָדן־בהלה״, זיין גאַנץ פאַרמעגן אַריינגעפּאַקט אין דער ערד. איז געוואָרן די מלחמה־מהומה און דער באָדן האָט גענומען פאַלן און פאַלן. פון צרות האָט דער שפּעקולאַנט גענומען א שטריק און איז זיך געגאַנגען אויפהענגען. נאָר בעת דער קאָפּ זיינער איז שוין געווען אין דער פּעטליע און ער האָט דאָס בענקל אונטער זיך אַוועקגעשטויסן, האָט זיך דער באָדן פּלוצלינג געגעבן א הויב... ביז צו די פיס זיינע. דער באָדן איז „געשטיגן״... און אזוי אַרום איז דער שפּעקולאַנט געבליבן שטיין אויף די פיס א לעבעדיקער... אַט אַזעלכע צרות האָט מען אויסצושטיין פון א נישט געזיכערטן באָדן. היינט, גיי שטעל אַוועק אויף אַזא שטיקל ערד א סוכה, אז איבער־נאַכט קען די סוכה דיינע אָנשפּאַרן ביי דער לבנה...

חוץ־לזה, קענסטו נאָך נישט אזוי לייכט אַריין אין ארץ־ישראל. דו דאַרפסט וואַרטן אויף אַן „עליה״ און דער גבאי־ראשון פון אונזער ארץ־ישראל׳דיקן בית־המדרש, ר׳ דזשאָן־בולקע, וואָס שטייט ביים פּאַלעסטינער באַלעמער און טיילט די „עליות״, איז נישט פון די וואָכנע געבערס. ער וועט אייך גיכער אַוועקגעבן אַלע עליות פון דער תורה, איידער איין „עליה״ קיין ארץ־ישראל...

בין איך מיר דערפאַר אַוועק זוכן א שטיקל אייגענע ערד ביי די טוּ־

ריטאָריאַליסטן. זיי, שמועסט מען, האָבן גאַנצענע בערג מיט טעריטאָריעס אויף אויפצושטעלן סוכות פאַר כל־ישראל. האָט מען מיך אין דער קראָם פון די טעריטאָריאַליסטן זער פיין אויפגענומען און מיר געוויזן די פאַר־שידענע מינים באָדנס, אויף וועלכע איך קען אויפשטעלן מיין סוכה. פון אַ זעקל האָבן זיי פאַר מיר אויסגעשיט אַלערליי קאָלירן ערד: געלע, רויטע, שוואַרצע, און מיט אַ זיס שמייכעלע האָבן זיי מיר אָנגעבאָטן צו נעמען וואָס מיין האַרץ גלוסט:

— אָט האָט איר, ר' איד, אַנגאָלאַ, אורוגוואַי, טשילי, עקוואַדאָר, מאַ־דאַגאַסקאַר. קלויבט אייך אויס וואָס ס'געפעלט אייך אַמבעסטן!

— וואָס הייסט איך זאָל מיר אויסקלויבן? אַ געשענקט פערד, זאָגט די וועלט, קוקט מען נישט אין די ציין אַריין! פאַר מיר איז אַלץ גוט, אַבי איך זאָל האָבן מיינע דלד־אמות אַוועקצושטעלן מיין סוכה. ווייל וואָס איז מיר די נפקא־מינה? אַן אָרימאַן, ווייסט איר דאָך, שטאַרבט דאָך קיינמאָל נישט. ער בייט בלויז זיין געלעגער; ד אָ ליגט ער אין דער ע ר ד און ד אָ ר ט ליגט ער אין דער א ד מ ה!

— אויב אַזוי — האָבן זיי מיר געענטפערט — אויב ס'איז פאַר אייך נישט קיין גרויסע נפקא־מינה, האָבן מיר פאַר אייך גאָר אַ וואוילע שטיקל קרקע, און איר קענט שוין באַצייטנס צונויפנעמען אייערע מטלטלים אויף אויפצושטעלן אייער סוכה. ווייל מיר קענען אייך בלויז געבן די קרקע, דאָס איבעריקע דאַרפט איר אייך אַליין טון...

בין איך מיר אַוועק בויען אַ סוכה.

קודם־כל, דאַרף מען צוזאַמענשלעפן די ווענט. ביי הייניקע ביטערע צייטן איז עס אפילו נישט קיין לייכטע זאַך, נאָר אַ איד מיט אַ שטיקעלע סמעקאַלקע אין מוח גיט זיך שוין אַן עצה. ראשית־חכמה, בין איך אַוועק צו די „יאַהודים“ און איך האָב פון דאָרט צוגענומען די מחיצה, די וואַנט וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט צווישן מיר און זיי — יענע אַלטע כינעזישע וואַנט, וואָס האָט זיי אָפּגעגרענעצט פונ'ם כלל־ישראל. ס'איז שוין לאַנג צייט געווען אַז די וואַנט זאָל צונומען ווערן.

האָב איך מיר שוין, הייסט עס, א י י ן וואַנט.

דערנאָך בין איך אַוועק צו אַ היגן גביר, אַ איד אַ קמצן, און איך האָב אים געבעטן, ער זאָל עפּעס געבן פאַר דער פוילישער הילפס־אַקציע. האָט ער זיך צו מיר אויסגעדריקט מיט'ן רוקן ווי איינער זאָגט: „רעדט צו דער וואַנט!“

האָב איך שוין, ברוך־השם, צ ו ו י י ווענט.

בין איך אַוועק צו אונזער „דזשאָינט פאַרעין קאָמיטע“, אַז זיי זאָלן עפּעס טון ממשות'דיקס צו באַקעמפן דעם פאַשיזם און נישט בלויז אים אָפּשפּרעכן אַ גוט־אויג מיט טרוקענע רעזאָלוציעס און קאַלטע

קאַמפּרעסן. האָב איך דערזען, אַז די „חזשאַינט פּאַרעין קאָמיטע" איז טויב ווי די וואַנט...

האָב איך שוין, קיין עין־הרע, ד ר י י ווענט.

איצט דאַרף מען זוכן אַ פערטע וואַנט. נאָר זאָגט מיר, כ'בעט אייך, אין וועלכן „שולחן־ערוך" שטייט עס, אַז אַ סוכה דאַרף טאַקע האָבן פיר אייגענע ווענט? און אַז איין וואַנט איז אַ פרעמדע איז זי פסול? האָב איך טאַקע דערפאַר אַ פערטע וואַנט — מיין שכנ'ס וואַנט פון זיין סוכה.

צווישן אונז גערעדט, האָט זיין סוכה אויך נישט מער ווי דריי ווענט, נאָר זי איז צוגעשפּאַרט צו זיין שכנ'ס סוכה און זיין שכן צו זיין שכנ'ס שכן און אַזוי ווייטער און ווייטער ביז צו דער לעצטער סוכה וועלכע האָט, ווי מ'שמועסט, פיר ווענט. נאָר ס'איז אַ סברא, אַז זי האָט אויך נישט קיין פיר ווענט, אַז זי איז גאָר אָנגעשפּאַרט אין אַ פרעמדער וואַנט, גאָרנישט קיין אידישע וואַנט, און זאָל זיך די פרעמדע וואַנט חלילה געבן אויף אַ האַרעלע אַ רוק, פאַלן כורעים אַלע אונזערע סוכות...

האָב איך שוין אַלע פיר ווענט און ס'פעלט מיר איצט אַ טיר. בין איך אַוועק צו אונזערס אַ צדקה־אַנשטאַלט, בעטן אַ טובה פאַר איטיצנס־ווענן. האָט מען מיר געוויזן די טיר... האָב איך שוין אַ טיר אויך. ס'פעלט מיר בלויז אַ פלאַקן און עטלעכע דרענגער אויף אונטערצושפּאַרן די סוכה. וואָס־זשע מיינט איר האָב איך געטון? בין איך אַריין אין אידישן טעאַטער און געפּאַקט אַ „סטאַר" — אַן אמת'ן פלאַקן! דערנאָך בין איך אַריין צו די חזנים, וואו איך האָב געפונען גאָר אַן אַ שיעור דראַנגען.

וואָס איז שייך סכך, וואָס לויט'ן דין דאַרף ער זיין מיט לעכער, האָב איך אויך קיין דאגה נישט. איך וועל די סוכה דעקן מיט מיין פאַרגריבטע און פון דער זון־פאַרגעלטע, צולעכערטע קאַפּאָטע, וועלכע פאַרמאָגט מער לעכער ווי קאַפּאָטע...

איצט קענען מיר זיך שוין, הייסט עס, נעמען אויפשטעלן די סוכה. נאָר איך דאַרף האָבן אַ מענטשן וואָס זאָל מיר העלפן צוזאַמענשטעלן די ווענט. בין איך אַוועק צו מיין שכן, וועלכער איז אַ מאַדים אויף צוזאַמענצופירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט... און איך האָב מיר מיין סוכה אויסגעסטראָיעט.

יאָ, איין קלייניקייט פעלט מיר: ע ס ן! אָבער אויך דערמיט בין איך באַוואָרנט. איך עס אין דער וויטשעפּלער פאָלקס־קיך...

און אַזוי זעט זי אויס, מיין סוכה.

דער ״נס־חנוכה״ פון לאָנדאָן־ברידזש

אַ מעשה־שהיה, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט ירוחם׳ן זיין ערשטן חנוכה אין לאָנדאָן, דערציילט פון אים אַליין.

א.

...זענט איר דאָך שוין פאַרטיק מיט אייער מעשה, וועל איך אייך דערציילן מיין מעשה, מיין נס־חנוכה, אָדער ווי כ׳רוף אים: דער „נס־חנוכה״ פון לאָנדאָן־ברידזש.

געשען איז עס מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק, ווען כ׳בין אָקאָרשט אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. כ׳בין נאָך געווען אַ גרינער. האָב איך דאָ אָנגעטראָפן מיינס אַ לאַנדסמאַן — שאַיע דעם האָלצערנעם — פון אונזער סטאָליאַרסקער קלויז. ער איז געווען ביי אונזערע סטאָליאַרעס אַ בעל־תפילה, אַ בעל־תקיעה, אַ גאַנצער רב. מ׳האָט ביי אים איינגעלייגט די שלוש׳ן מיט די נדבים פון די סטאָליאַרעס. אַליין איז ער געווען אַ דרעקסלער. ער האָט געמאַכט פיס. האָט ער זיי אַזוי לאַנג געמאַכט, ביז ער האָט געמאַכט די אמת׳ע פיס... דעם רעכטן ויברח. ער איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן נעלם געוואָרן מיט הכל־בכל, מיט אַלע שלוש׳ן און נדבים און מיט אַלץ מיט אַנאַנדער. ער האָט גאָרנישט איבערגעלאָזט, אפילו אַ האָר נישט. כאָטש צוריקגעשמועסט, האָט ער עפּעס יאָ איבערגעלאָזט: ער האָט איבערגעלאָזט דעם ניקאָלייסקן סאָלדאַט זיינעם — זיין ווייב; אַ אידענע אַ לאַנגע, אַ האַרטע, אַ טעמפּע. אַן אמת׳ער סאָלדאַט.

וואוהין אַנטלויפט אַ איד צו יענער צייט? קיין אַמעריקע. פון ברעמען איז דעמאָלט אָפּגעגאַנגען אַ שיף קיין לאָנדאָן און אין לאָנדאָן האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. דאָ האָט מען אַריינגעקוקט אין די אויגן און געזוכט טראַכאָמע. האָט מען געפונען טראַכאָמע, איז מען שוין קיין אַמעריקע נישט פאַרפאָרן. אַלע טראַכאָמעניקעס זענען דאָ פאַרבליבן. דערפאַר איז דאָך ענגלאַנד אַ מדינה פון בלויז טראַכאָמעניקעס. אָבער חוץ די טראַכאָמעניקעס זענען דאָ אויך פאַרבליבן דעם מלך־אביונ׳ס אייניקלעך — די אַלע וואָס האָבן נישט געהאַט גענוג פאָדים אין בייטעלע אָנצוציען קיין אַמעריקע.

שאַיע איז געווען פון די טראַכאָמעניקעס. די אויגן זענען ביי אים נישט געווען קיין לייטישע. נאָר אין גאַנצן גענומען איז ער געווען, ווי כ׳האָב אייך שוין דערציילט, אַ לייטישער מענטש, איז ער פאַרבליבן אין לאָנדאָן. אין אַרבעט איז ער נישט געווען זשעדנע. ער האָט באַלד באַקו־מען אַרבעט ביי די סטאָליאַרעס אין ווירדזשיניאַ רויד. לאַנג אָבער איז ער ביים וואַרשטאַט נישט פאַרבליבן. אָפּגעווען עטלעכע יאָר אין וויר־דזשיניאַ רויד און זיך באַקענט מיט׳ן מעבעל־האַנדל, איז ער געקומען צום שכל, אַז ס׳איז גאַרנישט קיין תכלית צו הובליעווען ברעטער און אַ גאַנצן טאָג אַרומבראַדזשען אין סטראַטשינעס. ס׳איז אַ דזשאָב פאַר די פריש אַריבערגעקומענע בהמות. ער וועט ווערן אַ מעבל־סוחר. געלט האָט ער דאָך געהאַט, איר ווייסט דאָך שוין פון וואַנען, איז ער אַוועק איבער׳ן וואַסער, איבער לאָנדאָן־בריזדזש, וואו ער האָט דערטאַפּט אַ „שאָפּקעלע״ מיט אַ „ווינדע״ און האָט זיך דאָרט געעפנט אַ „פערניטשע־שאָפּ״ אויף „וויקלי־פּעימענטס״. ס׳געשעפט איז אַוועק נישט צו פאַרזינדיקן. האָט ער באַצויגן דעם ניקאָלייסקן סאָלדאַט זיינעם — ס׳ווייב, מיט די בנים, דעם גאַנצן רעגימענט! און אַלע האָבן זיי דעמאָלט געוואוינט אין די צוויי רומקעס אין די „בעק״ פּונ׳ם געשעפט. ס׳איז געווען ענג אָבער מ׳האָט געאָטעמט.

אַז שאַיע האָט מיך דאָ אָנגעטראָפן, האָט ער זיך מיט מיר אַרומגע־כאַפּט ווי מיט אַן אייגענעם און נאָכדעם, ווי ער האָט אָפּגענומען אַלע גרוסן פון דער היים, האָט ער זיך אויף מיר אָנגעזעצט, אַז כ׳מוז צו אים קומען חנוכה אויף לאַטקעס (ס׳איז געווען פאַר חנוכה) און מיט אים מאַכן אַ „זעקס־און־זעכציק״. און נישט אַליין זאָל איך קומען, נאָר מיט איר, מיט מיין ראַשע־גיטל׳ן. איך, אַז איך הער אַ „זעקס־און־זעכציק״ ווער איך אַ פאַרצאַפּלטער. נעמט וועקט מיך אויף אין מיטן דער נאַכט און זאָגט „זעקס״ וועט איר שוין קיין „זעכציק״ נישט דאַרפן זאָגן. פאַרשלאָפענער־הייט נעם איך שוין טאַשן קאָרטן. ס׳איז ביי מיר אַ קראַנקהייט אַזאַ, אַ חולאת ווי מיינע זאָגט. הכלל, אַזוי איז עס פאַרבליבן. חנוכה, אם־ירצה־השם, קום איך צו אים און מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט.

ב.

אַז ס׳איז געקומען חנוכה האָבן מיר זיך גענומען קלייבן אין וועג אַריין. כאָטש אין אמת׳ן האָט מיינע דערפון נישט געוואָלט וויסן. וויל הערענדיק אַז שאַיע וואוינט איבער׳ן וואַסער, האָט זי מוחל געווען אַלע כיבודים. זינט זי איז אין לאָנדאָן אַריבערגעקומען האָט זי אויף אים, אויפ׳ן ים, געהאַט אַ בייז האַרץ. די דייטשן, וואָס האָבן אויסגעקלערט אַ ברעמען מיט אַ ים, האָט זי געשאָלטן מיט׳ן רביעית. „ס׳זאָל זיי נאָר אַזוי

וואַרפן, טאַטע זיסער", האָט זי זיי געוואונטשן, „ווי ס׳האָט מיך גע־וואָרפן!". זי האָט אויפ׳ן וועג קיין לאָנדאָן אָפּגעגעבן דער מאַמע׳ס מילך, און זינט העמאָלט, אַז זי הערט בלויז רעדן פון וואַסער, באַקומט זי ים־קראַנקהייט. אַט אַזוי לאַנג האָט מען ביי אונז גערעדט וועגן אַ וואַנע, איז איר נישט גוט געוואָרן...

איצט, אַז זי האָט געהערט, אַז מ׳דאַרף צו שאַיע׳ן פאָרן איבער׳ן וואַסער, איז כאָטש גילט איר אָפּ, וויל זי זיך פון אָרט נישט רירן. קוים מיט צרות, מיט אַנגסטן, האָב איך ביי איר גע׳פועל׳ט, אַז זי זאָל מיט מיר מאַכן די נסיעה, שווערנדיק זיך מיט כל־השבועות שבעולם, אַז זי וועט אסור נישט ברעכן. נאָר אַ ווייב גלויבט דאָך נישט אַ מאַן, האָט זי מיר אויך נישט געגלויבט און זי האָט זיך באַוואָרנט מיט צידה־לדרך: מיט אַ האַלבן טוץ לימענעס, יום־כפור־טראָפּן, אַ האַלב פלעשל בראָנפן, פאַרשי־דענע שטאַרקע שמעקעכצן זיך צו דערכאַפּן, הכלל, אַ גאַנצע אַפּטייק! און אָנגעלאָדן מיט׳ן דאָקטאָרסקן באַגאַזש האָבן מיר זיך מיט אַ „באָס" פון וויטשעפּל געלאָזט איבער׳ן וואַסער.

נאָר באַלד ווי דער „באָס" האָט זיך פאַרקירעוועט אין די מינאַריס, אַ־האַ, די ערשטע טעג יום־טוב הויבן זיך אָן. מיינע מאַכט מיאוס׳ע מינעס און זאָגט, אַז ס׳איז איר נישט גוט. זי פילט שוין, זאָגט זי, ס׳וואַסער, דעם פּאַסקודנעם ים. „בהמה!" זאָג איך, „וואו האָסטו דאָ אַ ים?" אָבער זי וויל נישט וויסן. זי שרייט אַז זי איז פאַרביי, אַז זי חלש׳ט, און זי נעמט טאַקע חלש׳ן. זי פאַרוואַרפט מיט׳ן קאָפּ ווי אַ הון און — ברוך דיין קוואַטשקע! נעם איך איר רייבן די שלייפן מיט׳ן בראָנפן, גיב איר אַ שמעק פון די חלשות־טראָפּן, שטופּ איר אַ לימענע אין מויל אַריין. כאַפּט זי זיך אויף, עפנט די אויגן און פרעגט אַ האַלב־טויטע: „שוין אַריבער ס׳וואַסער? וואָס? נאָך נישט?" און זי חלש׳ט שוין ווייטער. רייב איך איר ווידער די שלייפן, גיב איך איר ווידער צו שמעקן יום־כפור־טראָפּן און מיר נעמען ווידער צו ביסלעך בראָנפן. ווער איז דער „מיר", פרעגט איר? ס׳הייסט ווער? איך מיט׳ן קאָנדוקטאָר. וואָס מיינט איר, מיר איז דען גוט געווען? האָב איך זיך דאָך אויך געמוזט ראַטעווען, און קיין חזיר קען מען דאָך אויך נישט זיין, בפרט נאָך אַז דער ערל העלפט דיר עפּענען ס׳פלעשל.

און מיינע חלש׳ט אָפּ אַ פּאָר מינוט, טוט ווידער אַ פרעג: „שוין?" און חלש׳ט ווייטער. הכלל, ס׳איז פריילעך אין „באָס". און דאָ האָב איך שוין באַלד נישט קיין לימענעס מיט קיין בראָנפן. זע איך דאָך אַז ס׳איז אַ שפּיל פאַר׳ן טייוול, לאָז איך זי חלש׳ן. זי וועט דאָך זיך מוזן אַמאָל אויס־חלש׳ן. האָט זי אַזוי לאַנג גע׳חלש׳ט און געשריגן „כ׳בין פאַרביי!" ביז מיר זענען אָנגעקומען צו שאַיע׳ן אין שטוב אַריין.

אריינפאלנדיק אהין נישט טויט און נישט לעבעדיק, האט מיינע געד נומען דערציילן דעם גרויסן „נס־חנוכה", ווי אזוי ס'לעבן האט זיך איר געעקט און ווי אזוי זי איז מיט שווערע יסורים דעם ים אריבער. נאר צו־ ריקפארן, האט זי געשוואוירן, פארט זי שוין איבער'ן ים נישט צוריק. זי זאל באדאי וויסן, אז זי וועט דארפן ארומפארן איבער גאנץ ענגלאנד, וועט זי איבער דעם פאסקודנעם וואסער נישט צוריקפארן קיין וויטשעפל.

— מעטשוין זען — זאגט שאיע מיט א שמייכעלע — לאמיר דערווייל נעמען צו ביסלעך משקה, עסן א לאטקע, מאכן א קערטל לכבוד חנוכה.

— מעטשוין נישט זען! — ענטפערט אים מיינע.

און אזוי ווי זי האט זיך ארויסגעזאגט: מ'האט טאקע נישט געזען, ווי־כ'וועל איך באלד דערציילן.

ג.

הכלל, מיר האבן נישט געמאכט קיין לאנגע שהיות און זיך געזעצט שפילן. געהאקט האבן מיר א „זעקס־און־זעכציק" אז ס'איז געגאנגען א רויך. דער רויך איז אייגנטלעך געגאנגען פון די פארסמאליעטע לאטקעס, וואס האבן זיך אין אונזער צימערל געפרעגלט. דאס צימערל איז געווען ד' על ד', א „בעק־רומקע", און דער רויך האט ממש געגעסן די אויגן. נעמט שאיע און עפנט א פענסטער, ערשט ס'איז וממש־חושך—א „פאגע" אנצוטאפן. טאקע ווי מיינע האט זיך ארויסגעזאגט: נישט צו זען פאר קיין שפאן. מילא, מ'דארף זיך באצייטנס ריכטן אין וועג אריין. אבער מיינע ברעקלט זיך. זי וועט פארן, זאגט זי, איבער מאנטשעסטער, איבער לידז, איבער גלאזגוי, נאר נישט איבער'ן וואסער.

טענה איך מיט איר איין: „נארישע אידענע! ביינאכט איז ס'וואסער רואיק, ביינאכט ברעכט מען נישט!"... נאר זי האלט זיך ביי דאס איריקע. זי פארט נישט. איבעריגנס, זאגט זי, קען מען זיך אויף א לאנדאנער איז־ וואשטשיק, אין אזא נאכט, נישט פארלאזן. ער קען נאך אין דער „פאגע" ארונטערפארן אונטער דער בריק, גלייך אין וואסער אריין. דינג איך זיך מיט מיינער אזוי לאנג, ביז ס'ווערט גוט שפעט און מיר קענען שוין אין ערגעץ נישט פארן.

רופט זיך אן שאיע: „מילא, איר וועט שוין דא מוזן איבערנעכטיקן!" ווייס איך דאך, אז אין גאנצן פארמאגט ער צוויי „רומקעלעך". וואו וועלן מיר זיך דא אהינטון? פרעג איך: „אבער וואו?" ענטפערט ער: „מיר וועלן זיך שוין צוזאמענקוועטשן, איר וועט שוין זען. וואס ארט אייך, מ'וועט אייך שוין אויסבעטן א גוט געלעגער!" און ער פירט אונז שפע־ טער אריין אין א צימער א פראכט, א מלכות; מיט'ן פיינעם מעבל, און

אַ בעט — אַ גן־עדן. זאָג איך: „שאַיע, פּאַרוואָס האָסטו באַלד נישט געזאָגט, אַז ס'שטייט ביי דיר ליידיק אַזאַ רחבות'דיק שלאָף־צימער, וואָלט איך זיך מיט מיינער פּאַרשפּאָרט צו אַמפּערן?“ שמייכלט ער, שאַיע, זאָגט אַ גוטע נאַכט און גייט זיך פּאַמעלעך אַרויס.

שאַיקעלע גנב! טראַכט איך זיך, ווער ווייסט וויפיל נאָך אַזעלכע מעבעלירטע צימערן ס'פּאַרמאָגט, אַבי ער מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער וואוינט אין צוויי „לעכער“.

הכלל, מיר האָבן זיך אויסגעטון און געלייגט שלאָפן. געשלאָפן זענען מיר ווי די גע'הרג'עטע. לאַנג־לאַנג זענען מיר שוין אַזוי געשמאַק נישט געשלאָפן. ווער ס'האָט אונז אויפגעוועקט, געדענקן מיר נישט. נאָר מיר געדענקן בלויז, אַז ווען מיר האָבן די אויגן געעפענט, האָבן מיר זיך געפונען, איר ווייסט וואו? איר וועט קיינמאָל נישט טרעפן. מיר האָבן זיך געפונען אין גאַס! אַזוי ווי איר הערט: ממש אין גאַס! אַזוי האָט זיך עס אונז אויפ'ן ערשטן קוק אויסגעוויזן. אָבער באַלד דערנאָך האָב איך דערזען, אַז מיר זענען נישט אין גאַנצן אין גאַס, נאָר כמעט ווי אין גאַס. מיר שלאָפן ביי אַ גרויס, ברייט פּענסטער, וואָס איז פון דרויסן באַלאַגערט מיט מענטשן. זיי קלאַפּן אין פּענסטער און שרייען: „טאַים טו געט אַפּ, לעיזיס!“ מ'זינגט, מ'לאַכט, מ'וויצלט זיך. הכלל, ס'איז מיט אונז פריילעך אין גאַס.

וואו, מיינט איר, האָט אונז שאַיקעלע גנב אַוועקגעלייגט? אַז איר וועט אפילו זיין מיט טויזנט קעפּ וועט איר אויך נישט טרעפן! — אין דער „שאָפּ“ זיינער האָט ער אונז שלאָפן געלייגט! ס'איז דאָרט אין דער „ווינדע“ געשטאַנען אַ „בעד־רום־סוויט“, האָט ער אונז אַהינצו אַריינגעפּאַקט. אַן אַנדערער, זאָג אונז פריער וואו דו באַלייגסט אונז, לאָמיר כאָטש וויסן, מיר זענען דאָך גרינע. ער — נישט! צי ער האָט אונז געוואָלט מאַכן אַ „סופּריין“, אָדער גלאַט אַ שפּיצל אָפּטון, אַז ס'זאָל זיך אונז מער נישט פאַרגלוסטן צו קומען צו אים צו גאַסט און נישט וועלן צוריקפאָרן „איבער'ן וואַסער“ — ווייסט אים די גוטע יאָר. דערווייל ווייסן מיר איינס: מיר ליגן אין געהאַקטע וואונדן אין פּענסטער און דאָס בלוט טריפט.

וואָס־זשע טוט מען, וואָס? נעמען אַרויסקריכן פון בעט, קענען מיר, פאַרשטייט זיך, נישט. און דאָ איז יעדע מינוט אַ שעה. גאַנץ לאָנדאָן, דאַכט זיך, שטייט פונדרויסן. ס'איז שוין איינמאָל אַ טריאַטער! וואו איז שאַיע? וואו זענען זיי אַלע? וואָס שלאָפן זיי היינט אַזוי שפּעט? הכלל, ס'איז פאַרפאַלן. ווי ס'זעט אויס וועלן מיר שוין אַזוי פאַרבלייבן אין בעט, ביז מ'וועט אונז קומען ראַטעווען.

— ראַשע־גיטל! — גיב איך צו מיינער אַ קאָמאַנדעווע — די קאָל־

דרע איבער'ן קאָפּ. לאָמיר כאָטש נישט זען ווי מ'לאַכט אונז אין פּנים אַריין.

און מיר ציען אַריבער די קאָלדרע איבער די קעפּ און מיר טוליען זיך איין. ערשט, מ'לאַכט פון אונז נאָך מערער. דאָס האָבן זיי, אפּנים, געלאַכט פון די לעכער אין אונזערע זאָקן; אונזערע פּיאַטעס זענען דע־מאָלט, במחילה, געווען גאַנץ באַלעבאַטיש אויסגעריבן...

הכלל, מיר זענעןביידע אַזוי לאַנג געלעגן אין קימפּעט, ביז ס'איז אַריין אַ פּאָליסמאַן, האָט אַראָפּגעלאָזט די לאָדנס און אונז געהייסן זיך אָנטון. מיינט איר דאָך, אַז מיר זענען שוין פּאַרטיק? טאָ הערט־זשע ווייטער.

ד.

באַלד ווי מיר האָבן זיך אָנגעטון, בעט ער אונז מוחל זיין אין „פּאָליס סטיישן“. סטייטש, פאַלן מיר אים צו די פיס, וואָס האָבן מיר דאָ געזינ־דיקט? וואָס האָבן מיר אַזוינס חוטא־בעגל געווען? דאַכט זיך, מיר זענען שוין ס'אונזעריקע אָפּגעקומען, בעת מיר זענען געלעגן אין פענסטער און די גאַנצע וועלט האָט פון אונז חוזק געמאַכט. אָבער ער, דער פּאָליסמאַן, וויל פון גאָרנישט וויסן. מיר וועלן ווערן אָנגעקלאָגט, זאָגט ער, פאַר'ן באַליידיקן די עפנטלעכע מאָראַל. איר הערט אַן אומגליק? זאָג איך צו מיינער: „ראַשע־גיטל, אַ שיינע חתונה האָסטו דאָ מיט דיין חלש'ן אָנ־געאַרבייט, וואָס שווייגסטו?“ גיט זי אַ געשריי: „ווער שווייגט?“ און זי נעמט און פאַלט אין חלשות. דערשרעקט זיך דער פּאָליסמאַן און אַנט־לויפט. מיין איך דאָך, אַז כ'בין שוין ס'זייניקע פּטור און כ'הויב אויף די הענט צום הימל... ערשט, ס'געדויערט נישט קיין צוויי מינוט און ער איז דאָ צוריק מיט נאָך צוויי פּאָליסלייט. ער האָט אפּנים געזען, אַז פאַר איר, פאַר מיין ראַשע־גיטל'ן, איז איין פּאָליסמאַן ווייניק. פאַר איר דאַרף מען האָבן גאַנצע צוויי...

און כך הוה: ס'העלפן נישט קיין טענות־ומענות, אפילו נישט איר דריטן־מאָל חלש'ן. מ'נעמט אונז בכבוד־גדול אונטער די הענט ווי חתן־כלה און מיט אַ פיינער קאַצן־מוזיק, וואָס די לאָבוסעס אין גאַס האָבן אונז אויפ'ן וועג צוגעשפּילט, פירט מען אונז אַוועק צו דער חופּה און — פרעגט שוין נישט! מיר האָבן איבער זיך דעם אמת'ן פּראָצעס.

ווייַ־ווייַ, וואָס מיר האָבן אַלץ איבערגעלעבט. דער „דזשאַדזש“, אַן אַלטער רשע־מרושע, האָט נאָר געוואָלט אונז אין „חד־גדיא“ אַריינ־האַקן און דערנאָך ערשט משלח זיין אונז פון לאַנד. ס'איז געשען אַ נס, ממש דער נס־חנוכה, וואָס דער אַדוואָקאַט אונזערער האָט אויסגעכלאָ־פּאָטשעט אַ געלט־שטראָף. מ'האָט אונז צוגע'משפּט צו באַצאָלן 10 פונט

יעדער איינער, אַחוץ געריכטס־קאָסטן. זאָל איך אַזוי נישט וויסן פון אַזאַ בייז־נאַכטלעגער, ווי כ׳האָב נישט געוואוסט פון וואַנען כ׳וועל נעמען דאָס געלט.

הכלל, כ׳האָב מיט גרויסע צרות צונויפגעקוואַפּעט מיינע 10 פונט און זיי אין „קאָורט“ אַריינגעטראָגן. וועגן אירע 10 פונט האָב איך, דעם אמת זאָגנדיק, נישט געטראַכט. זאָל זי זיך פאַרדרייען איר ספּאָדעק. קען זי נישט, טאָ זאָל זי אַ ביסל זיצן אין „חד־גדיא“. כ׳מעג אויך האָבן אַ ביסל מנוחה. קאַרג צרות האָב איך פון איר? האָב איך דעם גאַנצן קלאָפּאָט געהאַרפּט, ווען נישט זי, מיט איר ים־קראַנקהייט, מיט איר חלש׳ן? איז דאָך אָבער דער „דזשאַדזש“ אַ שונא־ישראל, וועט ער קיין אידן קיין טובה נישט טון... פּסק׳נט ער: אָדער מיר צאָלן בײדע צוזאַמען, אָדער מיר גייען זיצן צוזאַמען, ווייל מ׳האָט אונז ביידן צוזאַמען געפונען ביי איין עבירה. איר הערט אַ מעשה? בקיצור, שאַיע האָט זיך מרחם געווען, האָט אויסגעבאָרגט די געלט און מיר האָבן זיך געראַטעוועט פון טורמע.

אָט דאָס איז מיין „נס־חנוכה“, אָדער ווי איך רוף אים: דער „נס־חנוכה“ פון לאָנדאָן־ברידזש. געפעלט אייך אַזאַ „נס־חנוכה“, האַ?

א חמשה־עשר׳דיקע פייג

זאָגט מיר: וואו האָט איר עס געהערט, אַז אַ גאַנץ פאָלק זאָל זיך אַוועקזעצן און אין איין טאָג אויפעסן די פּרוכטן פון אַלע וואַרעמע לענדער?

זיבעצן מיליאָן אידן בעמען און „האַקן אַריין" אין איין חמשה־עשר־בשבט אַלע ראָזשינקעס, מאַנדלען, מילגרוימען, טייטלען, באָקסערן און פייגן, וואָס געפינען זיך אויפ׳ן מאַרק.

נישט אַלע זיבעצן מיליאָן, זאָגט איר, קענען קייען „חמשה־עשר"; אַ טייל האָבן נישט קיין ציין און אַנדערע וועלכע האָבן יאָ ציין, האָבן נישט קיין געלד... מילא, איך וועל זיך מיט אייך נישט אַמפּערן. אַ מיליאָן אַרויף, אַ מיליאָן אַראָפּ. אָבער איר וועט דאָך נישט אָפּלייקענען, אַז מיליאָנען אידן כאַפּן אין דעם טאָג אַריין מילי־מיליאָסן... פייגן.

מיט וואָס איז חמשה־עשר־בשבט אַזאַ יום־טוב?

די בוימער יערן זיך. ס׳איז ביי זיי ראש־השנה. זיי טוען אָן די גרינע קאַפּאָטעס און גייען זיך אויסבעטן אַ גוט־יאָר. היינטיקס מלחמה־יאָר האָט יעטוועדער בוים אַ באַזונדערע בקשה צום רבונו־של־עולם: „באַשיץ מיך, גאָטעניו פון אַ טאַנק, ער זאָל מיך חלילה נישט איבערפאָרן!" און אַלע פוסטע דראָנגען, די וואוילע יאָטן, פוצן זיך אין דעם טאָג אויס אין גרינע קאַפּעלושלעך און שפּילן פרילינגס־סערענאַדן, בעת די פאַרגרינטע פאָעטן זינגען פרילינגס־לידער, ווי דער פּסוק זאָגט: „אז ירננו כל עצי־יער"... הכלל, ס׳פרילינגט זיך.

וואו איז ער דער שיינער בחור׳עץ, אָט דער פרילינג?

ביי אונז דאָ אין ווייטשעפּל, הגם מיר האַלטן שוין ביים אָנהויב פעברואַר, זע איך אים נישט. ס׳איז נאָך דערווייל קאַלט, נאַס, גליטשיק, חושך... מיר דאַרפן אויפ׳ן פרילינג וואַרטן לכל־הפחות ביז מאַי. אָבער אויך דעמאָלט מאַכט ער אויף מיר נישט קיין גרויסן רושם, ווייל דער גאַנצער פרילינג איז ביי מיר אַן אָפּגעבליאַקעוועטע מעשה, אַ שאַבלאָנע געשיכטע. אַלע יאָר פאַר פּסח איז דאָס זעלביקע — גרין אַהער גרין אַהין, און ס׳ווערט גאָר דעם עולם נישט נמאס. דאַכט זיך, אַז קוגל־עסן ווערט אויך צוגעגעסן.

הערט דעם וואַזשנעם וואונדער: אַ בוים דאַרף זיך מאַכן אַ פּרוכט־געשעפטל, ווערט ער גרין און שפּעטער געל. איז מיט אים אַ גאַנצער

צימעס, אַ פֿאַראַד. אַ איד ווערט, ברוך־השם, אויך גרין און געל פֿאַר׳ן שטיקל פּרנסה. נו, מאַכט מען מיט אים אַ יום־טוב? זאָל דער בוים נישט ווערן גרין. ער קען דען עפּעס אַנדערש ווערן? אַ איד, זעט איר, קען יאָ ווערן אַלערליי קאָלירן, בפרט נאָך, ווען ער קומט נאָך אַ גמילת־חסד צו אַ צווייטן אידן אַ דבר־אחר.

פּאָליטיש איז אַ איד אויך פּילפֿאַרביק: שוואַרץ, ווייס, רויט און מיתה־משונה׳דיק, ווי אַ ווייטשעפּלער רעגנבויגן... זאָל אַ בוים אויך באַווייזן אַזאַ שוואַרץ־קינסטלעריי? — אַ פּייג!

און וואָס האָבן מיר פֿון דעם גאַנצן פֿריילינג? — צרות האָבן מיר פֿון אים. אַמאָל האָט ער אונז געבראַכט דעם „עלילת־דם"; אַלע בלוט־בלבולים זענען אין פֿריילינג געבוירן געוואָרן. הייַנט, אַז מ׳רעדט פֿון פֿרי־לינג, הייסט עס, אַז דעמאָלט וועט זיך אָנהויבן היטלער׳ס אָפֿענסיווע. און וואָס דאָס באַדייט פֿאַר אונז אידן, ווייסן מיר. יאָ, דער דאָזיקער פֿריילינג לאָזט אונז קאַלט. פֿאַר אונז איז ער — אויסגעפֿריילינגט.

חמשה־עשר־בשבט איז אָבער נישט דער אָנגענומענער אייראָפּעאי־שער פֿריילינג, נאָר אַ ריין אידישער פֿריילינג — חער טאָג ווען די ביימער בעמען בליען דאָרט אין ארץ־ישראל. קומען אידן און בעמען אין דעם טאָג אָפּ אַ גרוס פֿון זייער לאַנד, אַ לעבעדיקן, וואַרעמען גרוס, און אַלס סימבאָל געניסן זיי פֿון די זון־אויסגעקושטע פֿרוכטן פֿון ארץ־ישראל. ס׳איז אַ הערלעכער מנהג, וואָס גיט אונז די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט אַן אייגענע פּרי, ווייל, אינ׳ם לאַנגען גלות האָבן מיר פֿאַר־לוירן דעם חוש פֿאַר פּרות און ירקות. אַז איר דערלאַנגט אַ פֿרומען אידן אין אַ מיטן־מיטוואָך אַ ביסל פֿרוכט אָדער גרינס, וועט ער אייך אַ פֿרעג טון: „וואָס איז דאָס אַזוינס — אַ בורא־פּרי־העץ, אָדער אַ בורא־פּרי־האדמה?" קיין אָנהערן באַמען האָט ער נישט פֿאַר די געוויקסן. אָבער חמשה־עשר־בשבט, אַז ער באַקומט אַ... פּייג, פֿרעגט ער נישט אַזעלכע קשיות.

הייַנט, צוליב דער מלחמה, פֿעלן אונז אויס אונזערע געוועגלעכע חמשה־עשר־פּרות. זענען מיר יוצא מיט „ערזאַץ", מיט אַ סוראָגאַט, וואָס איז „כמו" יענע פֿרוכט.

במקום ראָזשינקעס האָבן מיר די „ראָזשינקע", וואָס ס׳געפֿינט זיך ביי אַ שרייבער, אַן אַקטיאָר, אַ חזן. אויף זייער לשון הייסט עס: טאַלאַנט. אויב דער אויבערשטער האָט זיי געבענטשט מיט אַזאַ „ראָזשינקע", האָבן מיר פֿון זיי גרויס הנאה. אודאי, זאָגט יעטוועדער פֿון זיי, אַז ער פֿאַרמאָגט די „ראָזשינקע"... נאָר אידער איר מאַכט איבער איר אַ ברכה, זייט גוט מדקדק, ווייל ס׳קען גרייכלעך זיין, אַז די „ראָזשינקע" זאָל זיין אַ צוגעלייגענע, אַ אונטערגעפֿוילטע...

און „מאַנדלען" ווייטער, געפינען די דאַקטוירים ביי אונז אין די העלדזער... מיר דאַרפן אייגנטלעך נישט די „מאַנדלען", מיר קענען זיי אוועקשענקן היטלער'ן, נאָר די דאָקטוירים זאָגן, אַז זיי דאַרפן זיי יאָ. ווייל אַ „מאַנדל" ביי אונז אין האַלדז איז זייער „חמשה־עשר"... ס'איז פונקט ווי די „בלינדע־קישקע"; צו וואָס אייגנטלעך דאַרפן מיר זי? אי זי איז בלינד אי זי טוט אונז אָן געברענטע צרות? — איז דער תירוץ: מיר דאַרפן זי טאַקע נישט, נאָר די דאָקטוירים דאַרפן זי...

וואָס איז שייך טייטלען, זענען מיר יוצא מיט... צדיקים. ווי קומט אַ צדיק צו אַ טייטל? וועל איך אייך ווייזן, אַז ער קומט שוין יאָ; אַ טייטל הייסט אויף העברעאיש „תמר", און האַכט זיך, אַז איר דאַרפט נישט קיין גרעסערן צדיק ווי ס'איז געווען יהודה — איז ער „געקומען צו תמר'ן"... אַחוץ דעם, שטייט ביי אונז געשריבן: „צדיק כתמר יפרח" — דער צדיק וועט בליען ווי אַ טייטלבוים. אין דער טייטלבוים־משפחה, דאַרפט איר וויסן, איז פאַראַן אַ „זכר" און אַ „נקבה", אַ „ער" און אַ „זי". דער „זכר" — תמר, הייסט ער — איז אַ לאַנגער, אַן אויסגעצויגענער, אַ דאַרער, אַ מאָגערער, אַן אויסגעדיקווערטער, ווי אַן אמת'ער צדיק דאַרף אויסזען... זי ווייטער, די „נקבה" — תמרה, הייסט זי — איז אַ ברייטע, אַ פולע, אַ פאַרצוויגטע, מיט אַ פאַרנעם, אַ רעבעצין אַ גאַנצע.

מיר האָבן ביי אונז דאָ אין ענגלאַנד אַלערליי צדיקים. אַ טייל „בליען" ווי דער „תמר" און האָבן אַ פנים פון אַ מת־מצוה און אַ טייל זענען געראָטן אין דער „תמרה": קיילעכדיקע, פעטינקע, וואָס עסן אויף דעם גאַנצן עולם־הזה, כדי ס'זאָל גאָרנישט בלייבן פאַר די אפיקורסים, וועלן זיי פאַרשפּאָרן זינדיקן...

ס'איז פאַר אונז אַ גרויס גליק, וואָס דער פסוק זאָגט: „צדיק כתמר יפרח"; וואָס וואָלט געווען, ווען ער זאָגט פאַרקערט: „תמר כצדיק יפרח", אַז דער טייטלבוים וועט בליען ווי אַ צדיק, און נאָך ווי אַ צדיק בליט ביי אונז אין ענגלאַנד, וואָלטן מיר שוין חמשה־עשר איבער קיין טייטל נישט געקענט קיין ברכה מאַכן...

און וואָס ס'איז נוגע פייגן, איז אויך נישט אַזוי געפערלעך. פייגן האָבן מיר, אָבער נישט פון קיין בוים (אַ פייג פון אַ בוים — אַ „פייג" !). אונ־זערס אַ פייג איז אויסגעאַרבעט פון דריי פינגער... אַמאָל איז אַזאַ פייג ריין און מאַניקירט. נאָר גאַנץ אָפט איז זי נישקשה'דיק באַוואַקסן און בלאָטיק. ס'איז אַ גליק־זאַך. וואָס'אַראַ מזל איר האָט, אַזאַ פייג באַקומט איר...

אויף העברעאיש הייסט אַזאַ פייג — „תאנה". דאָס איז אַ פשוט'ע טאָג־טעגלעכע פייג. נאָר אַ גרויסע פייג, אָט די מיט וועלכער מ'איז מכבד אַ גרויסן בעל־חוב, הייסט: „תאנה־גדולה"... אָט די „פייג" איז

טאַקע דער איינציקער „חמשה־עשר״, וואָס מיר קענען היינט באַקומען. נאָר נישט געזהאגה׳ט, נאָך דער מלחמה וועלן מיר, אם־ירצה־השם, באַקומען אַן אמת׳ע... „פייג״.

מערקווירדיק: אַז מ׳ווייזט אימיצן אַ קולאַק, מאַכט ער דערפון קיין וועזן נישט. להיפך, אַז מ׳ווייזט אים אַ „פייג״, איז — געוואַלד און נאָך אַמאָל געוואַלד. דאַכט זיך, אַז ס׳האָט געהאַרפט זיין פאַרקערט; ווייל אַ קולאַק האָט פינף פינגער און אַ „פייג״ האָט בלויז דריי. דאָך איז די „פייג״ שטאַרקער. אָט אין דעם שטעקט אונזער כח. אונזער „פייג״ וועט איבערלעבן היטלער׳ס קולאַק.

צווייערליי פייגן־מאַכער זענען ביי אונז פאַראַן. איינער מאַכט עס גאַנץ אָפן, בפרהסיא, באַחאַי ס׳זאָל אים אפילו קאָסטן אַ פּאַטש (אַמאָל איז עס ווערט אויך), און איינער טוט עס בשתיקה, באַהאַלטענערהייט, אַז קיין בן־אדם זאָל נישט זען. אויף אַזאַ אופן האָבן אונזערע יאַהודים דאָ געקעמפט אַמאָל מיט היטלער׳ן. זיי האָבן אונטער דער קאַפּאָטע ווייערער אים אויסגעשטעלט אַ „פייג״. בעמט מיין לאַנדסמאַן ירוחם: דאַכט זיך, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גרעסערער קנאַקער פון אים, דער גאַנצער וועלט „דערלאַנגט״ ער. אָבער אַז זיין פלונית׳טע, זיין ראַשע־גיטל, פאַלט אויף אים אָן, וואָס־זשע, מיינט איר, טוט ער? שטעקט ער אַריין די האַנט אין קעשענע און שטעלט איר דאָרט אַ... „פייג״.

אַ „פייג״ איז אייגנטלעך אַ אידישער אויפטו, וואָס מיר האָבן געדאַרפט פּאַטענטירן. ווען מיר וואָלטן געהאַט שכל און אַרויסגענומען אַ פייגן־פּאַטענט, וואָלטן מיר אַנגעשיט פּעסער מיט גאָלד, פאַר וועלכן מיר וואָלטן געקענט איינהאַנדלען גאַנצע אמת׳ע פייגן־פּלאַנטאַציעס. די אומות־העולם באַנוצן זיך זער אָפט מיט אונזער פייגן־אויפטו אָן אַ גראַשן געלט. אָט האָט ווייצמאַן געבעטן פונ׳ם ענגלישן קאָלאָניען־מיניסטער אַ אידישע אַרמיי. האָט ער אים געענטפערט: לייגט עס אָפּ אויף חמשה־עשר, וועט איר באַקומען אַ... „פייג״. און אַז היטלער׳ן האָט זיך פאַרגלוסט מאָסקווע, האָט אים סטאַלין געזאָגט: כאַפּ נישט, פרא־אדם, אם־ירצה־השם, חמשה־עשר, וועסטו באַקומען אַ... „פייג״.

דעם אמת זאָגנדיק איז די „פייג״ נישט אונזערס אַן אָריגינעלער אויפטו. מיר האָבן עס גע׳ירש׳נט פון אדם־הראשון. די גמרא זאָגט, אַז אדם־הראשון׳ס ערשטע „שהחיינו״ איבער אַ פרוכט איז נישט געווען איבער אַן עפּל, נאָר איבער אַ פייג. און ידערפאַר וואָס ער האָט געגעסן אַ „פייג״, האָט ער געהאַט אַ „פייג״. צום אָנדענק דערפון, איז חוה ביי אונז כסדר בודק אין די הויזן־קעשענעס און לאָזט דאָרט איבער אַ... „פייג״.

אויך די קליידער וואָס אדם און חוה האָבן זיך דעמאָלט אויפגעניייט זענען געמאַכט געוואָרן פון פייגנבלעטער. חוה׳ס קלייד האָט געכאַפּט

דעם שניט פון אַ היינטיקער „איוונינג־דרעס״; ס׳איז געווען אַזוי גרויס ווי אַ „פייג״...

אַז מיר וועלן פון גלות אויסגעלייזט ווערן, שטייט געשריבן, וועט זיין „איש תחת גפנו ותחת תאנתו״, יעדער פון אונז וועט האָבן זיין איי־גענעם פייגנבוים, אַזוי, אַז ער וועט נישט דאַרפן אָנקומען צו יענעם, כדי צו באַקומען אַ... „פייג״. ער וועט אַליין האָבן אַ... „פייג״ און וועט קענען געבן אַ... „פייג״.

אָט זעט איר, אַז נישט קוקנדיק אויף די אַלע מלחמה־פורעניות׳ן, האָבן מיר צו חמשה־עשר־בשבט אונזערע ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, טייטלען און פייגן. וואָס איז שייך די איבעריקע פרוכטן זענען מיר יוצא מיט... מייערלעך. נישט מיר אַליין, נאָר גאַנץ ענגלאַנד עסט מייערלעך במקום פרוכט. אַ גאַנץ מיניסטעריום איז ביי דער רעגירונג געשאַפן גע־וואָרן אויפצוקלערן דעם עולם די חשיבות פון׳ם מייערל, נישט בלויז פאַר חמשה־עשר, נאָר פאַר׳ן געזונט פון׳ם גאַנצן ענגלישן פאָלק.

ווער איז שולדיק אין דער דאָזיקער פרוכטנלאָזער לאַגע?

אונז קען מען אין דעם נישט באַשולדיקן, ווייל מיר אידן האָבן די דעמאָקראַטישע מלוכות געוואָרנט, אַז אַזוי וועט זיך דאָס אויסלאָזן; אַז אויב זיי וועלן היטלער׳ן באַצייטנס נישט אָפּשטעלן, וועלן זיי פאַרלירן אַלע פרות פון דער גאַרער וועלט.

האָבן זיי אונז נישט געהערט.

זאָגט ירוחם: אויב איר זענט געווען אַזעלכע בהמות, טאָ כראָמשקעט אַ מייערל! איין מייערל פאַר אייך ביידן, ווי דער פסוק זאָגט: „אתה ובנך״, פאַר דיר און דיין קאָזע...

און ירוחם זאָגט ווייטער: אויב די מלחמה וועט זיך נאָך פאַרציען, וועלן מיר במקום אַ מייערל נאָך יוצא זיין חמשה־עשר מיט שטרוי פון אַ מאַטראַץ...

און מחמת איך האָב פיינט פעסימיסטן, גיב איך ירוחם׳ן „חמשה־עשר״ — אַ... „פייג״!

זיין מאַיעסטעט — דער מלך

א.

רעספּעקט!!

רעספּעקט פאַר זיין מאַיעסטעט דעם מלך!

דער מלך גייט. דער מלך קומט.

דאָס שאָרכן פון זיינע טריט הערט זיך שוין פונדערווייטנס.

דאָס טשיאַפּטשען פון זיינע שיך, די אויסגעקרומטע; דאָס ליאַפּטשען פון זיינע זוילן, די אויסגעריבענע, דערגרייכט שוין צו אונזערע אויערן.

שוואַך זענען זיינע טריט. וואַקלענדיק. קוים וואָס ער שלעפּט זיך.

ער איז מיד, אונזער מלך. ער איז די פאַרגאַנגענע נאַכט נישט גע־שלאָפן.

ער האָט געדאַרפט די אַרבעט פאַרענדיקן.

אַ גאַנצע נאַכט איז ער ביי דער מאַשין געזעסן. געשטעפּט, גע־שטעפּט און געשטעפּט. דער קאָפּ איז אים צו דער מאַשין געפאַלן און — ער האָט געשטעפּט. שלעפערדיקערהייט, האָט ער אפילו עטלעכע מאָל דעם אַרבל זיינעם צו דער מאַשין צוגעשטעפּט.

דאָס פּנים איז ביי אים געל. די אויגן רויט, אונטערגעבעט מיט קי־שעלעך צוקנייטשטע.

דער אָטעם איז ביי אים שווער־פאַרלייגט. בלייאיק.

שוין לאַנג ווי ער באַקלאָגט זיך, אַז ער פילט נישט דאָס האַרץ.

נאָר ס'איז נישט אמת.

אדרבא, ער פילט שוין דאָס האַרץ גאַנץ גוט — ווען ער גיט אַ הוסט. דעמאָלט פילט ער אויך, אַז עפּעס כריפּעט ביי אים אינעווייניק, פייפט אונטער, גליייך ווי ס'וואָלט דאָרט זיצן אַן אָרקעסטער פון יאַדישליווע הוסטערס.

— קכע, קכע!

דאָס זדעכעט אַזוי אונזער מלך מיט זיין חרוב'דיק האַרץ.

— קכע, קכע!

דאָס פאָכעט אַזוי אונזער מלך מיט זיין חולה'וואַטער נשמה.

טייל זאָגן, אַז ס'איז „בירן", אַנדערע — אַז ס'איז „לונגען".

אָבער ער גייט.

אַ צוקראַכענער, אַ שלאַבערדיקער שלעפּט ער די פיס און גייט.
נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה.
באַלד איז ער דאָ.

ב.

אין דער רעזידענץ פון זיין מאַיעסטעט, אויפ׳ן דריטן שטאָק, אין אַ הייזקע, ערגעץ־וואו אין דער איסט־ענד, איז מען דעם גאַנצן טאָג גע־ווען שטאַרק פאַרטאַראַראַמט. מ׳האָט דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ געריי־ניקט. העגט האָבן געריבן, געשאָבן, געשייערט און גע׳כשר׳ט לכבוד דעם אָנקומען פון דעם געהויבענעם גאַסט.
די העגט זענען געווען דער קעניגינס.
זי אַליין איז מיט דער דאַזיקער הייליקער אַרבעט געווען פאַרהאַ־ווערט. זי וואָלט אפילו די דאָזיקע בכבוד׳יקע מיסיע אָנפאַרטרויט אַנ־דערע העגט, נאָר גיי כאַפּ היינט, ערב־פּסח, אַ גוי׳ע, אַז זיי זענען אַלע מיט גאָלד צוגלייך. דאָס מינדסטע שטיקל שיקסל הייסט זיך אָפּגילטן.
האָט די קעניגין, בכבודה־ובעצמה, אַליין געשווויצט און געפּראַצע־ווערט, ביז זי האָט די קעניגלעכע רעזידענץ אַ ביסל אין אָרדנונג געבראַכט.
אָבער איצט, ווען דער טאָג איז שוין כמעט פאַרגאַנגען, שטייט נאָך די קעניגין אויף איר פּאָסטן; זי האָט זיך געכאַפּט, אַז אין אַ סך ער־טער פון איר טעריטאָריע האָבן זיך באַזעצט פרעמדע עלעמענטן, שונאים פון דער מלוכה, וואָס נעמען אין געפּאַנג אומשולדיקע ברואים און ציען פון זיי אַרויס דעם דם־התמצית.
פירט איצט די קעניגין אַ מלחמה מיט די דאָזיקע בלוט־זויגערס — די ש פּ י נ ע ן — וועלכע האָבן אויף איר הימל־זוים — די סטעליע — פאַסקודנע געצן פאַרוואָרפן און „מאַכן אַ לעבן״ פון ממית׳ן אומבאַהאָל־פענע פליגן.
אַ באַוואָפנטע שטייט זי איצט, די קעניגין, אויף אַ לייטער און אַטאַ־קירט דעם שונא. דער קאָפּ איז ביי איר פאַרבונדן מיט אַ געוואַזענער ווייסער שמאַטע, אַז זי זאָל זיך חלילה נישט קאַליע מאַכן די קעניגלעכע פריזור. אין דער האַנט האַלט זי דעם קעניגלעכן סצעפּטער — אַ באַרשט אויף אַ לאַנגען שטעקן, און:
— פליאַסק! פליאַסק! פליאַסק!
אויף איר פּנים איז נישט אויסגעגאָסן אַזאַ צאַרטע, ליבלעכע מינע, ווי מ׳זעט אויף די פּאָרטרעטן פון אַנדערע קעניגינס. משמעות, זי איז עפּעס ביי זיך, אַנגעדרודלט. די צורה איז ביי איר צופלאַמט, אָנגעצונדן, און יעדע מינוט רייסט זיך פון צווישן אירע ציין אַרויס:
— אַן אויסכאַפּעניש זאָל אויף איך נישט קומען, טאַטע זיסער!

און איר ווייסט נישט ווען זי מיינט עס: צי שעלט זי אַזוי די מיאוס'ע שפּינען, וואָס צולויפן זיך אין די שפּאַלטן, כדי צו ראַטעווען זיך פון דער בייזער באַרשט; אָדער צי איז דאָס איר ברכה אויף די קעפּ פון די פּרינצן און פּרינצעסינס, וועלכע בלאָנקן זיך ביי די פיס און שיעור־שיעור האָבן זיי די קעניגין פון לייטער נישט אַראָפּגעוואָרפן.

און אַז די קעניגין האָט די שפּינען באַזיגט, איז זי אַראָפּגעקראָכן פון לייטער און האָט זיך אַ נעם געטון צו די פּרינצעסינס. זי האָט זייערע קעפּלעך מיט כח אין שיסלען זודיקע וואַסער אָפּגעטובל'ט און ברעג. גאַנצע מיט זייף־מידלינעס האָט זי, מיט אירע מאַיעסטעטישע פינגער, אויף זייערע פּריזורן אויפגעשוימט.

זיי האָבן געוויינט, געמאַכט יללות און מיט הענט און פיס פּראָטעס־טירט געגן דעם אומרעכט, וואָס ווערט געגן זיי באַגאַנגען. אָבער די קע־ניגין האָט אויף זייער פּראָטעסט קיין געוויכט נישט געלייגט. מיט אַ פּאָר שטורכעס אין די זייטן און אַ פּאָר סטוסאַקעס אין הינטן, האָט זי זייער רעוואָלט דערשטיקט און זייערע קעפּלעך מאַיעסטעטיש אויסגעצוואָגן.

— זאָל דער מלך האָבן הנאה! — האָבן אירע לעפצן געמורמלט — און אויף איר צוהיצט פּנים האָט זיך צולייגט אַ קעניגלעכער שמייכל.

ג.

דריי „נאָקס“ אין טיר.

דאָס גאַנצע הויז־געזינד פון זיין קעניגלעכער רעזידענץ יובעלט מיט פרייד:

— הורראַ! הורראַ! הורראַ!

דער הויף איז אויף די פיס אויפצונעמען זיין מאַיעסטעט.

אַ געלויף איבער אַלע טרעפּ. די פּרינצן גליטשן זיך אַראָפּ איבער די פּאַרענטשעס, שפּרינגען און קוליען זיך אויף די קעפּ.

גיך עפנט זיך די טיר און דער מלך באַווייזט זיך.

זיין מאַיעסטעטישער אויסזען איז עפּעס היינט נישט אין אָרדנונג. ס'פעלט אים דער קאָלנער. דאָס העמד איז צושפּיליעט. דאָס האַרץ — אָפן, צעכראַשטשעט. דער קאַפּעלוש איז אים פאַררוקט ביז צו די אויערן. דאָס פּנים — ווילד באַוואַקסן און, דאַכט זיך, נישט געוואַשן שוין אַ יובל־יאָרן.

אָבער באַלד וועט איר אים נישט דערקענען. זאָל ער זיך נאָר אָפּ־וואַשן, זיך אַרומפּוצן און אָנטון זיינע בגדי־מלכות, וועט ער ווערן דער אמת'ער מלך און וועט בעמען רעגירן מיט אַ שטאַרקער האַנט ווי ער קען — אויב ער וועט נאָר נישט אַנטשלאָפן ווערן.

ווייל טויט־מיד איז אונזער מלך. אַזוי מיד, אַז ער האָט פּשוט קיין

כח נישט זיך איבערצוטון. ער האָט בלויז די הענט אָפּגעוואַשן, דעם קיטל אַרויפגעצויגן און אויפ'ן טראָן, אויפ'ן היסב־בעט, אַרויפגעקראָכן.

נישט איבעריק ציכטיק איז זיין טראָן.

די קעניגין האָט קיין צייט נישט געהאַט איבערצוציען די קישנס מיט'ן איבערבעט. זי האָט פּשוט קיין כח נישט געהאַט.

אַחוץ־דעם האָבן זיך די פּרינצן מיט די פּרינצעסינס אַ ביסל אַרומ־געשפּילט אויפ'ן טראָן און האָבן דאָרט איבערגעלאָזן זייערע סימנים...

דאָס קליינע פּרינצל, דאָס מוזיניקל, דער „מזיק", האָט אין לעצטן מאָמענט אויפ'ן טראָן אָפּגעטון עפּעס אַזוינס, אַז די קעניגין דערהערענדיק די שאַרך פונ'ם מלך'ס טריט, האָט אויף גיך געכאַפּט און דאָס קישן אַי־בערגעדרייט...

ד.

און אָט זיצט ער שוין, אונזער מלך, אויפ'ן טראָן און ער רעגירט זיין מלוכה.

פון זיין רעכטער זייט זיצט די קעניגין, די מלכה זיינע, וועלכע האָט נישט אויספּייעט ווי געהעריק זיך אָפּצוואַשן און זיך אָנצוטון אין אירע קעניגלעכע קליידער. זי האָט בלויז, פון יוצא־וועגן, דאָס פּנים איבערגע־ווישט, דאָס פאַרטוך אַראָפּגעוואָרפן און די צופּאַטלטע האָר פאַרקעמט. ס'זיצן אויך די אויסגעצוואָגענע פּרינצעסינס, די שיינענדיקע בת־מלכה'ס. גאַנץ סטאַטעטשנע זיצן זיך די אָנגעמידעוועטע און אויסגעהונ־גערטע פּרינצן, די בני־מלכים, וועלכע האָבן דעם גאַנצן טאָג, ווי עכברושים אַרומגעוואָיוועט. זיי שלינגען מיט זייערע שלעפּערדיקע אויגן די „ביצה", די „זרוע", דעם „חרוסת", און די ווייסע טרעשטשנדיקע מצה, וואָס ווינקט צו זיי אַזוי יצר־הרע'דיק.

מיט אַ ציטערדיקער האַנט גיסט אָן אונזער מלך די „כוסות", וועלכע צופינקלען זיך רויט אין די גלעזלעך. נאָכ'ן קידוש באַפעלט ער דעם־פּאַטיש:

— פּרינץ מיינער! די „פיער קשיות" פרעג!

און דער פּרינץ — אַ מידער, אַ הונגעריקער, אַ שלעפּערדיקער, עפנט קוים דאָס מויל:

— מה־ה־ה — —

און דער „מה" צוציט זיך ביי אים אין אַ לאַנגען געגעץ: מה־הא־א־א־או!

צינדן זיך אָן די באַז־לעכער פון זיין מאַיעסטעט און ס'ברענט דאָרט אַ גרימצאָרן.

— ציפּע ברײנע, קעניגין מיינע! — דונערט ער אויס — צי האָסטו

נישט געקענט זען, אַז דער פּרינץ דיינער זאָל זיך נישט אַרומשלאָנדערן איבער די גאַסן דעם גאַנצן טאָג און זיין טויט־מיד צום סדר!

ענטפערט אים די קעניגין אויף איר מאַיעסטעטישן שטייגער:

— מיינע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ, צו זיין לייב און לעבן! קאָרג האָב איך היינט געהאַט מיינע אייגענע צרות און קאָפּ־דרייעניש, זאָל איך נאָך נאָכלויפן זיינע באַנדיטן!

די אויסגעבלייכטע באַקן פון אונזער מאַיעסטעט דעם מלך זענען ראַפּטום פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַ שטיק רויטס.

און ער הויבט אויף זיין קעניגלעכע האַנט און לאָזט זי מאַיעסטעטיש אַראָפּ מיט אַ קנאַק, אויף דער באַק פון׳ם בן־מלך, דעם פּרינץ.

פאַר די אויגן פון׳ם פּרינץ באַווייזן זיך — שטערן.

און אין זיין בעכער — טרערן.

גיט די קעניגין אויף דעם מלך אַ בליק מיט אירע צוויי פייער־שפּייענדיקע אויגן און איר פּנים דערקלערט קריגס־צושטאַנד. זי וואָלט אים איצט וועלן דערלאַנגען, אפילו אָן אַ „נאָטע“, מיט איר חלף שאַרפן צינגל. נאָר ס׳איז זיין מזל, וואָס ס׳איז היינט יום־טוב.

אַחוץ־דעם אַנטלויפט ער דאָך נישט, דער מלך. די נאַכט איז נאָך גרויס, און גאָט איז אַ פאָטער.

פון איר בליק איז אים זיין מאַמע׳ס מילך געראונען געוואָרן. ער האָט באַשייַנפּערלעך דערזען, אַז דער פּאַטש, וואָס ער האָט דעם פּרינץ אָפּגעשטעקט, וועט אים אויספּאַלן באַקאָם.

און מיט אַ טיפן זיפץ האָט ער אויסגעקרעכצט:

— אוי! עבדים היינו לפרעה במצרים!

גיך־גיך זאָגט ער די הגדה. ער יאָגט, פליט, גלייך ווי ער וואָלט געאַרבעט אויפ׳ן שטיק. ער „מאָלט“ אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט.

— מול־מול־מול־מול!

דאַכט זיך, די מאַשין קלאַפּט, שטעפּט. ער „פינדישט־אויס“ די אַרבעט.

ה.

געענדיקט.

זיך געוואַשן און זיך גענומען צו דער הייסער, פאַרעדיקער, פעטער יויך, מיט די פּאַמפּושקעדיקע קניידלעך, די אַנגעשוואָלענע. אָבער באַלד ווי די זודיקע יויך איז אין אינגעווייד אַראָפּ, האָט דער שאַרפער ווייַן פון די „ארבע כוסות“, וואָס האָט זיך דאָרט מיט עטלעכע מינוט פריער אַריינגעקליבן, גענומען דרייען מיט דער נאָז...

דער אַ ל ט ע ר ווייַן (נישט עלטער זאָלן אונזערע שונאים ווערן!)

קען מיט דער יונגער הייסער יויך נישט לעבן בשלום. זיי פארטראגן זיך נישט צוזאמען. ס׳איז נישט קיין גלייך פאר. אמפערן זיי זיך. הכלל, א ווארט פאר א ווארט און דער אלטער האט געמאכט פליטה; ער האט געכאפט און איז אריין אין קאפ פון זיין מאיעסטעט, וואו ער האט זיך צוליגט ווי ביי זיין טאטן אין ווייגארטן...

פילט דער מלך, אז דארט אין דער הויך אויפ׳ן בוידעם, אונטער דער יארמולקע, איז אים עפעס אזוי ווארעמלעך, אזוי היימלעך, כאטש נעם און כאפ א דרימל. קלעפן זיך די אויגן פון אונזער מלך. דער קאפ פאלט אים אן א זייט און מיט׳ן לעפל אין האנט ווערט ער אויפ׳ן טראן אנטשלאפן.

ו.

ששש! זאל זיין שטיל! דער מלך שלאפט!

און דער פרינץ שלאפט אויך. נאך פאר דער יויך איז ער מיט׳ן צופלאמטן בעקל זיינעם צום טיש צוגעפאלן און איז אנטשלאפן געווארן.

דאס זעלבע האבן אויך געטון די איבעריקע פרינצן און פרינצעסינס.

און איבער דער גאנצער קעניגלעכער רעזידענץ צוגיסן זיך די זיסע מעלאדיעס פון דער כראפן־סימפאניע, וואס ווערט אנגעפירט פון זיין מאיעסטעט אליין.

בלויז די קעניגין איז וואך.

פונדערווייטנס הערט מען ווי זי פלושקעט זיך ערגעץ ביים וואסער; זי שטייט ביי דער „סינק" און וואשט אפ דאס געפעס...

און דער מלך איז פארזונקן אין זיסע חלומות:

א גוטער סעזאן — „ביזי" — א סך ארבעט — גאר א סך—„אווערטיים"!

אויפ׳ן פנים זיינעם צוגיסט זיך א מאיעסטעטישער שמייכל, און דער לעפל פאלט אים פון האנט ארויס.

רעספעקט פאר אונזער מאיעסטעט — דעם מלך!

רעספעקט!!!

מלחמה׳דיקס

ירוחם פירט מלחמה

אַז ס׳איז געקומען די מלחמה אויף דער וועלט, האָט די פלונית׳טע זיינע, ירוחם׳ן געוואָלט דורס זיין.

— שיין האָסטו מיט דיין פילאָזאָפישן מוח אויסגעשפּילט — האָט זי אים געיאַדעט — האָסט זיך געקליגט און גע׳חכמה׳ט און וואָס האָסטו מיט דיין פילאָזאָפיע געבראַכט? אַ מלחמה מיט באָמבעס אויף אונזערע קעפּ!

האָט ירוחם, דער באַשולדיקטער אינ׳ם וועלט־אומגליק, איר געמיטלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז נישט ער און נישט זיין פילאָזאָפיע האָט געפירט צו דער מלחמה. אַז שולדיק איז גאָר אַן אַנדערע פילאָזאָפיע וואָס הייסט „אַפּיזמענט" און אַז — — —

האָט זי אים שוין ווייטער קיין וואָרט נישט געלאַזט אויסרעדן און זי האָט אויסגעשאָסן:

— ביידע זענט איר ווערט אַ זעץ אין די ציין אַריין, דו מיט דעם תכשיט דעם מיסטער אַפּיזמענט, ווי ער הייסט דאָרט, אַז אויסגערינען ווערן האָט ער געמעגט אין זיין מאַמעס בויך!

און אַזוי האָט ער צוזאַמען מיט׳ן „אַפּיזמענט" טאָג־טעגלעך פון איר געהאַט כרת־יאָרן.

זיין „חדר" איז צוליב דער קינדער־עוואַקואַציע אינגאַנצן צעקראָכן געוואָרן. אמת, דאָס מלמדות זיינס איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי איי־איי. ס׳איז געשטאַנען אויף היבערישע פיסלעך. נאָר היינט איז גאָר — השם־ישמרנו! באַדיר אַן עסק מיט „עוואַקואיס" און גיי יאָג זיך נאָך זיי מיט׳ן סידור׳ל. ווער דאַרף עס היינט, בכלל, אַ מלמד? איך קען אייך מבטיח זיין, זאָגט ירוחם, אַז קיין „בלעק־מאַרקעט" איז אויף מלמדים נישטאָ.

האָט זי אים געטאָטשעט ווי אַ וואָרעם:

—זעסט אַז ס׳איז מלחמה, טאָ טו עפּעס. נעם אַ ביקס, אַ בעזעם, און ברענג פּרנסה.

— פונוואַנען זאָל איך דיר נעמען ביקסן? — האָט איר ירוחם געענטפערט — אַז מיר זענען נישט צוגעגרייט.

האָט זי זיך ערשט אויף אַ רעכטן אמת צופלאַמט:

— אויב אַזוי, איז דאָך טאַקע אַ פינסטערער בראָך צו דיין מיסטער

אפיזמענט. וואו איז ער געווען אלע יארן? קאטעווען דארף מען דאך אזא בחור!

האט ירוחם זי באראויקט און געלאזט איר וויסן, אז ער וועט „דזשויבען" די „עי־אר־פי" און וועט ווערן א „פול־טיים־וואָרדן". ער וועט נאך דערפון האבן אזוי פיל פרנסה וויפיל ער האט געהאט פון זיין מלמדות.

און אין א מיטן מיטוואך האט ער אריינמארשירט אין שטוב מיט א בלעכענעם „העלמעט" אויפ׳ן קאפ. דער „העלמעט" איז געווען א קאַ־פּאָטשקעלע צו גרויס, אז ס׳האט זיך בלויז ארויסגעזען א שפיץ נאז און דאס אויסגעפליקטע בערדל זיינס. זי, זיין ראשע־גיטל, האט אפילו אונ־טערגעשמייכלט, דאך האט איר דער גאנצער עסק א ריס געטון ביים הארצן. סוף־כל־סוף איז דאך דאס איר אייגענער שלים־מזל.

ס׳פארשטייט זיך, אז נישט אזוי גיך איז ירוחם געווארן א „וואָרדן". ס׳איז אים אנגעקומען, ווי ער זאגט אליין, מיט „גרינע ווערים". ווייל ווער האט עס א קאפ תופס צו זיין די אלע היינטיקע תכסיסי־מלחמה און זייערע סתרי־תורה. בעיקר׳שט, האט מען זיך דארט, אין די „עי־אר־פי", אנגעזעצט אויף ירוחם׳ס בערדל. ירוחם, ווי באוואוסט, האט זיך זיין אייגנס א בערדל וואס ער האט נאך מיטגעבראכט פון דער היים אויס. איז אט צוליב דעם בערדל האט ער בשום־אופן נישט געקענט אנטון א „גאז־מאסקע" און אז ער האט שוין מיט צרות די מאסקע אויפ׳ן פנים ארויפגעצויגן, האט זיך דאס בערדל דארט אזוי איינגעפלאנטערט, אז ער האט די מאסקע נישט געקענט אויסטון.

האט די „עי־אר־פי" אים געעצה׳ט, אז ער זאל זיך מיט׳ן בערדל שיידן ביז איבער דער מלחמה; אז ער זאל פשוט נעמען און עס אפהאקן. ווייל אויב נישט איז ער בעת א גאז־אטאק אין גרויס סכנה.

האט דאס ירוחם׳ן אויפגעקאכט. הערט די חוצפה: צוליב עפעס א נארישע מאסקע וואס אפילו אן גאז ווערט מען אין איר דערשטיקט, הייסט מען אים דאס בערדל אראפכאפן. אויף אזא העזה האט ער זיך נישט געריכט. האט ער זיי גאנץ פשוט געענטפערט:

— הערט איר, איר גבורים פון שכם! איך האב מער צוטרוי צו מיין בערדל ווי צו אייער מאסקע!

און פון דעמאלט אן האט מען אים אויפגעהערט צו מוטשען מיט דער גאז־מאסקע און מ׳האט אים איבערגעגעבן א שטיק ווייטשעפל אונ־טער זיין השגחה.

מילא, וואס ירוחם דערציילט זיך אן פון זיינע „עי־אר־פי דיוטיס", איז ממש צו באשרייבן. אויב א איהן, זאגט ער, איז באשערט חיבוט־הקבר, זאל ער ווערן א „וואָרדן" ביי אחינו־בני־ישראל אין ווייטשעפל.

איינמאָל, אַ פּרייטיק־צו־נאַכטס, דערציילט ער, בעת ער איז אַרומ־געגאַנגען אויף „דיוטי", האָט ער באַמערקט, ווי פון אַ פענסטער האָט אַרויסגעשיינט אַ ליכט־שפּאָלטעלע, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר און געבעטן צו פאַרשטעלן דעם שיין, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן פון די שבת־ליכט, ווייל מ׳קען דערפאַר שווער באַשטראָפט ווערן.

האָט אַ אידענע מיט אַ דריי־גאָרנדיקן בוזים, וועלכע האָט די טיר געעפנט, געגעבן אים אַ מעסט אָפּ פון אויבן ביז אַראָפּ און מיט אַ שטים פון אַ ריב־אייזן האָט זי זיך אָנגערופן:

— פון ווען אָן זענט איר עס, מיסטער ירוחם, געוואָרן אַזאַ קנאַקער? ביי אייער ווייב זענט איר אויך אַזאַ מאַכער? זע נאָר זע, ער האָט זיך אָנגעטון אַ בלעכענע שיסל אויפ׳ן קאָפּ און קאָמאַנדעוועט. גייט זוכט אייך אַנדערע קאַסטומערס!

און די טיר האָט זיך אים אויף דער נאָז צוגעקלאַפּט.

איז ירוחם אַוועק און געבראַכט אַ צווייטן „וואָרדן", אַ נישט־אידישן, וועלכער האָט אָן צערעמאָניעס אַ קלאַפּ געטון אין פענסטער אַריין און אַ געשריי געטון בלשון באַפעל:

— פוט דעט לאַיט אַאוט!

און באַלד האָבן זיך די שבת־ליכט אויסגעלאָשן.

איך האָב מורא, זאָגט ירוחם, אַז אפילו בעת אידן וועלן האָבן אַן אייגענע מלוכה אין ארץ ישראל און וועלן האַרפן פירן אַ מלחמה, וועלן זיי אויך דאַרפן אָנקומען צו גוי׳אישע „וואָרדנס", ווייל אונזערע אידן, זאָל זיי צו קיין גנאי נישט זיין, האָבן גרויס דרך־ארץ פאַר ז י י ע ר ן אַ „קנעפּל"...

ירוחם איז שוין אפילו געווען אַ „וואָרדן" אויפ׳ן אידישן בית־עולם. מ׳האָט אים דאָרט אָוועקגעשטעלט אויף „דיוטיס". פרעגט בחרם די „עי־אַר־פּי", וואָס ער האָט דאָרט געהאַט צו טון. וואָס, די מתים וועלן ליכט אָנצינדן? מ׳דאַרף אַכטונג געבן אויף זייער „בלעק־אַאוט"? מילא, פאַרפאַלן!

איינמאָל, דערציילט ער, זיצט ער זיך אַזוי אויף זיין פּאָסטן אין מתים־שטיבל און קוקט אין הימל אַריין. קוקט אַזוי לאַנג ביז די אויגן בעמען זיך קלעפּן און — כאַפּט אַ דרימל. חלום׳ט זיך אים, אַז ער הערט אַן „אַלאַרם", מ׳בלאָזט שופר, ס׳איז אַ לופט־איבערפאַל, די מלאכי־חבלה זענען דאָ, און די „סערטש־לאַיטס", די זוך־ליכט, זענען שוין בודק־חמץ דעם הימל. בתוך־כך, אין מיטן דער רעכטער חתונה, הערזעט ער אַ מת אין ווייסן, וואָס דרייט זיך אַרום ווי, אויפ׳ן עולם־התוהו, קענטיק נאָך אַ „גרינער" אויפ׳ן בית־עולם און זוכט אַפּנים דעם „שעלטער". ווייזט אים ירוחם וואו דער „שעלטער" געפינט זיך. נאָר ס׳געדויערט

נישט קיין צוויי מינוט און — ויבוא! דער מת איז שוין דאָ צוריק.

— וואָס בלאָנקעט איר זיך אַרום אין גאַס? — פרעגט אים ירוחם ביידלעך — פאַרוואָס גייט איר נישט אין „שעלטער" אַריין? איר ווייסט, אַז ס'איז אַן „עיר־רעיד"?

מאַכט דער מת אַ רחמנות־פנים און זאָגט, אַז ס'איז אים אַ שאָד די מצבה. ער האָט אַ וואַזשנע מצבה פון שוואַרצן מאַרמאָר, אַזאַ מצבה איז היינט מיט גאָלד צוגלייך, מ'קריגט איר גאָרנישט. וואָלט ער וועלן מיט־נעמען די מצבה אין „שעלטער" אַריין.

— נעמט־זשע די מצבה — באַפעלט אים ירוחם — און גייט. אָבער גיך, באַלעמוטשעט נישט, ווייל איר שפּילט זיך מיט'ן מלאך־המות.

און ס'לויפן נישט אַוועק קיין צען מינוט — דער הימל איז שוין רעכט צעפלאַקערט, ס'קנאַלט פון אַלע זייטן, ערשט דער מת איז שוין ווידער דאָ; ער שלעפּט זיך אַ פאַרסאַפּעטער מיט דער מצבה זיינער אויפ'ן רוקן און אויקעט. ווערט שוין ירוחם אין כעס און צעשרייט זיך:

— איר זענט משוגע צי חסר־דעה? מ'שיסט איבער'ן קאָפּ און איר שלייעט אייך אַרום מיט דער מצבה. איך גיב נישט קיין צעבראָכענע פעני פאַר אייער לעבן. שוין, די רגע זאָלט איר מיר אין „שעלטער" אַריין!

— אַז מ'לאָזט מיך אַהין נישט אַריין! — ענטפערט דער מת מיט אַ ביטערן זיפץ — איך האָב נישט, זאָגן זיי, ווי־ז'מיר, מיין „אידענטיטי־קאַרד"!...

* * *

ירוחם וואָלט זיך אייגנטלעך וועלן באַפרייען פון זיינע „עי־אַר־פּי־דיוטיס". זיי האָבן אים שוין דערעסן ווי אַ ביטערע ציבעלע. ער וואָלט זיך געוואָלט נעמען צו לופט־פּליערײ. דאָס לופט־פליען, זאָגט ירוחם, ליגט אים אין בלוט. תמיד האָט ער געשוועבט אין די עולמות־העליונים... ווען ער וואָלט געהאַט אַן עראָפּלאַנדל, וואָלט ער נישט געוואַרט ביז דער לופט־מיניסטער וואָלט אים מכבד געווען מיט אַן הקפה, נאָר ער וואָלט יעדע נאַכט אָנגעפּאַקט אַ פולן עראָפּלאַן מיט אמת'ע „המן־טאַשן" און געבראַכט די דייטשן „שלח־מנות". זיי וואָלטן שוין געוואוסט, אַז אַלע נאַכט איז פורים אויף דער וועלט.

בכלל, זאָגט ירוחם, האָט ער שוין מער נישט קיין געדולד צוצוקוקן ווי די ענגלענדער פירן די מלחמה אויף אַ „בערע". זיי וועלן ווערן בדלות, אַז זיי וועלן נעמען אַ „טעקסי"? אָבער, זיי האָבן צייט, די ענג־לענדער. דאָס איז אַ פאָלק, וואָס האָט תמיד ליב צו שטיין אין דער רייע און וואַרטן... זיי קענען זיך פאַרגינען צו פירן אַ מלחמה ל אַ נ ג ווי

דער גלות מיט „טי־טאַים" הפסקות. מיר אידן, אָבער, האָבן קיין צייט נישט. מיר וואָלטן וועלן זען היטלער'ס באַלדיקע מפלה, אונז איז ביטער כמו גאַל. אונזער פאַרגאָסן בלוט מאָנט גיכע מעשים. אַ סוף און אַן עק זאָל עס נעמען. דערפאַר האָט ירוחם בדעה אָנצושרייבן טשערטשיל'ן אַזאַ אהובי־ידידי בריוועלע:

„מורנו ר' טשערטשיל!

„ווי איך האָב געהערט, נויטיקט איר זיך אין שיסוואַרג, טענקס און עראָפּלאַנען, אַ סוף צו מאַכן צו דער מלחמה. איר בעט זיך ביי אייערע לאַנדסלייט, אַז זיי זאָלן אָפּשטעלן דאָס „טי־טאַים" און אונ־טעריאָגן די פּראָדוקציע, ווייל אויב נישט איז פּע. וויל איך אייך זאָגן, ר' טשערטשיל, אַז אַזוי גיך ווערט איר דעם שונא, ס'הייסט הערם „טי־טאַים", נישט בייקומען. ער איז שטאַרקער פון אייך. דערפאַר, הערט זיך צו צו מיין עצה און גיט איבער די גאַנצע פּראָדוקציע אַ פאָלק וואָס ווייסט נישט פון קיין „טי־טאַים"; גיט עס איבער אין אונזערע הענט. כ'קען אייך מבטיח זיין, אַז בעת מיר וועלן זיך אַ נעם טון צו די כלים, וועט איר איבער אַ נאַכט האָבן אַזוי פיל טאַנקן און עראָפּלאַנען וויפיל איר וועט נאָר וועלן. איר דאַרפט וויסן, אַז אַ איד נעמט אָן אַן „אָרדער", וועט ער שוין מיט די נאָז אַקערן כדי אים וואָס גיכער אויסצופאַרטיקן. אידן וועלן זיך אויפהויבן אַ שעה פאַרטאָג און גאַנצע פינף און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת וועלן זיי „סוועטעווען". מ'וועט אַרבעטן אין די „בעק־רומקעס", אין די „סעלערס" און אויף די בוידעמער, כדי אייך צו „דעליווערן" די טולס", אַז איר זאָלט קענען „פינדישן דעם דזשאָב"!

אָט אַזאַ בריוועלע, זאָגט ירוחם, וועט טשערטשיל די טעג באַקומען, אויב די יוצר־משרתים וועלן עס אים נאָר אָפּגעבן.

א גאונ׳ישער אויפטו

ביי אונז אין שטעטל, דערציילט ירוחם, האָט מען געכאַפּט אַ אידן ביי אַן עבירה, אַ הארבע עבירה, אין וועלכער ס׳איז געווען פאַרמישט אַן אשה, רחמנא־ליצלן. האָט דער רב געשיקט רופן דעם חוטא און אויף אים גוזר געווען ער זאָל פאַסטן „הפסקות". האָט דער איד אויף זיך נישט געקענט נעמען אַזאַ שווערע „תשובה" — ער איז נעבעך אַ חלוש, אַ קראַנקער, און האָט נישט קיין כח צו פאַסטן.

— טאָ בעט־זשע גאָט — האָט דער רב געזאָגט — ער זאָל דיר מוחל זיין, פאַרפעל נישט אַ דאַוונען.

— איך האָב נישט קיין צייט צו דאַוונען — האָט דער איד גע־ענטפערט — כ׳בין לא־עליכם אַ בעל־מטופל; כ׳האָב אַ וויב מיט קינ־דער און דאַרף זיי באַזאָרגן מיט פרנסה.

— טאָ גיב־זשע צדקה! — האָט דער רב אים גע׳עצה׳ט.

— איך קען נישט, רבי! — האָט דער זינדיקער איד זיך געבעטן — כ׳האָב אַ גרויסע משפחה, וואָס נעמט ביי מיר אַלץ צו.

האָט שוין דער רב אים ביזלעך אַ פרעג געטון:

— אַז פאַסטן נישט און דאַוונען נישט און צדקה אויך נישט, טאָ וואָס־זשע קענסטו יאָ אויף זיך נעמען?

— איך קען באַשטיין — האָט דער איד געענטפערט — אַז כ׳זאָל אַ גאַנץ יאָר אפילו נישט באַקומען קיין עליה!

* * *

אַנטקעגן־זשע וואָס דערציילט עס ירוחם? אַנטקעגן דעם באַשלוס פון דער גרויסער שול אין לידז, נישט צו געבן קיין עליה און נישט מכבד זיין מיט אַ „מצוה" אַ אידן, וואָס איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן קעגן די מלחמה־פאַראָרדנונגען.

דער אויפטו, וועלן אַלע מודה זיין, איז גאָר אַ וואָזשנער, ממש אַ גאוניאַלער, מחמת ס׳זענען פאַראַן אידן, זאָגט ירוחם, וואָס קענען פשוט נישט לעבן אָן אַן עליה. ס׳פאַרדריסט זיי נישט דער טשאָלנט, אויב זיי האָבן שבת נישט קיין פעטע עליה. אַנדערע זענען אַזעלכע עליה־פרע־

סערס, אַז ווען מ׳וואָלט זיי נאָר געלאָזט, וואָלטן זיי אַריינגעשלונגען אַלע „שבעה־קרואים״.

לידזער אידן זענען גאָר להוט נאָך אַן עליה אָדער נאָך אַ „מצוה״ אין שול. אַ לידזער איד איז אָן אַן עליה פּשוט אויס מענטש. אַז איר באַגעגנט אַ לידזער אידן אַרומדרייענדיק זיך אַ פאַרכמורעטן מיט אַ באַ־ליגטער ווייסער צונג, בייז ווי אַ בין און קריגט זיך מיט דער ווייב, איז אַ סימן אַז דער איד האָט שוין לאַנג נישט געהאַט קיין עליה׃ קיין דאָק־טאָר וועט דעם אידן נישט העלפן און ה א ר א ג י י ט *) אויך נישט. די איינציקע רפואה זיינע איז — אַן ע ל י ה! ווער שמועסט נאָך, אַז ער באַקומט מפטיר, האָט ער שוין אַ רפואה־שלימה. אַזאַ ווירקונג האָבן עליות אויף לידזער אידן.

איצט, שטעלט זיך פאָר אַ לידזער אידן, וואָס האָט זיך, רחמנא־ליצלן, פאַרזינדיקט און קען נישט באַקומען, נישט קיין עליה, נישט קיין הגבה־וגלילה, נישט קיין הקפה, גאָרנישט! אַ פייג קען ער באַקומען. אַזאַ שטראָף איז דאָך ערגער פון „האַרד־לייבאָר״, ממש נישט אויסצו־האַלטן.

בעצם איז דער אויפטו נישט קיין נייער. ער איז גע׳לקחנ׳ט פון ערגעץ אַנדערש. נאָר אַז ס׳זענען פאַראַן פּלאַגיאַטאָרן אין דער ליטעראַ־טור מעגן זיי אויך זיין אין כלל־ענינים. דעם אויפטו, לאָמיך אייך זאָגן אַ סוד, האָט מען „געקידנעפּט״ פון „מזרחי״. אויפ׳ן ציוניסטישן קאָנ־גרעס אין לוצערן האָט די „מזרחי״ מיט אונז געלערנט די „מסכת־סאַנק־ציעס״. זי האָט געפאָדערט, אַז די לינקע, די הסתדרות׳ניקעס, זאָלן ווי געהעריק אָפּהיטן אידישקייט אין זייערע מושבים אין ארץ־ישראל. אויב נישט, זאָל מען איבער זיי אויספירן סאַנקציעס.

די „מזרחי״ האָט געוואָלט, אַז ביידע בנים — בן־צבי און בן־גוריון מיט די ביידע בערעלעך — בערל קאַצענעלסאָן און בערל לאָקער — זאָלן זיך לייגן מיט׳ן רוקן צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און הרב בער־לין מיט הרב פישמאַן זאָלן מיט אַ רעכטע רצועה זיי געבן מלקות. האָבן די לינקע, פאַרשטייט זיך, דעם פאָרשלאָג נישט געוואָלט אָננעמען, ווייל אויב ס׳האָלט ביי מלקות־שלאָגן, האָבן זיי מער כח פון „מזרחי״ און די רצועה זייערע איז אַ פיל גרעסערע און פעטערע. האָט די מזרחי „מעכב־הקריאה״ געווען ביז ס׳איז געקומען צו אַן אויסגלייך. מ׳האָט, דאַכט זיך, אָנגענומען אַן ענלעכן לידזער באַשלוס, אַז די לינקע חוטאים זאָל מען נישט לאָזן הערן שופר און נישט געבן קיין אתרוג צו בענטשן, וואָרום אָן דעם קען מען דאָך על־פּי־דין גאָרנישט נעמען אין מויל.

---

*) באַוואוסטע קוראָרט נעבן לידז.

אַט דעם גוואַלדאָוונעם אויפטו האָט פּראָפעסאָר בראַזעצקי מסתמא געבראַכט פון קאָנגרעס קיין לידז. אודאי קען מען אין ענגלאַנד נישט איינפירן דעם פאַרבאָט פון שופר־בלאָזן און אתרוג־בענטשן, דער חוטא קען נאָך, חלילה, פאַלן אין חלשות און מיר קענען אַנגעקלאָגט ווערן פאַר „מענסלאָוטער״... האָט מען דאָרט אין לידז איינגעפירט אַנדערע גרויזאַמע סאַנקציעס — עליות־פאַרבאָט!

ירוחם וואָלט וועלן וויסן, ווי איז דער דין, אַז אַ לידזער איד וואָס צאַפּלט נאָך אַן עליה, גייט גאָר איינגאַנצן נישט אין דער דאָרטיקער גרויסער שול מיט דער עליה־גזרה, און ער גייט אַוועק אין אַ צווייטער און אין אַ דריטער שול, און האָט זיך אַזוי פיל עליות וויפיל זיין האַרץ גלוסט און וויפיל זיין קעשענע קען אים הערלויבן. וואו איז־זשע דאָ דער אויפטו?

ירוחם זאָגט, אַז ער ווייסט טאַקע פון אַזאַ פאַל; ער קען אַ אידן אין לאָנדאָן, וואָס מאַכט נישט קיין קידוש ביז ער האָט נישט קיין גאַנצע ד ר י י עליות אַ שבת. וואָס־זשע טוט דער איד? ער הויבט זיך אויף גאַנץ פרי און גייט איבער דריי שולן און האָט דריי עליות; אין דער ערשטער שול האָט ער „כהן״, אין דער צווייטער — „לוי״ און אין דער דריטער — „ישראל״.

אַז מ׳האָט דעם עליה־איד געפּאַקט איינמאָל ביי דער מעשה, האָט אים דער רב פון דער שול געפרעגט: „איר זענט אַ כהן?״ האָט ער גע־ענטפערט: „יאָ, רבי, איך בין אַ כהן!״ פרעגט ווייטער דער רב: „און אַ לוי?״ ענטפערט דער איד גאַנץ פשוט: „איך בין אויך אַ לוי!״ פרעגט שוין דער רב: „און אַ ישראל זענט איר אויך?״ ענטפערט דער איד מיט תמימות: „יאָ, רבי, אַ ישראל בין איך אויך!״ ווערט שוין דער רב מלא חימה און פרעגט: „אפשר זענט איר אויך אַ בור־דאורייתא?״ ענטפערט דער איד שוין מיט שטאָלץ: „אודאי, רבי, געוויס בין איך דאָס!״

און טאַקע צוליב דעם, זאָגט ירוחם, צוליב די שיינע פאַרשוינען וואָס כאַפּן אַריין אומזיסטע און פרעמדע עליות, וואָלט לידז געהאַרפט איינ־פירן, אַז די „אידענטיטי־קאַרד״ פון יעדן פאַרזינדיקטן זאָל זיין אָפּגע־שטעמפּלט מיט די ווערטער: “No Aliya and No Mitzvah” ווייל בלויז מיט אַזאַ באַוואָרעניש קענען די סאַנקציעס זיין ווירקזאַם. ירוחם האַלט, אַז איצט בעת לידז האָט אַ אידישן לאָרד־מעיאָר וועלכער האָט אַלע שטעמפּלען אין זיין האַנט, איז ער אויך בכח אַוועקצולייגן אַזאַ שטעמפּעלע.

נאָר די פראַגע איז גאָר אַן אַנדערע:

ווי די לידזער גרויסע שול האָט געמאָלדן, וועלן די עליות־סאַנקציעס אויסגעפירט ווערן לגבי די, וועלכע זענען שוין זייער געריכטלעכע

שטראָף אָפּגעקומען. אם־כן, פרעגט זיך, אַז אַ מענטש איז שוין פאַר זיינע מעשים־טובים איינמאָל אין „חד־גדיא" אָפּגעזעסן, טאָ פאַרוואָס קומט אים אַ צווייטע שטראָף? פאַרוואָס דאַרף מען אים שמייסן מיט צוויי בייטשען?

איז דער תירוץ אַזאַ:

אין לידז איז מפטיר שטאַרקער פון „חד־גדיא"!

און אַז אַ איד וועט דאָרט וויסן, אַז נאָך אַלע היום׳ס, נאָך אַלע גע־ריכט־צרות און תפיסה־יסורים וועט ער קיין עליה אויך נישט באַקומען, וועט ער שוין לכתחילה מיט׳ן יצר־הרע קיין מגע־ומשא נישט האָבן.

אָט ווי ווייט ס׳דערגרייכט די גאונ׳ישקייט פון אונזער „עם־חכם־ונבון".

ירוחם זאָגט נביאות

מיין לאַנדסמאַן ירוחם דער מלמד האָט תרעומות אויף טשערטשיל׳ן, למאַי ער האָט אים אָפּגעטון אויף טערקיש: בעת ער, ירוחם, איז געווען פאַרנומען מיט׳ן אויסקנעטן דעם „פּורים־קוילעטש"*) האָט טשערטשיל געכאַפּט און צוטריבן דעם „חדר" זיינעם, נישט ירוחם׳ס נאָר טאַקע טשערטשיל׳ס „חדר" — דעם „קאַבינעט", און הענדום־פּענדום האָט ער אויפגעשטעלט אַ נייעם „חדר" מיט נייע באַהעלפערס און נייע טייטהעלצלעך — אַ שפּאָגל נייעם קאַבינעט.

ירוחם האָט אייגנטלעך געהאָפט, אַז טשערטשיל וועט זיך מיט אים באַראַטן מכח דעם צוזאַמענשטעל פון נייעם „חדר", מחמת ירוחם האַלט, אַז ער איז אַ פיל גרעסערער מלמד פון אַלע מלמדים, וואָס טשערטשיל האָט ביז היינט געהאַט און האָט נאָך איצט. „אַז מ׳רעדט פון מלמדים, טאָ לאָזט מיך!" — אַזוי זאָגט ירוחם. לכל־הפּחות, האָט ירוחם דערוואַרט, אַז טשערטשיל וועט אים געבן עפּעס אַ שטעלע אין זיין קאַבינעט. ירוחם האָט זיך נאָך פאַרדינט צו זיין אַ שטיקל מיניסטער. טשערטשיל האָט עס געדאַרפט טון צו־להכעיס ירוחם׳ס שונאים און זיין ראַשע־גיטל׳ן, וואָס רופט אים „מיניסטער־קאָפּ".

נאָר פאַרפאַלן. טשערטשיל האָט אויף ירוחם׳ן געוואָרפן אַן אומ׳חן. ער קען, זאָגט ער, מיט ירוחם׳ן נישט עסן קיין קוגל פון איין טעלער. אַזוי האָט ער אויף זיין מליצה־שפּראַך דערקלערט. די וועלט ווייסט אָבער פאַרוואָס טשערטשיל קען זיך מיט ירוחם׳ן נישט פאַרטראָגן, ווייל צוויי מלכים קענען נישט זיצן אויף איין כסא־מלוכה... דאָס זענען צוויי „גדולים" מיט צוויי שטאַרקע ווילנס; ירוחם ו ו י ל אַריין אין קאַבינעט און טשערטשיל ו ו י ל אים דאָרט נישט האָבן.

מילא, זאָגט ירוחם, אויב איך געפעל טשערטשיל׳ן נישט, זענען דאָרט ביי אים אין פאַרלאַמענט פאַראַן אַנדערע ירוחם׳ס, ווי האָר־בעלישא, שינוועל, פּערסי הערריס, ליפּסאָן, סילווערמאַן — אמת׳ע „אידישע קעפּ", וואָס וואָלטן געקענט זיין פונקט אַזעלכע גוטע מיניסטאָרן ווי

---

*) אַ פורים־בלאַט, דערשינען אין די „צייט" אין 1942, צוזאַמענגעשטעלט פונ׳ם מחבר מיט דער מיטהילף פון ירוחם׳ן.

די אַנדערע דאָרט, וואָס זענען איצט געוואָרן דאָס אויבערשטע פונ׳ם מלוכה־שטייסל. בכלל, האַלט ירוחם, אַז ס׳איז שוין געקומען די צייט טשערטשיל זאָל אַראָפּנעמען די האַנט פונ׳ם האַרצן און אַריינגעמען אין קאַבינעט אַריין אימיצן מאנשי־שלומינו. וואָס האָט ער מורא, וואָס ? די נאַציס וועלן זאָגן אַז ס׳איז אַ אידישער מיניסטעריום ? האָבן זיי עס שוין טאַקע סיי־ווי־סיי געזאָגט.

נאָך מער : זיי האָבן אים גופא, טשערטשיל׳ן בכבודו ובעצמו, גע־אידישט. זיי האָבן איצט אַרויסגעלאָזט אַ גאַנץ ווערק, וואו זיי ווייזן אויף, אַז טשערטשיל שטאַמט פון חיה איטקע די גבאי׳טע פונ׳ם ווילנער שול־הויף און הייסן הייסט ער נישט „טשערטשיל״, נאָר ווי די ליטוואַקעס זאָגן „צערציל״, וואָס איז פאַרגרייזט פון הערציל, און הערצל, ווייסט דאָך די גאַנצע וועלט, איז דער איד מיט דער שוואַרצער באָרד פון ווין, וואָס האָט זיך געשדכנ׳ט צום טערקישן סולטאַן און געוואָלט אַרויסנאַרן פון אים זיין שיינע טאָכטער „פּאַלעסטינע״... אָט דער הערצל האָט, מיט אַ מעסער אונטער זיין קאַפּאָטע, זיך פאַר׳גנב׳עט קיין ירושלים, בעת דער דייטשער קייזער איז דאָרט געווען אויף אַ וויזיט, און האָט אים געוואָלט דער־שטעכן. און דער זעלבער הערצל האָט דאָס טאַקע נישט צוגעלאָזט צום עסטרייכישן אַנשלוס מיט דייטשלאַנד. פון דעם הערצל שטאַמען אַלע אגודה׳יסטן, בתוכם — טשערטשיל, וואָס בלאָזט „שויפער״ אין „סוקע״, בענטשט „כאַנוקע־ליכט״ צום „סיידער״ און עסט „מאַצע״ אין דעם אי־דיש־באָלשעוויסטישן יום־טוב „טישעבאָוו״ צום אָנדענק פון דעם מאַרקסיסט „סימכעסטוירע״...

היינט, נאָך אַזאַ אַטעסטאַט, וואָס האָט שוין טשערטשיל מורא ? סיי־דען ער ציטערט טאָמער וועט ער, צוליב אונזערע מיניסטאָרן, דאַרפן אונז מיט עפּעס אָפּדינען. אַ קשיא אויף אַ מעשה ? מיר קענען טאַקע אפשר וועלן אַנערקענט ווערן אַלס פאַרבינדעטע מיט אַן אייגענער אַרמיי און שפּעטער אויך וועלן אַן אייגענע מלוכה. און מה־דאָך, אַז מיר זענען אין קאַבינעט נישטאָ, דרייען מיר אים אַ ספּאָדיק, אַ פשיטא שוין, אַז ירוחם וועט זיין אַ יוצא־ונכנס אין נומער 10 דאונינג סטריט ? דעמאָלט איז דאָך טשערטשיל אַן אָפּגעקאָכטער !

נאָר ירוחם וויל טשערטשיל׳ן מבטיח זיין, אַז די מורא זיינע איז אַ פוסטע, מחמת אונזערע מיניסטאָרן וואָלטן ביי אים גאָרנישט געמאָנט, לחלוטין גאָרנישט. אַזוי איז שוין דער הרך־הטבע פון אַ אידישן מיניס־טער... ער קריכט אַרויס פון דער הויט, פון זיין אייגענער נאַציאָנאַלער הויט... זיין אייגן פאָלק עקזיסטירט פאַר אים נישט, ווייל ער זעט בלויז די ברייטע וועלט, וואו זיין פאָלק ווערט נבלע אין די אַלגעמיינע געדע־רים און ווערט דאָרט בטל בששים.

און ירוחם זאָגט נביאות:

והיה באחרית הימים, ס'וועט נאָך קומען אַ צייט, אַז טשערטשיל אַליין, בעת ער וועט אין אַ שיינעם שבת שטיין אויפ'ן באַלעמער און טייטשן נייע מיניסטאָרן־עליות, וועט ער בקול־רם אויסרופן: „יעמוד מורנו ר' ישראל — מפטיר!" ווייל בלויז מיר אידן וועלן קענען זאָגן מיט'ן טראָפּ דעם מלחמה־מפטיר. מיר אידן, אַז מיר טוען עפּעס, איז עס מיט האַרץ און מיט נשמה, הונדערט־פּראָצענטיק. אַזוי וועט עס אויך זיין אַז מ'וועט אונז איבערגעבן אַ שטיקל מלחמה אין אונזערע הענט. אין דעם פּרט שטייען מיר אויף איין מדרגה מיט די סאָוויעטן. מיר שלאָגן זיך נישט פאַר טעריטאָריעס, מיר שלאָגן זיך פאַר אונזער קיום. דאָס איז דער קאַמף פאַר'ן עקזיסטענץ פון אונזערע ווייבער און קינדער! און קיינער איז נישט מסוגל צו ברענגען אַזוי פיל קרבנות ווי מיר אידן.

זאָל אונז טשערטשיל אַנפאַרטרויען אַ שטיקל פראָנט, זאָגט ירוחם, און אויב ער וויל גאָר, זאָל ער אונז פאַרדינגען אויף אַ האַלב יאָר די מלחמה. אדרבא, מיר זענען בעלנים צו נעמען די מלחמה אין אַרענדע אויף זעקס חדשים אָדער אפילו אויף אַ יאָר און זאָל ער אונז געבן אַ „טשאַנס" צו באַווייזן וואָס מיר קענען. וואָס האָט ער צו פאַרלירן? מיר וועלן אים אין אַ יאָר אַרום אָפּגעבן נישט קיין ערגערע מלחמה, ווי ס'האָט אים אָפּגעגעבן זיין לעצטער קריגס־מיניסטער.

* * *

פונדעסטוועגן, נישט קוקנדיג אויף אַלע קריוודעס, געפעלט ירוחם'ען דער טויש וואָס טשערטשיל האָט געמאַכט אין זיין קאַבינעט. מ'האָרף האָבן אַ כח צו נעמען און איבערטאַשן דאָס גאַנצע פּעשל קאָרטן... צי דער טויש איז אַ גוטער אָדער נישט — אין דעם גייט ירוחם נישט אַריין. וואָס'אַראַ קאָרטן מ'קריגט, מיט די שפּילט מען. ביי ירוחם'ען איז דער טויש גופא אַן ענין גדול. פאַר דעם קומט טשערטשיל'ן אַ יישר־כח.

ירוחם קען בלויז נישט פאַרשטיין די ענגלענדער. האַכט זיך, זיי האַלטן זיך פאַר אַן אָפּשטאַם פון די עשרת־השבטים, נאָר זייער האַנד־לונג איז גאָרנישט ווי ביי אונז אידן. הערט אַ מעשה: מ'נעמט מיניס־טאָרן און מ'גיט זיי פלוצלינג אַזאַ זעץ אַרויס פון „ווהייטהאָל" אַז זיי קלויבן די ציין... אין די „סיטי", און ס'איז שאַ־שטיל. קיינער איז נישט געקריוודעט, קיינער ברעקוועט זיך נישט. ס'זענען נישטאָ קיין שפּאַל־טונגען, פּראָטעסטן, דעמאָנסטראַציעס — גאָרנישט!

אַ מאָדנע פאָלק. ס'אַרט זיי נישט דאָס „בענקל".

בײ אונז, אַז אײנער זעצט זיך אַוועק אויפ'ן „בענקל", איז עס לעולם־ועד! מעג דאָס „בענקל" סקריפּן, קרעכצן, אָכצן און יאָכצן — און ער זיצט! אַז דאָס „בענקל" הויבט זיך אָן צו שאָקלען, האַקט ער אַרײַן עט־לעכע טשוועקעס און זיצט װײַטער. דאָס „בענקל" גײט בײ אונז איבער בירושה צו קינדער און קינדס־קינדער עד סוף־כל־הדורות. אַ „בענקל" איז בײ אונז אַן אײביקע זאַך. איר קענט אײך זײַן אַן אפּיקורס אין אײ־ביקײטן, אָבער איר מוזט מודה זײַן, אַז אַ „בענקל" איז בײ אונז אַ נצחיות. אַז אײנער באַקומט בײ אונז אַ „בענקל" נײט ער זיך גלײך אויף אַ פּאָר לעדערנע הויזן... אונזערע כלל־טוער זענען שוין אַזוי צוגעוואַקסן צו די „בענקלעך", אַז זײ דרײען זיך אַרום מיט צוגע־קלעפּטע „בענקלעך" צו די געזעסן...

נאָר ס'וועט נאָך קומען אַ צײַט, זאָגט װײַטער ירוחם, ווען די לע־דערנע הויזן פון אונזערע בענקל־זיצער וועלן זײַן אַזוי אויסגעריבן, אַז זײ וועלן שוין אויף זײערע „בענקלעך" נישט קענען זיצן. וועלן זײ נעמען די „בענקלעך", אַרויס מיט זײ אין גאַס צו „עמך" אין װײַטשעפּל און שרײַען: „אידן, ווער וויל אַ בענקל? נעמט אַ בענקל!" און קײנער וועט עס נישט נעמען. וועלן די כלל־טוער פאַר כעס צוברעכן די „בענקלעך" זײערע אויף פּיץ־פּיצלעך. אויס „בענקלעך"! און װײַטשעפּל וועט װײַטער לעבן ווי זי האָט ביז איצט געלעבט און וועט גאָרנישט פילן, אַז ס'פעלט איר דאָס „בענקל" אָדער דער בענקל־זיצער.

אַזאַ אָפּטימיסט איז ער, ירוחם.

איך גיי קויפן א קריגס־שיף

„שפעטער, נאָך דער מלחמה, וועט מען אויך
פאַרקלענערן דעם פלאָט און צאָל עראָפּלאַנען"
(פון די עקאָנאָמיע־פלענער)

און אין אַ פּרימאָרגן, עפנענדיק אַ לאָנדאָנער אידישע צייטונג, געפין איך אַזאַ אַנאָנס:

צו פארקויפען

צו פאַרקויפען פינף סעקאָנדהענדיגע קריעגס־שיפען. בית געיחוד זייט לעצטער מלחמה. גוט־געהענדע ביזנעס. מוז שנעל פאַרקויפט ווערען. אורזאַכע: עקאָנאָמיע. זיך צו ווענדען צו מיס־טער מיניסטער, 10 האונינג סטריט. טאָפּ פלאָר, דריי נאָקס.

טראַכט איך זיך:

די „פינוסע" איז געשלאָגן. אַרבעט איז נישטאָ. סיי־ווי וויל איך זיך נעמען צו עפּעס בייעס; איך האָב גאָר בדעה אַרומצופירן כשר'ע מילך אָדער „טרעוולען" מיט ארץ־ישראל ווין, פאַרוואָס זאָל איך בעסער נישט אָפּקויפן אַ קריגס־שיף?

איי, וואָס וועל איך טון מיט דער קריגס־שיף? אָט טאַקע דאָס זעלבע וואָס איך האָב בדעה איצט צו טון: איך וועל מיר מיט דער קריגס־שיף אַרומפירן מילך אָדער ווין. על־פּי־רוב, ס'איז אַ וועגעלע אָדער אַ „בערע". אַ קריגס־שיף איז פאַר מיר נאָך בעסער; ס'האָט אַ מעלה וואָס איך דאַרף נישט גיין זוכן קיין וואַסער פאַר די מילך אָדער פאַר'ן ווין און איך בין פטור פון אַלע מחזיקות מיט'ן אינספּעקטאָר פון דער „וואָטער באָרד", וואָס שרייט אַז די „פייפס" זענען ביי מיר שטענדיק אָפן... מיט אַ קריגס־שיף איז הא־גברא והא־טראַסקא! געכליאַפּעט און פאַרקויפט! אַבי דאָס וואַסער איז נאָר כשר.

דער חסרון איז בלויז, וואו וועל איך נעמען אַ וואַסער אַרומצופאָרן איבער וויטשעפּל? — נאָר צוריקגעשמועסט, ווער זאָגט עס אַז אַ קריגס־

שיף דאַרף דווקא האָבן וואַסער? אַז ס'איז נישטאָ קיין וואַסער איז אַ בלאָטע אויך רעכט. און דאָס פעלט דאָך נישט, ברוך־השם, ביי אונז.

בין איך מיר אַוועק קיין האוסינג סטריט און געגעבן דריי "נאָקס". פון אַ פענסטער אויף גאָר העם העכסטן עטאַזש האָט אַן אַלטע "יויקלטע" העם קאָפּ אַרויסגעשטעקט און געפרעגט:

— יעס! וואָט איז איט?

ענטפער איך מעשה־סוחר:

— איי וואָנט טו באַי דהי שיפּס!

גייט זי אַראָפּ, די ערל'טע, עפנט די טיר און פירט מיך אַרויף.

בעמט מיך דאָרט דער מיסטער מיניסטער זער פיין אויף; זיין פּנים שמייכלט — אַ סימן אַז ער וואַרט אויף אַ פּאַטשאַנטעק און איך בין זיין ערשטער קונה. דערציילט ער מיר וואָס'אַראַ פיינע שיפן דאָס זענען. פינף שיפן ווי די בערן. היינט זייערע מעלות זענען גאָרנישט אָפּצושאַצן: זיי קענען באָמבאַרדירן, שיסן און איינליינגן אַ וועלט.

זאָג איך צו אים:

— דאָס באָמבאַרדירן און שיסן בין איך אייך מוחל. דאָס איז פאַר אייך אַ געשעפט! כ'וויל נישט קיין וועלטן איינליינגן. כ'וויל פון די שיפן האָבן עפּעס אַ נוץ, כ'וויל פון זיי מאַכן אַ לייט, כ'זאָל פון זיי האָבן "פינוסע". נאָר פינף שיפן דאַרף איך נישט. פאַר מיר איז איינע אויך גענוג.

זאָגט ער מיר:

— "שור", וועט איר "מאַכן אַ לעבן" פון די שיפן. נאָר בלויז איינע פאַרקויף איך נישט. אָדער אַלע אָדער גאָרנישט!

זאָג איך:

— איז אויס! דאַרף מען נישט!

און איך נעם מיר מיין קאַפּעלוש און קלויב זיך אַוועקצוגיין.

נעמט ער מיר אַרויס דעם קאַפּעלוש פון דער האַנט און זאָגט:

— "וואָט'ס דהי האַררי", וואָס איז דער געלויף? לאָזט אייך דינגען! איך וועל אייך די שיפן פאַרקויפן פאַר אַזאַ "קאַט־פּרייז" וואָס ס'האָט זיך אייך אפילו נישט געחלומ'ט. איך גיב זיי אַוועק פאַר אַ "באַטינג". איר וועט האָבן אַ "ריעל באַרגן".

בין איך שוין טשיקאַווע צו וויסן "מה־יקר"; וויפיל ער וועט זיך הייסן אַ בענטש טון, און איך טו אים אַ פרעג:

— וואָס הייסט ביי אייך אַ "באַרגן"?

ענטפערט ער זיך גאַנץ קאַלטבלוטיק:

— אַ "פיוועך"!

מאַך איך זיך תמ'עוואַטע און פרעג:

— פאַר יעטוועדע אײנע?

ענטפערט ער קורץ:

— ניין! פאַר די גאַנצע „לאָט״!

פרעג איך ווידער:

— „קעש־מאַני״?

ענטפערט ער שוין בייזלעך:

— שור! וואָס־דען, „וויקלי־פּיימענטס״?

אַ „פּיוער״ פאַר פינף שיפן, טראַכט איך זיך, איז טאַקע קיין געלט נישט. נאָר עפּעס איז עס מיר צו ביליק, אַ צו גרויסע מציאה. ווער ווייסט וואָס׳אַראַ בראָך דאָס איז. וואָס׳אַראַ צרה ער וויל מיר דאָ אַריינרוקן.

און איך גיב אים אַ פרעג:

— קען מען זיי אָנקוקן?

ענטפערט ער מיר אויף זיין קאַלטן שטייגער:

— דאָ האָב איך זיי נישט. זיי זענען ביי די „דאָקס״. נאָר איך קען אייך ווייזן אַ „פּיקטשע״.

און ער שטופּט מיר אין פּנים אַריין אַ שטויס פאָטאָגראַפיעס.

געפעלט מיר שוין דאָס גאַנצע עסק נישט. איך וויל אָנקוקן די כלה און ער הייסט מיר יוצא זיין מיט אירס אַ בילד.

זאָג איך צו אים איין וואָרט:

— „נאָ־גוד!״

קוקט ער מיר אַזוי מאָדנע אָן און ער גיט אַ פאַר אַרויס:

— „וואָט ד׳יו מיען״? וואָס הייסט „נאָ־גוד״? זינט ווען זענט איר עס געוואָרן אַזאַ מבין אויף שיפן?

שרעק איך זיך נישט איבער און זאָג אים גאַנץ פּשוט:

— „נאָ־גוד״ הייסט, אַז איך וויל נישט קויפן אַ קאַץ אין אַ זאַק. איך וויל מיר ברענגען אַ מבין וואָס זאָל די סחורה אַ טאַפּ טון.

שמייכלט ער אונטער די וואָנצעס און פרעגט:

— ווער איז דאָס אייער מבין?

— מיין לאַנדסמאַן ירוחם!

און איך דערצייל אים אַז לויט ווי ירוחם האָט שוין צו טון געהאַט מיט שיפן, דאַרף ער היינט זיין אַ גאַנצער קאַפּיטאַן. נאָך איבגלוויז איז ירוחם׳ס לאָדקעווען זיך געווען מפורסם איבער׳ן גאַנצן שטעטל. אַז מיר פלעגן זיך אַריינזעצן אין דער לאָדקע און ער פלעגט אַ נעם טון די וויעס־לעס אין די הענט, האָבן מיר זיך אַ לאָז געטון ווי אַ לאָקאָמאָטיוו. אמת טאַקע, אַז צום סוף האָט ער אונז אַלעמען איבערגעקערט אין וואַסער אַריין. נאָר ס׳איז נישט געווען זיין שולד. מיר זענען שלעכט געזעסן, האָט ער אונז געגעבן צו פאַרשטיין. מיר האָבן נישט אויפגעהאַלטן די וואָג. ירוחם,

דערציי̆ל איך וויטער, איז אַזוי פֿאַרקאַכט אין שיפֿן, אַז באַלד ווי ער איז אַרויף אויף דער שיף אין האַמבורג, בעת ער איז געפֿאָרן קיין לאָנדאָן, האָט ער גענומען בײַשטערן אין אירע געדערים, כּדי צו דערגיין וואו ס׳געפֿינען זיך די „רעזערוו" און די גאַנצע מאַשינעריע. נאָר, מעשׂה־שטן, איז דע־מאָלט אויפֿ׳ן ים געוואָרן אַזאַ איבערקערעניש, אַז ירוחם האָט נישט גע־וואוסט, צי ער פֿאָרט אויף אַ שיף אָדער גאָר אין אַ באַליע... דאָ אין לאָנ־דאָן איז שוין ירוחם אויך געפֿאָרן אויף אַ שיף, אויף דער טעמזע, נאָר ער האָט פּלוצלינג באַקומען ים־קראַנקהייט... דאָס איז צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעוואוינט פֿון וואַסער. אַחוץ־דעם — —

האַקט ער מיר איבער אין מיטן, דער מיסטער מיניסטער, און רופֿט זיך אָן מיט כּעס:

— פֿאַר די לויזיקע פֿינף פֿונט ווילט איר נאָך ברענגען אַזעלכע מבֿינים?

— קאָכט אײַך נישט אַזוי, מיסטער! — ענטפֿער איך אים צוריק מיט רוגזה — איך גיב אײַך נאָך נישט קיין „פֿיוועער". וואָס מיינט איר, וואָס, „פֿיוועערס" וואַלגערן זיך אויף די גאַסן היינטיקע צײַטן?

— ווייסט איר וואָס? — איז ער שוין ווייכער געוואָרן — אויב איר וועט צונעמען די גאַנצע „לאָט" אַזוי ווי זי שטייט און גייט, וועל איך אײַך צוגעבן אַן עראָפּלאַן און עק זאָל עס נעמען!

דער אָנבאָט איז מיר געפֿעלן, ווײַל אַן עראָפּלאַן האָב איך ליב. אַן עראָפּלאַן איז נישט קיין שיף. צו אַן עראָפּלאַן דאַרף מען נישט קיין וואַ־סער און נישט קיין בלאָטע. מיט אַן עראָפּלאַן איז מען אַ פֿרײַער פֿויגל. מ׳פֿליט זיך אַרום פֿראַנק און פֿרײַ איבער די העכער און איבער די קוי־מענס, מ׳זעט וואָס ס׳קאָכט זיך בײַ יעדן אין טעפּל און מ׳שפּײַט אויף דער וועלט׳ס פּליך.

רוף איך זיך אָן צו אים:

— גוט! ס׳געשעפֿט איז געמאַכט! נאָר זאָלן די שיפֿן בײַ אײַך נאָך שטיין אַ ווײַלע. הערווײַל גיט מיר נאָר אַרויס דעם עראָפּלאַן און נאַט אײַך אַ פֿונט אַ דעפּאָזיט.

און ער האָט הערן דעם פֿונט, זענען בײַ אים די אויגן אויפֿגעלויכטן געוואָרן. ער האָט דאָס פּאַפּירל דרײַ מאָל אָפּגעשפּיגן פֿאַר אַ „גוט־אויג", עס טיף אין בוזים־קעשענע פֿאַרשטעקט און מיר אַ צעטל דערלאַנגט אַז איך זאָל גיין אָפּנעמען דעם עראָפּלאַן.

בין איך אַוועק אינ׳ם „סטייבל" פֿון די עראָפּלאַנען, גענומען די מציאה, זיך אַרײַנגעזעצט, אַ דרײַ אַהין אַ דרײַ אַהער, און ס׳הויבט זיך, איך פֿלי.

הכּלל, ס׳איז מיר וואויל. כ׳פֿלי מיר אַרום ווי אַ זומער־פֿייגעלע. איך

קוק מיר אַריין אין די שלאָף־צימערן, אין די קיכן, און ווי־ווי וואָס איך האָב זיך אָנגעזען. איך שעם זיך פּשוט צו דערציילן. איך זאָג אייך, אַז מ׳איז היינט מיט קיינעם נישט זיכער. לאָמיך שוין בעסער מאַכן אַ שווייג. נאָר פּלוצלינג האָב איך אין אַ פענסטער פון מיינס אַ באַקאַנטן דערזען עפּעס אַזוינס וואָס האָט מיר געגעבן אַ זעץ דאָס בלוט אין פּנים אַריין. ס׳איז מיר טונקל געוואָרן פאַר די אויגן און איך האָב דאָס רעדל אָפּגעלאָזט. איך פיל אַז איך זינק, איך נידער אַלץ טיפער און טיפער. מיט אַמאָל גיט זיך דער עראָפּלאַן אַ דריי איבער און — בריאָזג! טרררראַך!

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

אַז איך האָב געעפנט די אויגן האָב איך געזען, אַז איך ליג אַ האַלב־באַקעטער אויף דער פּאָדלאָגע נעבן מיין בעט, און אַרום מיר שטייען מיין ווייב און קינדער אין זייערע נאַכט־בגדים, בלאַסע, צושראָקענע, האַלב־טויטע.

— טפו! טפו! טפו! — שרייט מיר מיין ווייב אין פּנים אַריין — אַלע בייזע חלומות צו זייערע קעפּ, צו זיקער לייב און לעבן! אַ מענטש גיט עס אַזאַ פאַל אַרויס פון בעט. האָסט דאָך מיך אויף טויט איבערגע־שראָקן. איך האָב געמיינט, אַז די סטעליע איז מיר איינגעפאַלן. וואָס האָסטו פאַר׳ן שלאָף געגעסן אַזוינס, אַז ס׳האָט זיך דיר אַזוי שווער גע׳חלום׳ט?

און איך האָב אַ נדר געטון:

מער פאַר׳ן שלאָף נישט עסן קיין האַרטן קנאָבל־וואורשט און נישט לייענען קיין עקאָנאָמיע־פּלענער.

וואס איז דער טייטש?

(אַנגליציזמען גענוצט אין דעם בוך)

א

אַ קעי וויטה מי — מיט מיר האָט איר געטראָפן.

אַגריען נישט מיט מיין אינסייד — טויגן נישט פאַר מיין מאָגן.

אָוועקטיים — איבער־שעה׳ן.

אַוטסיידערס — פרעמדע.

אויסגעגאַנגען — אַרומגיין מיט אַ מיידל מיט׳ן צוועק חתונה צו האָבן.

אויסנעמען — דאָסזעלבע ווי „אויסגעגאַנגען".

אויפ׳ן אַקאונט — על חשבון.

אַטענדעט — באַזוכט.

אידענטיטי־קאַרד — פערזענלעכער דאָקומענט, אַ מין פּאַס וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין מלחמה־צייט אין ענגלאַנד.

איווניג־דרעס — אָוונט־קלייד.

איווניג־קלאַסעס — אָוונט־קורסן.

אַיי וואָנט טו באַי דהי שיפּס — איך וויל קויפן די שיפן.

אַיי עם שור — כ׳בין זיכער.

איינגעטרייעטע ביזנעס — איינגע־פירט געשעפט.

אינדיקדזשעסטשן (אינדיזשעסטשן) — אומפאַרדייעלעכקייט.

אינסייד — אינעווייניק.

איסט־ענד — מזרח־זייט פון לאָנ־דאָן, ד. ה. ווייטשעפּל.

אַלבעטשע (איי וויל בעט יו) — איך וועט זיך מיט אייך.

אָל־ראַיט — גאַנץ רעכט, גאַנץ גוט.

אָל ראונד מען — אַ מענטש וואָס טוט אַלערליי מלאכות.

אָמלעט — אייער־קוכן.

אַנדערגראונד — אונטערערדישע באַן.

אָנקל גיוו מי עי פּעני — פעטער, גיט מיר אַ פּעני.

אַפּוינטמענט — צוזאַמענטרעף, ראַנדעוואו.

אַפּ־וועסט — אַריסטאָקראַטישער טייל פון לאָנדאָן.

אַפּיזמענט — מפצה זיין, באַפרי־דיקן (טשעמבערליינ׳ס פּאָליטיק לגבי היטלער׳ן ביז לעצטער מלחמה).

אַפּענדיקס — „בלינדע קישקע".

אַפּער־קאַט — אַ זעץ אונטער דער גאָמבע.

אַר מיסינג — פעלען אויס.

אַרט־גאַלערי — קונסט־גאַלעריי.

אָרענדזשעס — פּאָמעראַנצן.

ב

באָטלס — פלעשער.

באַמאי לאיף (ביי מיי לייף) — זאָל איך אַזוי לעבן.

באַסטאַרדס — ממזרים, אויס־וואורפן.

באָקסינג־גלאַווס — באָקס־הענטש־קעס.

באַרבער — ראַזירער.

באָרד־אָף דעפּיוטיס — ענגלישער „ועד־הקהלות".

באָרדינג־הויז — פּענסיאָנאַט.

באָרדער — קוואַרטיראַנט.

(ח"י) באָש — אַכצן פּענעס.

ביוטיס — יפת־תואר׳ס.

ביוטי־קווינס — שיינהייטס־קעניגינס.

ביוטי קאָמפּעטישן — שיינהייט־קאָנקורס.

ביזי — באַשעפטיקט.

ביזיבאָדי — אַ „קאָכלעפל“.

ביי יור לאַיף — איר זאָלט אַזוי לעבן.

בילס — וועקסלען.

בלענקעטס — קאָלדרעס.

בלעק־אאוט — פאַרטונקלען, פאַרשטעלן דאָס ליכט.

בלעק־מאַרקעט — שוואַרצער מאַרק.

בעג — פּאַפּירענער שקאַרמיץ, אויך מאַרק־בייטל.

בעד־רום סוויט — שלאָפציממער־מעבל גאַרניטור.

בעטשלער — אַלטער בחור.

בעיסטער — פאַרסטריגעוועט אַ מלבוש.

בעליוו מי — איר מעגט מיר גלויבן.

בעק — הינטן.

בעק־רום — אַלקער, לעצטער צימער.

בעריעל־מעמבערס — קבורה־ מיטגלידער.

בערע — האַנט־וועגעלע.

ברעקפעסט — פרישטיק.

ג

גאָלף — באַקאַנטע ספּאָרטאָווע שפּיל אין ענגלאַנד.

גוד־באַי — גוט יונגל.

גוד־באַי — אַ גוטן טאָג.

(אַ) גינע — 21 שילינג.

געיווזד — גענוצט.

געלערי — טעאַטער־גאַלעריי, אויך בילדער־גאַלעריי.

געפינדישטע סאָליסיטאָרס — געענדיקטע אַדוואָקאַטן.

געפּריווטע — געפּרעגלטע.

געקאָווערט — געדעקט.

גראָסערי־שאָפּקעלעך — שפּייז־געוועלבלעך.

גראָסערי־שאָפּ קיפּער — שפּייז געוועלבניק.

גרייט ראָסל סטריט — די גאַס וואו ס׳געפינט זיך דער בנין פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאָנדאָן.

ד

דאָבל־פּאָקס — טאָפּלדיקן פּוקסענעם קאָלנער.

דאונינג סטריט — די גאַס וואו ס׳געפינט זיך די רעזידענץ פונ׳ם ענגלישן פּרעמיער.

דאָזן פּייסטעריס — אַ טוץ צוקער־געבעקס.

דאָקס — לאָנדאָנער משא־האַפן.

דזשאַדזש — ריכטער.

דזשאָינט — אַ זייטל פלייש.

דזשאָינט פאָרעין קאָמיטע — אַפּיציעלער אידיש פּאָליטישער קאָמיטעט אין ענגלאַנד.

דזשואיש וועלפער — אידישער וואוילטעטיגקייט־ צענטר פון דער אידישער קהלה.

דזשואיש יער בוק — יאָרבוך פון דער ענגליש־אידישער קהלה.

דזשוינען — זיך אָנשליסן.

דזשוס — אידן.

דזשינזשער־ביר — אינגבער־ביר.

דזשעם — איינגעמאַכטס.

דיוטיס — פליכטן, דינסט.

דינער — מיטאָג, וואַרעמעס.

דיס וועי טו דהי געלערי — דאָ אַרומעט גייט מען אַריין צו דער גאַלעריי.

דיסגרייס — אַ בזיון, אַ חרפּה.

דעטס־אָל — דאָס איז אַלץ, ווייטער גאַרנישט.

דעליווערן די גודס — ליפערן די סחורה, נישט אָפּנאַרן.

דעליווערן די טולס — צושטעלן די ווערקצייג.

דערפאָדערן — זיך פאַרגינען.

ה

האַאוס־אָף קאָמאָנס — ענגלישער פּאַרלאַמענט.

האו ד'יו דו — וואָס מאַכט איר?

האָל — זאַל.

האַרד־לייבאָר — קאַטאָרגע.

האַררי־אַפּ — אײַלט אייך צו.

הוטער — אויטאָ־טרובע.

העדעקל — געוויסער מין ענגלישער ים־פיש.

העט — הוט.

ו

וואוט — וואַל־שטימע.

וואָט איז איט אָל עבאַוט — וועגן וואָס האַנדלט זיך עס?

וואָט ד'יו מיען — וואָס הייסט עס?

וואָטער־באָרד — וואַסער־ליטונג אַדמיניסטראַציע.

וואָטער־מעלאָן — אַרבוז.

וואָטער־פרוף — גומי־ליילעך.

וואָטסאָנעים — ווי הייסט מען עס.

וואָטשמעקאָלאיט (וואָט יו מעי קאָל איט) — ווי איר רופט עס דאָרט.

וואַי נאָט — פאַרוואָס נישט?

וואָלוואָרטס — באַקאַנט איין פרויז געשעפט.

וואָנט מיינד — נישט אַרען.

וואָרקשאָפּ — וואַרשטאַט, פאַבריקל.

והייטהאָל — די גאַס וואו ס'געפינען זיך אַלע מלוכה־בנינים.

ווידזשעס — שכירות, אַרבעטס־לוין.

ווינדע — פענסטער.

וויעל־טשאָפּס — ריפּן פון קאַלב־פלייש.

וויקלי־פּעימענטס — וועכנטלעכע אָפּצאָלונגען.

וועדזשעטעבלס — גרינוואַרג.

וועל — הכלל.

וועסט־ענדער — מעריב־שטאָטיש, אַריסטאָקראַטיש.

ז

זייאָניסט עדיוקיישן — ציוניסטישע דערציאונג.

ט

טאַטשן — אָנרירן.

טאַים טו געט אַפּ, לעיזיס — צייט אויפצוהייבן זיך, פּוילענצער.

טאָפּ־פלאָאָר — גאָר העכסטער שטאָק.

טאַפּעני־פּערס — ביליגע טאָג־בילעטן.

טי־טאַים — 4 אַזייגער בייטאָג ווען די ענגלענדער טרינקען זייער נאָכמיטאָג טיי.

טיטשער — לערער.

טי־פּאָט — טשייניק.

טין — פּושקע.

טיקעט — בילעט.

טען־באָב — צען שילינג.

טענענטס — לאָקאַטאָרן, שכנים.

טענק־יו — אַ דאַנק אייך.

טעקסי — געדונגענע אויטאָ.

טעריבל — שרעקלעך.

טראָבלען — באַמיען.

טריידס — פאַכן.

טרעוולער — הויזירער.

טרעזשורער — דער נאָמען איבערן געלט פון אַ אינסטיטוציע.

טשיף־רבי — רב־הכולל.

טשיפּ־פּאָטיטעס — קאַרטאָפל צעשניטן ווי לאָקשן און געפּרעגלט אין פעטס (ענגלישער נאַציאָנאַלער מאכל).

טשיקן — עוף.

טשעמבער־מעיד — האָטעל־מיידל וואָס רוימט די צימערן.

טשערמאַן — פאָרזיצער.

י

יו אַר ע ספּאָרט — דו ביזט אַ ספּאָרטלער.

יו גאָט אים — האָסט אים דער־טאַפּט.
יוזשעל ברעקפעסט — געוועגלעכער פרישטיק.
יו־נאו — איר פאַרשטייט אַליין.
יוניאָן — געווערקשאַפט.
יונייטעד־סינאַגאָג — נאָמען פון דער אָפיציעלער אידישער קהלה.
יויקעלטע — גוי'ע.
יעס, וואָט איז איט — יאָ, וואָס באַדאַרפט איר?

ל

לאָט — אַ קופּע, אַ גאַנצער שטוים.
לאָנדאָן־ברידזש — די בריק איבער דער טעמזע, אַ געגנט אין לאָנ־דאָן.
לאָסעם — פאַרלוסטן, היזק.
לאָרד מעיאָר — בירגערמייסטער.
לייבאָר עקסטשיינדזש — אַרבעטס־בערזע.
לייברערי — ביבליאָטעק.
ליידיס — דאַמען פון דער געזעל־שאַפט.
ליין — באַקאַנטער אידישער מאַרק אויף ווייטשעפּל.
לענדלאָרד — דער באַלעבאָס פון דער דירה.

מ

מאַנדזשעראַמביזנעס (מיינד יור און ביזנעס) — פאַרנעמט זיך מיט אייערע אייגענע געשעפטן.
מאַנקי־נאַטס — „חזיר־ניסלעך".
מואווינג־פּיקטשעס — קינאָ.
מייל ענד געיט ביז אָלדגייט פּאַמפּ — די לענג פון דער גרויסער ווייטשעפּלער גאַס.
מיניסטער — רב, חזן.
מיסטער — הער.
מיסעס — מאַדאַם.
מעמבער־אָף־פּאַרלאַמענט — פּאַרלאַ־מענטס־מיטגליד. (פאַרקירצט: „מ. פּ.").
מעמבערס — מיטגלידער.
מענסלאָוטער — גורם זיין יענעמס טויט.
מענעדזשמענט — פאַרוואַלטונג.

נ

נאָ גוד — נישט גוט. ס'טויג נישט.
נאָ סער — ניין, מיין הער.
נאַטינג — גאָרנישט.
נאָטיס־געבן — קינדיקן, אָפּזאָגן זיך.
נאַטשורלייזט — נאַטוראַליזירט, געוואָרן אַ בירגער.
נאָק — אַ קלאַפּ אין דער פראָנטטאָ־ווער טיר ווי ס'איז דער מנהג אין ענגלאַנד.
נעווער — קיינמאָל נישט, אַ נעכ־טיקער טאָג.
נעקסט — דער צווייטער, דער נאָנ־טער.
נעקסט דאָר — די צווייטע טיר, ד. ה. דער שכן.

ס

סאָדע־פאָונטיין — זאָדע־וואַסער שטעלכל.
סאַיד־באָרד — בופעט.
סאָלאָ — אַ געוויסער ענגלישער קאָרטן־שפּיל.
סאָלט־ביף — געפּעקלט־פלייש.
סאָסייטי — געזעלשאַפט.
סאָפּער — וועטשערע.
סאָפּער איך — לייד איך.
סוויטס־שאָפּ — צוקערלעך־קראָם.
סוועטעוועט — אַרבעטן מיט שוויים.
סופּאָרטן — אונטערשטיצן.
סטאָלס — מאַרק־טישלעך אָדער פּאַרטער פון טעאַטער.
סטאָק — סחורה.
סטאָק־רומס — סחורה־לאַגער.
סטייבל — שטאַל.
סטיידזש — בינע.

סטעדי־ביזנעס — איינגעפונדעוועט געשעפט.
סיזען־טיקעט — סעזאָן־בילעט.
סיטי — דער מסחר־צענטר פון לאָנדאָן.
סי־סאַיד — אָפּרו־אָרט ביים ים.
סיט — זיץ־אָרט.
סיינט פּאַטריקס היי קלאַס האָטעל — ערשט קלאַסיקער האָטעל פונ׳ם הייליקן פּאַטרוס.
סינעמאַ — קינאָ.
סינק — וואַש־בעקן אין קיך.
סיקס — זעקס.
סלעק — די צייט ווען ס׳איז דאָ קנאַפּ אַרבעט.
סמאַרט פעלאו—געשיקטער מענטש, טויג צו אַלץ.
סעטלט — דערליידיקט, באַצאָלט.
סעי — זאָג נאָר.
סעלערס — קעלערס.
סעלפרידזש — באַרימט דעפּאַרטאַ־מענט געשעפט אין לאָנדאָן.
סעקאָנד־הענטיקע — פון דער צווייטער האַנט, געניצטע.
סערוויסעס — דאָס דאַוונען.
ספּאָט קעש — מזומן־געלט, האַרטע קלינגערס.
ספּעשל — ספּעציעל.

ע

עגס ענד בייקאָן — איינגעפּרעגלטע אייער מיט חזיר (ענגלישער נאַציאָנאַלער מאכל צו פרי־שטיק).
עוואַקואיס — עוואַקואירטע פון די גרויסע שטעדט צוליב דער מלחמה.
עי־אַר־פּי — לופט־שוץ אָרגאַני־זאַציע.
עלעקטעד — אויסדערוויילט.
ענדזשויעט — פאַרווילן זיך.
ענדזשויען די פּלעי — הנאה האָבן פון דער פּיעסע.
ענטייטלט — באַרעכטיקט.
עקטערס — אַקטיאָרן.
עקסידענט — אַ פּאַרפאַל, אַ סיבה.
עקספּיריענס — דערפאַרונג.
עקסקיוז מי — אַנטשולדיקט מיר.

פּ

פּאַון־שאָפּ — לאָמבאַרד, וואו מ׳באַרגט געלט אויף משכנות.
פּאָטי — צעדרייט, משוגע.
פּאָליס־סטיישן — פּאָליציי־אַמט.
פּאַס אַלאָנג דהי קאַר — רוקט אייך אַרויף צום אויבנאָן פון אָמניבוס.
פּאַרלע — וויזיטן־צימער, סאַלאָן.
פּובליק־הויז — שענק.
פּודינג — קוגל.
פּוט דעט לאיט אאוט — לעשט דאָס ליכט אויס.
פּיין־עפּל — אַנאַנאַס.
פּייפּ — לולקע, וואַסער־קראַן.
פּיקטשעס — קינאָ, קונסט־בילדער.
פּליז — זייט מוחל.
(די) פּלעי — פּיעסע.
פּראָפּערטי — אייגענטום, נחלה.
פּריטיקלע (פּאַרטיקולאַר) — אי־בערקלייבעריש.
פּרעקטיסעס — פּראַקסיסען, קונד־שאַפט.

פ

פאָגע — ענגלישער נעפּל.
פאָקס — פוקסענעם קאָלנער.
(אַ) פאַרדינג סוויטס — אַ גראָשן צוקערלעך.
(אַ) פויגל — פינף שילינג.
פול טאַים וואָרדן — פּראָפעסיאָ־נעלער לופט־שוץ אויפזעער.
פייווער — פינף פונט שטערלינג.
פייף באָב — פינף שילינג.
פינדישן דעם דזשאָב — ענדיקן די אַרבעט.
פינדישט אויס — פאַרענדיקט.
פיקסן — צורעכט מאַכן, אין אָרד־נונג ברענגען.
פערניטשע — מעבל.

פלו — אינפלוענציע.
פעקטאָרי — פאַבריק.
פעריער — פוטער־שניידער.
פערם — רייזע־געלט.
פערסטאָפאָל (פערסט־אף־אָל) — קודם־כל.

ק

קאוט — מאַנטל.
קאונטי־קאונסיל — שטאָדט־פאַר־וואַלטונג.
קאורט — געריכט.
קאַט־פּרייז — געשניטענע פּרייז, חצי־הנם.
קאָלד־דרינקס — קאַלטע געטראַנקען.
קאַט — שניט.
קאַם־אין — קומט אַריין.
קאַם־אַפּ — קומט אַרויף.
קאַמפּאָרטייבל — באַקוועם, רחבות'־דיק.
קאָמפּליין — קראַנקהייט.
קאָמפּליינטס — קריוודעס, טענות.
קאָנווענשן — אָפּמאַך.
קאָנעקשן — קונדשאַפט.
קאַסטומער — אַ קונה, אַ קונד.
קאַפּ־ע־טי — אַ גלעזל טיי.
קאַפּלס — פּאָרלעך.
קאַר — טראַמוויי, אָמניבוס, אויטאָ.
קאַר־סטרעפּ — אָנהאַלט־רימען פון „קאַר".
קאָרנער — עק, ראָג.
קוואַיט — שטיל זאָל זיין.
קייקס — קיכלעך, קוכן.
קיפּערס — געוויסע ענגלישע גע־רויכערטע פיש.
קעטל — קעסל.
קעטל־מאַרקעט — באַקאַנטער מאַרק אין לאָנדאָן, וואו מ'באַקומט אַלערליי אָפּגעניצטע זאַכן.
קען יו ביט איט — קענט איר מיר דערציילן עפּעס שענערס ?
קעפּקעלעך — קאַשקעטן.
קערטן — פאָרהאַנג.
קעש, קעש־מאָני — מזומן־געלט.
קריסטמעס — ווייַנאַכט.

ר

ראַביש — בלאָטע, „מושב".
ראוסט־ביף — געבראָטנס.
ראַשע — רוסלאַנד.
ראָלס־ראָיס — לוקסוס רייכסטער אויטאָמאָביל.
רומקעס — צימערלעך.
רייז אין די ווייזשעס — העכע־רונג אין שכירות.
רינג — קלינגט, טעלעפאָנירט.
ריעל־באַרגן — אַן אמת'ע מציאה.
רעדי־מעיד — פאַרטיקע געמאַכטע.
רעוורענד — טיטל פון אַ רב, חזן, שוחט, מוהל.
רעסלען — ראַנגלען, באָרען זיך.
רעספּעשאָן — עמפּפאַנג, קבלת־פּנים.

ש

שאָפּ־קיפּער — קרעמער.
שאָפּ־קייקס — קיכלעך פון בעקע־ריי, נישט היימיש געבאַקענע.
שאָפּקע — אַ קליין געוועלבל.
שאַראַפּ (שאַט אַפּ) — שווייג, מאַך צו דעם פּיסק.
שור נאָט — אַודאי נישט.
שור, שורלי — געוויס.
שי איז אַ דיער — זי איז אַ טייערע נשמה.
שעים — אַ חרפּה און אַ בושה.
שעלטער — שוץ־קעלער פאַר אַ לופט־איבערפאַל.

Printed and Published by I. Naroditczky & Sons,
129-131, *Cavell Street, London, E.*1.